STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09144

# IDISHE GESHIKHTE IN ROMANEN UN ERTSEHLUNGEN

Samson Erdberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אידישע געשיכטע

אין

## ראָמאנען און ערצעהלונגען

# זִכְרוֹנוֹת לְבֵית דָוִד

לויט הערמאן רעקענדארף און א. ש. פרידבערג

פון ש. ערדבערג

זעקסטער באנד

ניו יארק, תרפ"ד
1924

Copyright, 1924, by S. Erdberg.
All Rights Reserved.

# אינהאלט:

שבתי צבי
די פראנצויזישע רעוואָלוציע

# שבתי צבי

אין דעם שרעקליכען יאָהר ת״ח ווען כמעלניצקי צוזאמען מיט די טאָטערן זענען בעפאַלען די אידישע קהלות פון אוקריינא און געמאַכט אויף זיי מורא׳דיגע שחיטות, האָבען די טאטערן גענומען געפאנגען א סך אידען און אוועקגעפיהרט נאָך טערקיי און זיי דאָרט פערקויפט פאר שקלאַפען. א סך געפאַנגענע האָבען די טערקישע אידען אויסגעלייזט.

אויף איינע פון די שיפען מיט געפאנגענע וואָס די טאָטערן האָבען געפיהרט נאָך טערקיי, האָבען זיך געפונען דער רב פון טולטשין רבי אהרן און שמואל, רבי מנשה בן־ישראל׳ס זוהן. אויסער זיי זענען דאָרט געווען א סך פרויען, יונגע מיידלעך און בחורים.

די געפאַנגענע זענען געווען געשמידט אין קייטען און געלעגען אונטען אין שיף אין ענגשאַפט און שמוץ.

פינף וואָכען זענען די געפאנגענע געלעגען געבונדענערהייט אין דער פינסטער. עס איז געווען שטיקענדיג און זיי האָבען קוים געאטעמט. קראַנק פון דער ים־רייזע און די צרות האָבען זיי זיך געשלעפט אין גרויסע שטורמס ביז די שיף איז אָנגעקומען נאָך קאָנסטאַנטינאָפאָל.

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג האָבען די טאָטערן ארויפגעפיהרט די געפאנגענע אויפ׳ן דעק און זיי האָבען דערזעהן ווי דער ברעג איז פול מיט אידען, וואָס קוקען אויף זיי.

באַלד זענען עטליכע אידען אויף א קליין שיפעל צוגעפאָהרען און אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף. דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיי דערלאַנגט א פאַפיר מיט די נעמען פון זיי געפאַנגענע און די סומען אויסלייז־געלד וואָס ער פאָדערט פאר איטליכען באזונדער.

די עטליכע אידען האָבען אָפּגעשריבען די רשימה און

אוועקגעגאנגען מיט דעם שיפס־קאפיטאן אין זיין קאיוטע, א שטיק צייט זענען זיי דארט געזעסן און צוריקגעפאהרען צום ברעג און געשמועסט א ווײלע מיט די ווארטענדיגע אי־דען און זענען זיך צוגאנגען. פאר'ן צוגעהן זיך האבען זיי געווינקען צו די געפאנגענע אז זיי וועלען באלד צוריקקומען.

ביז פארנאכט זענען געלעגען די געפאנגענע אויפ'ן דעק און זייערע הערצער האבען זיך געווארפען צווישען שרעק און פרייד, וועלען זיי באלד ווערען אויסגעלייזט אדער זיי וועלען ווערען פערקויפט צו שקלאפעריי ?

פארנאכט זענען ווידער געקומען די עטליכע אידען און אוועק מיט דעם שיפס־קאפיטאן אין זיין קאיוטע. אז זיי זענען ארויסגעקומען האט דער שיפס־קאפיטאן בעפוילען די מאטראזען ארפצונעמען די קייטען פון רב רבי אהרן, די עלטערע אידען און די פרויען און זיי צופיהרען צום ברעג. זיי זענען אויסגעלייזט.

די איבריגע וואס זענען געבליבען, צווישען זיי שמואל, האבען זיך שטארק צעוויינט, זעהענדיג אז זיי בלייבען אין געפאנגענשאפט און זייער סוף וועט זיין שקלאפעריי.

אבער די עטליכע אידען, די פערטרעטער פון דער אידי־שער קהלה אין קאנסטאנטינאפאל, האבען זיי געטרייסט, אז די אידען פון די אנדערע שטעדט וועלען זיי אויסלייזען. אי־בער דער מלחמה צווישען ווענעדיג און טערקיי איבער קרעטא וואס ציהט זיך שוין דריי יאהר, איז געפאלען דער האנדעל אין קאנסטאנטינאפאל, און די אידען פון קאנסטאנטינאפאל זענען געווארען ארימער און קענען נישט אויסלייזען אלע־מען. די אידען פון די אנדערע שטעדט מאכען איצט בעסערע געשעפטען און זיי וועלען זיכער אויסלייזען אלעמען.

דער שיפס־קאפיטאן ווייס דאס און ער וועט פאהרען מיט די געפאנגענע צו די דאזיגע שטעדט, כדי ער זאל קענען קריגען דאס אויסלייז־געלד וואס איז פיעל מעהר וויפיעל ער קען בעקומען פאר זיי אויפ'ן שקלאפען־מארק.

די ווערטער האבען געטרייסט די פערבליבענע געפאנ־גענע און זיי האבען זיך א ביסעל בערוהיגט.

ווידער האט מען זיי ארפגעפיהרט אונטען אין שיף און פאהרענדיג זיבען טעג האט די שיף זיך אפגעשטעלט לעבען

סמירנא. דער שיפס־קאפיטאן האט זיי אוועקגעפיהרט אויפ'ן באזאר און אויסגעשטעלט שורות־וויים.

באלד זענען זיי ארומגערינגעלט געווארען פון שפאניש־רעדענדיגע אידען. זיי האבען אוועקגענומען דעם שיפס־קאפיטאן אין א קאפע־הויז און דארט זיך געזאמט א שעה צייט.

אז זיי זענען ארויסגעקומען האבען די אידען געשיינט פאר פרייד און דער שיפס־קאפיטאן האט בעפוילען די מאטראזען ארונצונעמען די קייטען פון אלע געפאנגענע און זיי לאזען פריי.

די אידען האבען איינגעטיילט צווישען זיך די געפאנגענע און זיי מיטגענומען צו זיך אהיים. איינער פון זיי האט דערהערט אז שמואל רעדט שפאניאליש האט ער זיך נאך דערפרעהט מיט איהם און צוגענומען צו זיך.

ער האט איהם דערצעהלט, אז אלע אידען פון דאנען שטאמען פון שפאניען און פארטוגאל. א טייל איז אהער געקומען אין צייט פון גירוש שפאניען און אנדערע, וואס זענען פערבליבען און געווארען אנוסים זענען איינציגווייס אנטלאפען און זיך געראטעוועט אין טערקיי, וואו זיי האבען זיך אומגעשטערט אומגעקערט צו זייער גאט און פאלק.

די צאהל פון די שפאנישע און פארטוגעזישע אידען איז געוועזען אזוי גרויס, אז די היגעבוירענע אידען האבען זיך אויסגעמישט מיט זיי און זיי רעדען אויך שפאניאליש.

דער נאמען פון שמואל'ס אויסלייזער איז געוועזען ר' עובדיה פעניירא, ער האט איהם געבראכט צו זיך אין הויז אריין און געהייסען זיינע משרתים זיי זאלען איהם ארומוואשען און איבערטאן.

אז ער איז ארויסגעקומען אין די נייע קליידער איז ער געוועזען א נייער מענש. ר' עובדיה האט איהם פארגעשטעלט פאר זיין פרוי און יונגען זוהן משה און זיי האבען איהם צוגענומען ווי אן אייגענעם און זיך געלאזט וואוילגעהן מיט א רייכע סעודה.

שמואל איז דעם זעלבען טאג קראנק געווארען און שטארק געפיבערט. ער איז געוועזען אין א סכנה. ר' עובדיה'ס הויז־געזינד האבען אנגעווענדט אלע מיטלען און זיי האבען איהם

געראַטעוועט. דער יונגער משה איז די גאַנצע צייט פון זײַן קראַנקהייט נישט אַפּגעטראָטען פון זיין בעט.

אז ער האָט נאָר געקענט אַראָפּגעהן פון בעט האָט משה איהם גענומען אין זייער טייע׳ן גאַרטען. ר׳ עובדיה מי׳ט׳ן ווייב און עטליכע פון זיינע גוטע פריינד פלעגען קומען צו איהם זיצען אין גאַרטען. צווישען די גוטע פריינד איז געווען אַ ספּרדישער איד, יצחק שאַלווירא און אן איטאַליענישער — משה קאַלמארי, פון ליוואַרנא. פון ליוואַרנא זענען מיט צוויי יאָהר׳ פריהער געקומען אהער ר׳ עובדיה און זיין זוהן.

---

סמירנא איז איינע פון די עלטסטע גריכישע שטעדט. און איז אין פערלויף פון איהר געשיכטע דורכגעגאַנגען אַ סך שטורמס, זי איז אָבער אַלץ געבליבען אַ גרויסע האַנ־דעלס־שטאָדט. ביז טערקיי האָט זי איינגענומען און איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואָס האָט פערכאַפּט דעם גאַנצען האַנדעל איז סמירנא אַראָפּ פון איהר גדולה. די איינוואוינער זענען געוואָרען פעראָרימט און די דאָרטיגע אידען זענען ס׳רוב געוועזען אָרימע פישער, פּראָסטע ארבייטער און גרינגס־הענד־לער.

אָבער זייט ס׳האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען טערקיי און ווענעדיג איז סמירנא געוואָרען רייך. די גרויסע סוחרים האָבען איבערגעטראָגען זייערע געשעפטען פון קאָנס־טאַנטינאָפּאָל, וואָס איז נישט געווען זיכער, נאָך סמירנא צוליעב איהר גוטען פּאָרט.

זענען דורכדעם די אידען געוואָרען רייך און עס זענען אהער געקומען אַ סך אידישע עשירים פון אנדערע לענדער.

ווען שמואל האָט זיי דערצעהלט וועגען די מורא׳דיגע שחיטות אויף אידען אין אוקריינא, האָט ר׳ עובדיה גע־זאָגט :

— דאָס איז אַ סימן אַז משיח וועט קומען אינגיכען. די גרויסע צרות זענען די חבלי משיח.

— יעדער דור האָט שוין געהאַט די סימנים אויף משיח׳ס־צייטען — האָט שמואל געזאָגט — ווער וויים וויפיעל דורות וועלען נאָך האָבען די דאָזיגע סימנים ?...

— היינט איז אנדערש — האט גע'טענה'ט ר' עובדיה — מיר האבען היינט די אמת'ע סימנים. מען האט שוין געפונען די פערלוירענע עשרת השבטים און אויך די בני משה פון איבער'ן סמבטיון.

שמואל האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינונג. האט ר' עובדיה איהם געוויזען א בריעף וואס איז אנגעקומען נאך סמירנא פון ירושלים, גע'חתמ'עט פון צעהן רבנים. זיי שרייבען, אז זיי האבען דערהאלטען א בריעף פון דעם אידישען מלך פון איבער'ן סמבטיון. דער בריעף איז אן אמת'ער. געבראכט האט דעם בריעף דער גרויסער חכם און דיין רבי ברוך גד, וואס די ירושלים'ער רבנים האבען איהם געשיקט אלס משולח נאך פערסיען. און מיט רבי ברוך גד האבען פאסירט וואונדערליכע זאכען.

ער האט פערבלאנדזשעט אין דער מדבר און רויבער זענען איהם בעפאלען און איהם בערויבט און געטויט זיין אייזעל. צעהן טעג האט ער דערנאך געבלאנדזשעט און זיך גענעהרט מיט גראז און דאס פייכקייט פון פעלזענשפאלטען.

אויפ'ן עלפטען טאג האט ער שוין נישט געהאט קיין כח צו געהן און ער איז אומגעפאלען און געבעטען אויף זיך דעם טויט. איז צוגעקומען צו איהם א הויכער מאן מיט א שווערד אין האנד. דער משולח רבי ברוך גד האט זיך דערשראקען און מיט די לעצטע קרעפטען זיך געוואלט אויפהויבען, האט דער מאן איהם געפרעגט אויף לשון־קודש ווער ער איז.

— עברי אנכי! — האט רבי ברוך גד געענטפערט.

— וואס טוסטו דא?

— שמע ישראל ד' אלהינו, ד' אחד! האט רבי ברוך גד איהם געענטפערט, און ער פאהרט אלס משולח צווישען אידען, געשיקט פון ירושלים.

דער מאן האט זיך דערפרעהט מיט איהם און האט איהם געגעבען צו עסען און וואסער האט ער איהם געגעבען פון זיין לאגעל און געזאגט:

— האב נישט מורא. איך בין אויך א איד, איך בין פון שבט נפתלי. ווארט דא און איך וועל געהן אנזאגען מיינע ברידער אז א חכם פון ירושלים איז דא.

ער האט איהם איבערגעלאזט ברויט מיט וואסער און גע־

וואָלט אוועקגעהן. האָט דער משולח איהם געבעטען ער זאָל איהם מיטנעמען, ווייל ער האָט מורא פאר רויבער אוןווילדע חיות. האָט איהם דער מאן געענטפערט אזוי :

— וואו איך געה איז זעהר ווייט און דו האָסט נישט קיין כח צו געהן אזוי ווייט. איך געה אויך נישט צופוס. נאָר מיט קפיצת הדרך קום איך גיך אהיים. האָב נישט מורא פאר קיין רויבער, מענשען קומען דאָ נישט אהער און פאר חיות זאָלסט אויך נישט קיין מורא האָבען, איך וועל דיר געבען א היילינגען "שם" אלס שמירה פאר חיות.

ער האָט אויפגעשריבען א היילינגען "שם" אויף א שטי־קעל פארמעט און איהם אָנגעהאנגען אויפ'ן האלז און איז תיכף פערשוואונדען.

אין דריי טעג ארום איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט :

— אין די דריי טעג בין איך אויסגעגאנגען א מהלך פון דריי חדשים רייזע. איך בין געוועזען ביי אלע שבטים און האָב זיי דערצעהלט די צרות וואָס איהר שטעהט אוים אזוי ווי דו האָסט מיר דערצעהלט. איך האָב אויך איבערגעלייענט פאר זיי דאָס כתב וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבען. זיי האָ־בען אלע שטאַרק געוויינט אויף אייערע צרות. איך בין אויך געוועזען ביי די בני משה אויף יענער זייט סמבטיון און זיי אליין דערצעהלט און זיי האָבען אויך שטאַרק געוויינט. דער מלך פון די בני משה האָט מיר מיטגעגעבען א בריעף צו די אידען פון דער הייליגער שטאָדט ירושלים, איך זאָל דיר איהם געבען און דו זאָלסט איהם אָפפיהרען נאָך ירושלים.

— וואָס איז דיין נאָמען ? — האָט רבי ברוך גד גע־פרעגט דעם מאן.

— מלכיאל.

מלכיאל איז מיט איהם געגאנגען דריי טעג אין דער מורא'דיגער מדבר. זיי האָבען גענעסען טייערע מאכלים וואָס מלכיאל האָט מיטגעבראכט. אויפ'ן פערטען טאָג האָט מלכיאל זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט :

— וויי־טער טאָר איך נישט געהן. דאָ איז אונזער גרע־ניץ. געה געזונטערהייט גלייך און זיכער און דו וועסט אָנקו־מען בשלום נאָך ירושלים. האלט הייליג די קמיע וואָס כ'האָב

אָנגעטאָן אויף דיין האַלז וועסטו זיין זיכער אַז קיין שום שלעכטס וועט דיך נישט טרעפען.

מלכיאל האָט איהם געגעבען אַ בייטעל גאָלד־שטיקער און עסען מיט אַ לאָגעל וואסער, איהם געקושט און געהאַלזט און שטאַרק געוויינט. פאַר'ן צושיידען זיך האָט מלכיאל געזאָגט :

— זאָל גאָט אויפקלייבען די צושפּרייטע אידען פון גלות נאָך ירושלים, אמן !

רבי ברוך גד איז געגאַנגען נאָך ירושלים און אָפּגעגעבען דעם פערזיגעלטען בריעף צו די רבנים. זיי האָבען געעפענט דעם זיגעל און איבערגעלייענט דעם בריעף און שטילערהייט צושיקט קאָפּיעס צו די עלטסטע פון די אידישע קהלות אָנזאָגענדיג זיי אַז די גאולה איז נאָהנט.

דער בריעף איז געשריבען מיט ספר תורה כתב פון די בני משה איבער'ן סמבטיון צו די חכמים פון ירושלים און צו די שבטים יהודה און בנימין וואָס זענען צושפּרייט אין גלות.

די בני משה שרייבען אַז זיי קלאָגען שטענדיג אויפ'ן חורבן בית המקדש און אויפ'ן לאַנגען גלות. זיי זענען מקנא די קינדער פון יהודה און בנימין וואָס כאָטש זיי זענען אין גלות קענען זיי געהן נאָך ירושלים צום כותל המערבי.

איינמאָל האָבען די עטיאָפּיער געפאַנגען אַ טערק און איהם פערקויפט פאַר אַ קנעכט אין לאַנד וואו עס וואוינען די שבטים דן, נפתלי, גד אשר. דער טערק האָט זיי דער־צעהלט פון די אידישע צרות האָבען זיי דאָס געלאָזט אָנזאָגען די בני משה. זיי זענען אָבער נישט געווען זיכער צי דער טערק זאָגט דעם אמת.

איצט אַז מלכיאל האָט זיי געבראַכט אַ בריעף פון רבי ברוך גד און זיי דערצעהלט ווי גרויס עס זענען די ליידען אין גלות, האָבען זיי שוין געגלויבט און שטאַרק געוויינט. ד'ער טאָג איז געווען פאַר זיי אַ טאָג פון טרויער.

זיי דאַנקען גאָט וואָס זיי זענען פריי, האָבען אַן אייגען מלכות און לעבען רוהיג. דער סמבטיון רינגעלט ארום זייער לאַנד און זעקס טעג פון דער וואָך שליידערט דער טייך שטיי־נער און קיינער קען נישט צוקומען צו זיי.

שבת רוהט דער סמבטיון. ער וואַרפט נישט קיין שטיי־

נער, ער איז אָבער ארומגערינגעלט מיט פייער און קיין שונא קען איהם נישט אריבערפאָהרען. אפילו די קינדער פון דן, נפתלי, גד און אשר קענען אויך נישט אריבער דעם סמבטיון. נאָר אז זיי ווילען זיי עפּעס אָנזאָגען שטעלען זיי זיך אוועק ביים ברעג סמבטיון אויף דער זייט, די בני משה שטעלען זיך אוועק ביים ברעג אויף דער צווייטער זייט און זיי שמועסען זיך דורך.

אין לאנד פון די בני משה איז נישטאָ קיין אומריינע זאך. נישט קיין ווערים, נישט קיין חיות און נישט קיין שדים. זיי געהען אָנגעטאָן אין טייערע קליידער און וואוינען אין וואונדערליכע פּאַלאַצען און האָבען א סך גאָלד און זילבער און איידעלשטיינער.

ביינאכט דארפען זיי נישט אָנצינדען קיין ליכט, ווייל עס איז ליכטיג פון די דימאנטען און בריליאנטען. יעדער לעבט הונדערט און צוואנציג יאָהר. קיין קינד שטאַרבט נישט ביי די עלטערנס לעבען.

זיי זענען אין א גרויסער צאָהל. פּערציג מאָל אזויפיעל וויפיעל אידען עס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים. זיי היטען די תורה און די מצוות און שווערען קיינמאָל נישט ביי גאָט׳ס נאָמען. ווער עס שווערט ביי גאָט׳ס נאָמען שטאַרבט אויפ׳ן דריטען טאָג. זיי פיהרען זיך לויט די אנווייזונגען פון גרויסען זקן וואָס זיצט תמיד אין שוהל. און יעדען טאָג הערען זיי א בת־קול פון הימעל וואָס ווארקעט ווי א טויב און זאָגט :

— „וועה איז דעם פאָטער וואָס האָט פערטריבען זיינע קינדער! און וועה איז די קינדער וואָס זענען פערטריבען געוואָרען פון זייער פאָטער׳ס טיש!"

אין סוף פון בריעף טרייסטען זיי די ברידער פון גלות אז די גאולה איז נאָהנט, וועלען זיי, די בני משה און די שבטים לעבען זיי, זיך אומקערען אין הייליגען לאנד.

דער בריעף איז געוואָרען געשריבען מיט דריי יאָהר צוריק און גע׳חתמ׳עט זענען :

דער מלך : אחיטוב בן עזריה.
דער נשיא : יהוצדק בן עוזה.
דער זקן : אוריאל בן אביאסף.

שמואל האָט זיך געוואונדערט וואָס די פע־לוירענע שבטים און די בני משה, וואָס זענען פערטריבען געוואָרען נאָך פאר׳ן חורבן פון ערשטען בית המקדש, שרייבען א לשון־קודש געמישט מיט גמרא־ווערטער. און ער האָט דאָס ארויס־געזאָגט אָפען:

— פון וואנען ווייסען זיי פון דער גמרא פון בבל?

— זייער לאנד איז דריי טעג רייזע פון בבל, האָבען זיי זיך דערוואוסט פון דער גמרא — האָט איהם דערקלערט משה.

שמואל האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

— איך גלויב נישט די גאנצע געשיכטע. דער בריעף איז א פאלשער.

— ווייסען מיר דאָך נאָך פון אלדד הדני, שוין א גע־שיכטע פון זיבען הונדערט מיט פינף און זעכציג יאָהר צו־ריק, אז די פערלוירענע שבטים ווייסען פון דער גמרא — האָט זיך אָנגערופען יצחק שאלווירא.

— אפשר האָט אלדד הדני אויך אלץ אויסגעטראכט און רבי ברוך גד האָט דאָס גענומען פון איהם, כדי צו פער־שטארקען די אמונה ביי אידען און בעליעבט צו מאכען די רבנים פון ירושלים, וואס ער איז זייער משולח צו קלייבען נדבות. דערפאר האָט ער דאָס אָנגעשטעלט אז זיי האָבען פערבינדונגען מיט די עשרת השבטים און די בני משה? — האָט שמואל א זאָג געטאָן.

— אויב אזוי — האָט ר׳ עובדיה געזאָגט אומצופרידען — מאכסטו א בלבול אויף די חכמים פון ירושלים. אלע ווייסען, אז די בני משה זענען א גרויס און מעכטיג פאָלק, און אז זיי זענען אויף יענער זייט סמבטיון.

— חלילה! דאָס לייקען איך נישט! — האָט שמואל געזאָגט — מיר אלע גלויבען אז גאָט וועט ארויסנעמען די אידען פון גלות. אז מען האָט שוין געפונען די שפורען פון די פערלוירענע שבטים אין נייען וועלט־טייל יווים איך אויך. מיין פאָטער רבי מנשה בן־ישראל האָט דאָס בעשריבען אין זיין ספר. אָבער דער בריעף וואָס רבי ברוך גד האָט געבראכט איז א רעטעניש. אָט שרייבען זיי, אז אפילו די שבטים קע־נען נישט אריבערגעהן איבער דעם סמבטיון. טאָ ווי האָט

דער געפאנגענער טערק געקענט אריבערגעהן צו זיי ? און ווי אזוי האט מלכיאל געקענט איבערגעבען די בני משה דעם בריעף פון די ירושלים'ער רבנים ? און ווי אזוי האט מלכיאל געקראגען דעם מלך'ס בריעף פאר רבי ברוך גד ? אט דאס גיט מיר צו פערשטעהן !

— וועגען די בריעף איז א קלייניגקייט ! — האט משה קאלמארי זיך אריינגעמישט — אלדד הדני האט שוין גע־שריבען אז זיי האבען טויבען וואס זיי בינדען צו צו זיי בריעף און שיקען זיי אבפיהרען די בריעף. און דער טערק ? אפשר איז דאס נישט געווען גלאט א טערק ? אפשר האט אליהו הנביא זיך פערשטעלט פאר א טערק ?

— אבער וואס קומט ארויס ווען מיר ווייסען וואו זיי זענען ? — האט שמואל געפרעגט — אז זיי טארען דאך נישט ארויס פון זייער גרעניץ ! און משיח קומט נישט ! ווער ווייס וויפיעל הונדערט יאהרען וועלען נאך אפלויפען ביז גאט וועט זיך מרחם זיין און שיקען דעם גואל !

אלע האבען זיך איבערגעקוקט. ר' עובדיה האט זיך אויפ־געהויבען און געזאגט :

— אין יעדען דור שיקט גאט א ניצוץ פון משיח... טאמער וועלען מיר זוכה זיין וועט ער אונז אויסלייזען. דער ניצוץ האט זיך אנטפלעקט צווישען אונז און אויב מיר וועלען זוכה זיין, וועט ער בעלייכטען די וועלט...

— זיין ליכט שיינט שוין. מיר גלויבען אין איהם און זענען זיכער אין זיין הילף ! — האט משה געזאגט מיט א פלאם אין פנים.

שמואל האט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט, נישט וויסענדיג וואס ער מיינט. זיי זענען אוועק אין א ווינקעל און זיך גע'סוד'עט. דערנאך האט משה איהם געזאגט מיט א הייליגען ציטער :

— שווער ביי גאט אז דו וועסט האלטען א סוד, שווער ביי דיין נשמה און חלק עולם הבא, אז דו וועסט נישט אויס־זאגען אונזער סוד !

— איך שווער ! — האט שמואל געזאגט און זיין הארץ האט שטארק געקלאפט.

— דו ביזט איצט איינער פון אונזעריגע, וועלען מיר דיר

אלץ דערצעהלען. דער ניצוץ פון משיח איז צווישען אונז. ער איז א גרוים ליכט. ווערסטו איהם זעהן, ווערסטו גלייך דערקענען אז ער איז משיח.

— מיט וואָסערע סימנים ?

— ער איז געבוירען געוואָרען תשעה באב אין טאָג פון חורבן ווען משיח איז געבוירען געוואָרען. דאָס איז איין סימן. דער צווייטער סימן איז דער וואונדערליכער זיסער ריח וואָס טראָגט זיך פון זיין לייב. א הימעלדיגער ריח. דער ריח וואָס עס טראָגט זיך פון מלך משיח...

— אין וואָס האָט זיך אנטפלעקט זיין קראַפט ?

— זיין קראַפט האָט זיך נאָך נישט אנטפלעקט. ער וועט זיך נישט בעווייזען מיט פראָסט מענשליכען כח. זיין כח איז אין נסתר, אין קבלה. מיט די הייליגע שמות קען ער בעשווערען די העכסטע כחות און משנה זיין די געזעצען פון דער טבע און טאָן אלץ וואָס ער וויל — דאָס איז זיין געטליכע קראַפט.

— קבלה איז נישט קיין נייעס — האָט שמואל געזאָגט

— מיין טאַטע האָט שוין אָנגעוויזען וואָס פאר א קראַפט עס שטעקט אין קבלה. אָבער נאָר ווען עס ווערט געטאָן מיט גאָט'ס רצון. ווער וויים צי איצט איז שוין געקומען די צייט פון דער גאולה ? צי מיר האָבען שוין משיח'ס צייטען ? א סך האָבען שוין געוואָלט ברענגען די גאולה מיט ס'גע־וואַלט !

— מיט הונדערט יאָהר צוריק איז שוין געוואָרען משיח'ס צייטען — האָט ר' עובדיה געזאָגט — דערפאר האָט רבי יעקב בירב געוואָלט איינפיהרען צוריק סמיכה. די רבנים פון יענעם דור האָבען איהם געשטערט אין דעם. דערנאָך איז געקומען דער אר"י הקדוש און געוואָלט ברענגען משיח. דער אר"י הקדוש איז געווען דער גרעסטער פון אלע. ער האָט געקענט די שפראך פון בוימער און פויגעל, פון מלאכים פון הימעל און בהמות, חיות און ווערים. ער האָט געוואוסט דעם סוד פון גלגול און דערקענט אין פנים וואָס פאר א נשמה דער מענש האָט. דער אר"י הקדוש איז געגאנגען אין מדבר און געלערנט דאָרט תורה. אין איהם האָט מען אויך געזעהן סימנים פון משיח. דער ריח פון גן־עדן האָט זיך געטראָגען

פון זיין טיש. ער האָט אויסגערעכענט אז דער קץ איז אין זיינע צייטען נאָר נאַראָנים האָבען קאַליע געמאַכט.

— וועלכע נאַראָנים? — האָט שמואל געפרעגט אומע־טיג.

— זיינע אייגענע תלמידים. איינמאָל פרייטאָג בארנאכט איז דער אר"י הקדוש, אָנגעטאָן אין ווייסען, ארויסגעגאנגען מיט זיינע תלמידים הינטער צפת מקבל שבת זיין. אינמיטען קבלת שבת האָט דער אר"י הקדוש פלוצלינג א זאָג געטאָן צו די תלמידים:

— קומט, לאָמיר האַלטען שבת אין ירושלים!

פון צפת נאָך ירושלים איז פינף און צוואַנציג מייל. האָ־בען די תלמידים זיך צוטיילט. איין טייל האָט געזאָגט:

— רבי! מיר זענען גרייט געהן מיט אייך!

נאָר עטליכע האָבען געזאָגט:

— רבי, מיר'ן פריהער אהיימגעהן אָנזאָגען די פרויען!...

דער אר"י הקדוש האָט מיט שרעק געפּאטשט מיט די הענד און געקלאָגט:

— וועה איז אונז! מיר האָבען נישט זוכה געווען צו דער גאולה! ווען אלע וואָלטען געווען גרייט צו געהן מיט מיר נאָך ירושלים, וואָלט געקומען משיח!...

שמואל'ן האָט פערדראָסען אויף די נאַרישע תלמידים וואָס האָבען מעכב געווען די גאולה. נאָר ער האָט זיך גע־טראַכט, אז אויב דער אר"י הקדוש האָט נישט געקענט ברענ־גען די גאולה, ווי וועט דאָס קענען טאָן איינער פון זיי? און ער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס זענט איהר אזוי זיכער אין איהם, אז ער איז דער אמת'ער גואל?

— אלע זעהען דאָס, אלע זענען זיכער! — האָט משה געזאָגט — אונזער הערר שבתי צבי איז משיח. גאָט האָט איהם אויסגעקליבען. אידען האָבען נאָך נישט געהאַט אזא הייליגען מאַן. ער איז אין זיינע בעסטער יוגענד. אינגאַנצען צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט. ער איז אפּגעהיטענער פון אלע אָפּגעהיטענע. ער האָט שוין געהאַט צוויי ווייבער, די רייכס־טע און שענסטע טעכטער פון שטאָדט, און ער האָט שויןביידע גע'גט, ווייל זייערע נשמות זענען נישט ווערטה צו בן

העפטען זיך מיט זיין נשמה. ביי זיין רייכען פאַטער פעהלט איהם גאָרנישט און ער דערוויטערט זיך פון אלע פערגעני־גענס, זיצט אליין אין זיין צימער און לערנט נסתר, פייניגט זיך מיט תעניתים און געהט א סך טבילות אפילו אין ווינטער. און ער איז געזונט און שטאַרק און וואונדערבאר שעהן. זיין שטימע איז זיס און ווער עס האָט נישט געהערט זיין הייליג זינגען ווייס נישט וואָס הייסט געזאנג.

— — אין זיין זכות איז דער פאַטער זיינער געוואָרען אַן עושר — האָט צוגעגעבען משה קאלמארי — זיין פאַטער מרדכי איז געוועזן א גרויסער ארימאַן, געהאַנדעלט מיט גרינ־צייג, אייער און עופות. קוים וואָס ער האָט געהאַט א שטיקעל ברויט. פלוצלינג האָבען ענגלישע סוחרים איהם בּאַשטימט פאר זייער מעקלער און ער איז געוואָרען א גרויסער עושר.

— מרדכי ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג — האָט בּע־שטעטיגט יצחק שאלווירא — און ער איז זיכער אז אין זכות פון זיין זוהן שבתי האָט ער הצלחה.

—און איך גלויב אז אין זיין זכות איז גאַנץ סמירנא געוואָרען אויפגעריכט — האָט געזאָגט ר׳ עובדיה — דער־פאר האָט גאָט געהייסען ווענעדיג זאָל דערקלערען קריעג טערקיי און סמירנא זאָל פערנעמען קאָנסטאַנטינאָפאָל׳ס אָרט אין האַנדעל.

— נאָר גלויבען, נאָר אמונה! פון אמונה קומען אלע ברכות — האָט זיך אָנגערופען משה זיין זוהן! מיט׳ן כח פון אמונה איז שטאַרק אונזער משיח. ער הייסט אויך צבי, דער ריכטיגער נאָמען פון גואל.

שמואל האָט שוין באלד אָנגעהויבען גלויבען, ער האָט נאָר געוואָלט וויסען, צי ער שטאַמט פון מלכות בית דוד.

— מען ווייס נישט פונוואַנען ער שטאַמט — האָבען זיי איהם געענטפערט — דאָס איז אָבער א סימן אז ער איז טאַקי משיח און שטאַמט פון דוד בן ישי. דער רמב״ם זאָגט אז עם וועט אויפשטעהן אן אומבעקאַנטער און מיט זיינע מופתים וועט ער בעווייזען זיין אמת׳ן יחוס.

שמואל׳ן איז געפעלען די ערקלערונג. אָט שטאַמט ער פון דער אברבנאל פאמיליע און הייסט נאָר בן־ישראל. אין פער־לויף פון דער צייט בייטען זיך די נעמען דורך שדוכים. אויך

שבתי־צבי איז טאקי דער גואל, האָט שמואל געטראַכט, איז ער דאָך זיינער אן אייגענער. ביידע שטאַמען פון מלכות בית דוד. האָט ער געבעטען משה פעניירא׳ן ער זאָל איהם אוועקפיהרען צו שבתי צבי און בעקענען מיט איהם.

— מוזט נאָך וואַרטען עטליכע טעג, ווערסטו זיין פעליג געזונד וועל איך דיך פיהרען צו איהם און ער וועט דיר זאָגען דעם שורש פון דיין נשמה. און אויב דו וועסט איהם געפעלען וועט ער דיך מקרב זיין און וועסט זעהן זיין גרויסקייט.

ער האָט זיך געבעטען ביי זיי, אז זיי זאָלען איהם גלייך פיהרען צו איהם, ער איז שוין געזונד, נאָר ר׳ עובדיה האָט געזאָגט אז דאָס איז אונמעגליך, ווייל פריהער וועט ער מוזען פאַסטען תעניתים און געהן עטליכע טבילות צו קענען זוכה זיין צו זעהן שבתי צבי׳ן.

— מיר וועלען דיר אָבער טאָן א טובה און מאָרגען רעדען מיט איהם וועגען דיר — האָט משה איהם צוגעזאָגט.

שמואל האָט זיי געדאַנקט און זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און אריין אין שטוב. משה האָט געזאָגט אז מאָרגען וועט ער פאַסטען און זיצען אָפּגעזונדערט אין זיין צימער איידער ער וועט געהן צו שבתי צבי, אזוי מוז יעדער טאָן איידער ער געהט צו איהם. און משה קאַלמארי וועט מאָרגען אינ־ערפריה קומען און נעמען שמואל׳ן צו ווייזען איהם די שטאָדט.

---

די סמירנער אידען האָבען זיך געקליידט ווי די מאַכמעדאַנער. א ברייטע אבאיע אויפ׳ן קאָפּ און קורצע הויזען ביז צו די קניה און א ברייטען גאַרטעל אויף די לענדען און מיט א לאַנגען, ברייטען מאַנטעל איינגעהילט.

דאָס איינציגע וואָס איז זיי געבליבען פון שפאַניען איז געוועזען די שפּראַך. זיי האַלטען זיך מיט עקשנות מיט דער שפּראַך פון דעם דאָזיגען פאָלק, וואָס האָט זיי צוערשט שרעקליך געפּייניגט און דערנאָך ארויסגעטריבען.

אין די הייזער האָבען זיי געהאַט א סך פענסטער, אָבער אָהן שויבען נאָר מיט האַלצענע און אייזענע גראַטעס. זיי נוצען נישט קיין שטולען צום זיצען, נאָר קישענעס און דיוואַנעס, און זיי זיצען מיט פערלייגטע פיס אונטער זיך.

זיי האָבען אויך נישט קיין אויוועגס צום הייצען נאָר

אויף פיערעקיכיגע בענקלעך שטעהען קופערנע פאנען מיט לע־בעדיגע קויהלען אויף אנצואווארימען. זייערע מאכלים זע־נען אויך גאנץ אנדערש ווי די אידישע מאכלים אין אייראָ־פא. אין יעדען הויז האבען זיי א בעזונדער צימער מיט א גרויסען בעקען וואסער וואו זיי וואשען זיך פיעל מאָל דורכ׳ן טאג.

משה קאלמארי האט גענומען שמואל׳ן און איהם גע־פיהרט איבער דער שטאדט. די הייזער זענען קליינע, נידרי־גע. צווישען די הייזער זענען דא בלומענגערטנער. די גאסען זענען קרום און שמאָל נישט מעהר ווי פאר איין וואגען דורכ־צופאהרען.

אין מאכמעדאנישען קווארטאל איז שטיל און אין גרי־כישען און אידישען קווארטאל איז לעבעדיג. אויפ׳ן באזאר רוהט נישט. מאסע מענשען לויפען אהין און צוריק, פיהרען געשעפטען און רעדען אויף אלע שפראכען פון דער וועלט. אלע מינים מענשען זעהט מען דא. ווייסע, געלע, רויטע און שווארצע. א ריכטיג בילד פון דור־הפלגה.

דעם גרעסטען טומעל מאכען די גריכען. זיי זענען די גרעסטע סוחרים. זיי האלטען די רעסטאראנען און די גרעס־טע געשעפטען. זיי האבען ישרעקליך פיינט אידען און זענען גרויסע שווינדלער אין האנדעל.

אינמיטען דעם גרויסען טומעל און רעש האבען זיך גע־טראגען הויכע פערצוויגענע געזאנגען:

לא אילה אללה מוחאמעד ראסול אללה. תאלי ערכעם ! תאלי צאלי ! (גאט איז איינער און מחמד איז זיין נביא. קומט תפלה טאן ! קומט זיך וואשען).

דאס זענען געשטאנען די מועזינס אויף הויכע טורעמס און ווענדענדיג זיך אויף אלע פיער זייטען גערופען דאס פאלק אין מעטשעט.

משה קאלמארי האט דערצעהלט שמואל׳ן אז שבתי צבי האט זיך אויסגעקליבען די האמער־הייל צו פראווען התבודדות. שמואל האט זיך געוואונדערט אז ער זאָל עוסק זיין אין קבלה אין אן אָרט וואו האמער האט געזונגען זיינע לידער צו אפגעטער, האט משה קאלמארי איהם דערקלערט

אז דאָס טוט ער ארויסצוציהען די היילינגע "ניצוצין" פון דעם טמא אָרט.

ווי זיי זענען געגאַנגען האָבען זיי דערהערט א טרויעריג געזאַנג. שמואל האט דערזעהן א מאָגערן מאַן, נאַקעט ביז די לענדען, שווארץ אָפּגעבערענט, געהט מיט א רידעל אין א גרינס גאָרטען און זיינע פיס זיינען געשמידט אין קייטען. ער האט געזונגען אן אומעטיג אוקראַיניש ליעדעל.

שמואל האט אויפגעציטערט קוקענדיג אויף איהם.

— וואָס איז דאָ ? — האט משה קאלמארי איהם געפרעגט — ער איז איינער פון סעיד מולא פּאשא'ס שקלאַפען.

— דו ווייסט נישט ווער ער איז.

— דו קענסט איהם ?

— ניין. נאָר זיינע שרעקליכע ברידער קען איך — האָט שמואל געזאָגט — ער איז אן אוקראַינער קאָזאַק. זיינע ברי־דער האבען שיער פערטיליגט אַלע אידען פון זייער לאַנד.

משה קאלמארי איז אויפגעשפּרונגען און געזאָגט בייז :

— וועל איך נעמען נקמה אָן איהם. דער פּאשא איז מיין פריינד און איך וועל איהם זאגען ער זאל איהם מאטערן צום טויט. פאראן דאָ א סך אזעלכע שקלאפען און איך וועל זעהן מיר זאָלען זיי אויסראָטען.

— טו דאס ניט! — האט שמואל איהם געבעטען — דאס איז נישט קיין אידישער וועג. נאָר אונזערע פיינד זענען זיי. מיר זענען רחמנים בני רחמנים.

משה קאלמארי האָט זיך געלאָזט איינרעדען. נאָר שמואל האט פון אויפרעגונג דערזעהענדיג א קאָזאַק, וואס האט איהם דערמאָנט די קאָזאַקען שחיטות אויף אידען מעהר נישט געקענט געהן און משה קאלמארי האט איהם גלייך אפּ־געפיהרט צו פּענייראַ'ן.

---

ענדליך האט מען אנגעזאָגט שמואל'ן אז דאנער־שטאג, דעם ערשטען טאָג חנוכה, וועט שבתי צבי איהם אויפנעמען אויפ'ן פרייען פעלד לעבען דער האמער־הייהל. ער מוז אבער דעם טאָג צופריהער פאסטען און זיך טובל זיין אין ים.

שמואל האט געפאָלגט. דאָנערשטאג נאכמיטאג איז ער אוועק מיט נאָך עטליכע יונגע לייט צום וואסער און עטליכע

מאָל זיך טובל געווען און גלייך אוועק צו דער הייהל און געוואָרט.

— ער געהט! ער קומט! ער געהט!—האבען אלע גערעדט בעגייסטערט.

א הייליגע שרעק איז בעפאלען שמואל'ן ווען ער האט דערזעהן שבתי צבי אָנקומען. ער האָט אויסגעזעהן ווי נישט פון דער וועלט. נאָר ווי פון א העכערע, א לויטערע און איידעלע וועלט.

ער איז געגאנגען אָנגעטאָן אין וואונדערליכע טייערע קליידער מיט א ווייס זיידען מאַנטעל איינגעהילט און דאס פנים האט געלויכטען מיט א וואונדער־ליכט. ער איז געווען פעסט און קינדיש, מוטיג און נאאיוו. א סאפירען ווייסקייט וואס האט געבלענדט מיט א דינע רויטקייט דאס שיינענדיג פנים. אויגען אזעלכע ליכטיגע וואס האבען פערטונקעלט די זון און די ווייסלען ווייסער ווי פריש געפאלענער שניי. זיי־נע שווארצע ברעמען און וויהעס און זיין וואונדערליכער שטערן און געטאָקטע נאָז זענען געשאפען געוואָרען צו קוקען אויף זייער שעהנקייט און צו בעוואונדערן. און דאס מויל — נאָר צו לויבען דעם אייבערשטען, די זעלטען שעהנע באָרד און צוויי לאנגע פאות ביז צו דער ברוסט האבען איהם צוגעגעבען א סך חן.

— איז דאס דער מאן וואס פייניגט זיין גוף אין פאסט פון איין ערב שבת צום צווייטען?—האט שמואל געפרעגט פערוואונדערט—ער איז דאָך אזוי געזונט און גלייך ווי א טאָפּאָל. ער איז קרעפטיג און שיינט ווי די זון.

שבתי צבי האט איהם געגעבען שלום עליכם און געזאגט:

— איך ווייס ווער דו ביזט און פון וואנעט דו קומסט. דו קומסט פון א הייליג אָרט, פון א לאנד אין צפון, דו קומסט פון גרויסען מזבח אויף וועלכען לויטערע נשמות זענען געבראכט געוואָרען אלס קרבנות פאר גאָט, און גאָט האט בעוויליגט די קרבנות און זיי זענען ביי גאָט קדש קדשים.

אזוי האָבען געלערנט אונזערע חכמים די דינים פון קרבנות — האָט ווייטער געזאָגט שבתי צבי — "איזהו מקומן של זבחים?" וואו קוילעט מען די קרבנות? "קדשי קדשים

שחיטתן בצפון״. די אידען וואס זענען געקוילעט געווארען אין דעם לאנד פון וואנען דו קומסט זענען קדשי קדשים, און מיט זיי שפּילט זיך איצט הקדוש ברוך הוא אין גן עדן אויף דעם אָרט וואס ווערט גערופען דער ״צרור החיים״ (קוואל פון לעבען). ווי עס שטעהט אין זוהר: אין דער שעה וועון הקדוש ברוך הוא דערוועקט זיך אין גן עדן צו שפּיעלען זיך מיט די צדיקים, געהט ארויס א כרוז און רופט אויס: ״עורי צפון... ויאכל פרי מגדיו״ (דערוועק זיך צפון... און ער וועט עסען זיינע זיסע פּירות) וואָסערע זיסע פּירות? דאס זענען די קרבנות וואָס זענען געאָפּפערט געוואָרען פאר׳ן רבונו של עולם פון נשמות פון צדיקים און דאָס איז די ״אתחלתא דגאולה״ (אָנהויב פון אויסלייזונג), דאס יאָהר ת״ח, ווי ״זאת״ וואס טרעפט אָן ת״ח. פאר דער גאולה וועט נאָך קור־מען די נקמה. און די נקמה און דערנאָך די גאולה וועלען גע־שעהן דורך מיר, שבתי צבי.

ווען ער האָט גערעדט זענען זיינע אויגען געווען אויסגע־שטעלט צום הימעל און זיין ברייטער שטערען איז בעדעקט געוואָרען מיט טיעפע קנייטשען. און נישט קוקענדיג אויף די מענשען האָט ער ווייטער גערעדט ווי צו זיך אליין:

—ס׳וואָרט ״זאת״ וואס איז א לשון נקבה איז דער צייכען פון מלכות. און דער כהן גדול האָט אראָפּגעצויגען די שפע צו אידען דורך דער ספירה פון מלכות. ״בזאת יבא אהרן אל הקדש״. דער כהן גדול האָט מיט ״זאת״ אריינגעדרונגען אין קודש. און דעם סוד פון זאת האָט יעקב מגלה געווען זיינע קינדער. וזאת אשר דבר להם אביהם. און עס איז איבערגע־גאנגען צו דוד המלך. ווען דוד האָט געגרייכט צו מלכות האָט ער געזאָגט ״בזאת אני בוטח״. און די כנסת ישראל האָט דאס אויך מקבל געווען, ווי עס שטעהט געשריבען ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם״. זייענדיג צווישען די פיינד אין גלות האָבען אידען נישט געוואָלט קיין אנדער משכון פון רבונו של עולם אז זיי וועלען ווערען אויסגעלייזט ווי די שכינה. און אז די שכינה וועט ווערען אויסגעלייזט וועט אויך די כנסת ישראל ווערען אויסגעלייזט.

אבער נישט יעדער מח קען פערשטעהן. איך זעה אז פאר אונזער גאסט איז דאס צו א הויכער ענין. און אויף איהם

זאָגט דער פסוק: "וכסיל לא יבין את זאת" (דער נאַר קען נישט פערשטעהן דאָס, דעם זאת מיינט עס).

שמואל איז געוואָרען צוטומעלט. א פערשעמטער האָט ער זיך פערנייגט פאר איהם און געזאָגט:

—זייט מיר מוחל מיין הערר, איך האָב נישט געלערנט קיין קבלה. מיין פאטער דער אמסטערדאמער רב קען יא קבלה. ער האָט מיך אבער אויפגעצויגען בלויז אויף דער גמרא און ער האָט מיך אויך געשיקט לערנען צו די גרויסע רבנים פון פוילען. צופעליג בין איך געפאָהרען נאָך אוקריינא לערנען ביי דעם קדוש ר' יחיאל מיכל, נעמיראווער רב וואָס האָט עוסק געווען אין קבלה. איך האָב אבער נישט געהאט די זכיה נהנה צו זיין פון זיין ליכטיגער חכמה. עס איז פלוצלונג געקומען אן אונגליק און חרוב געמאַכט דאָס לאַנד. דער רב איז אומ־געקומען אויף קידוש השם דורך די רשעים און איך מיט מיינע חברים זענען געוואָרען גענומען געפאנגען און אהערגעבראַכט. גאָט האָט געהאט רחמנות און מיינע ברידער האָבען מיך אויסגעלייזט, ווייל איך בעטען געפעליגקייט, מיין הערר, מיין הארץ ציהט צו אייך, בעלייכט מיך מיט דער ליכט פון אייער תורה!

שבתי צבי'ס פנים האָט זיך פערכמורעט און ער האָט גע־זאָגט:

—די גמרא און די ישיבות! וועה איז צו די רבנים וואס קייען נאָר שטרוי! די סודות התורה ווייסען זיי נישט. זייער גאַנץ לערנען איז נאָר א שאָלעכץ פון די סודות פון דער תורה. און זיי טוען אַלץ פאר זייער אייגענע טובה וועגען. צו האָבען פרנסה, ווערען ראש ישיבות און דיינים און האָבען א גרויסען שם. זיי ברענגען אָרימקייט, חורבן, הריגות און אונ־טערגאַנג. זיי זענען מעכב די גאולה. די גאַנצע תורה וואס א מענש לערנט איז גאָרנישט אקעגען דער תורה פון משיח.

שמואל האָט אויפגעציטערט הערענדיג אזעלכע רייד און ער האָט זיך אָנגערופען:

—איך בעט אייך, מיין הערר, זייט נישט בייז, אבער איך הער אזעלכע רייד וואס איך האָב זיך נישט געריכט צו הערען. די גמרא זאָגט אז א מענש זאָל נאָר זיצען און לערנען. אפילו פון שלא לשמה ווערט דאָך לשמה. און איהר זאָגט גאָר אז

לויט קבלה איז די וואס זיצען און לערנען מאכען חרוב די וועלט און זענען מעכב די גאולה ? זאל אייך נישט פערדריסען אויב די גמרא פאלג איך גיכער ווי דער קבלה.

— איך וועל דיר געבען א קלארען ענטפער — האט שבתי צבי געזאגט — איך האב געטאן ביידע זאכען, כ'האב גע־לערנט גמרא, האב זיך אנגעשטאפט מיט תנ"ך, מיט משנה, מיט תלמוד, הלכות און אגדות און אלע תוספות און מפרשים. ביז כ'בין אלט געווארען פופצעהן יאהר איז נישט געבליבען קיין זאך וואס כ'זאל נישט האבען געלערנט. צו פופצעהן יאהר האב איך זיך אפגעגעבען דער קבלה. איך האב אנטפלעקט איהרע פערבארגענישען און דערט־עפט אלע סודות. און עס האבען זיך געעפענט מיינע אויגען און איך האב דערזעהן אז דער תלמוד איז קעגען קבלה ווי א דינסט קעגען א הארינטע. פול מיט פלוגתות און מחלוקות, טרא־פענוויים ווי די מי מריבה ביי משה רבנו. איינער זאגט כשר און דער אנדערער — טרפה. וואלט משה געפאלגט גאט, גערעדט צום שטיין, וואלט דאס וואסער געקומען גרינג.

— פארוואס האט משה רבנו עובר געווען אויף גאט'ס בעפעהל ?

— דאס איז איבער דעם נחש הקדמוני, די זינד פון אדם הראשון וואס איז געשטרויכעלט געווארען מיט'ן עץ־הדעת און נישט אויסגעקליבען דעם עץ החיים — די קבלה. דאס איז אויך די זינד פון ערב־רב. און דערפאר זענען צובראכען געווארען די ערשטע לוחות, וואס זענען געווען פון עץ־החיים און מיר האבען בעקומען די צווייטע, וואס זענען שוין פון עץ הדעת, און דעריבער זענען חרוב געווארען דאס ערש־טע בית המקדש און דאס צווייטע בית המקדש און מיר האד בען דעם איצטיגען, לעצטען גלות, איצט וועט קומען די ריכטיגע גאולה, ווייל מען האט שוין דערזעהן דעם עץ החיים, די קבלה.

—לערן דעם זוהר — האט שבתי צבי ווייטער גערעדט — ועסטו געפינען : די תורה האט א גוף, דאס זענען די מצוות. דער גוף האט א לבוש דאס זענען די ספורים פון דער תורה און די תורה האט א נשמה — דאס

זענען די סודות. נאראנים, פראסטע מענשען בעגניגען זיך מיט בלויסען שעהנעם מלבוש. די וואס וויסען מעהר קוקען אין גוף, אונטער'ן מלבוש, נאר די אמת'ע חכמים קיקען אין דער נשמה און זיי זעהען דארט געטליכע זעהונגען. תורה איז פרדס. די "סמך" איז סוד. ווער עס וויים נישט דעם סוד איז דאס "פרדס" אהן דעם "סמך", ווערט דאס פרד — אן אייזעל. ווער עס וויים אבער די סודות פון דער תורה דער זעהט דאס אמת'ע ליכט און וועט זוכה זיין צו דערלעבען די גאולה.

—אבער נאכדעם ווי דער הערר האט מיך אנגערופען "נאר וואס קען נישט פערשטעהן", ווי אזוי וועל איך קענען פערשטעהן די קבלה וואס איז די נשמה פון דער תורה, איך זאל קענען זעהן די געטליכע זעהונגען און זוכה זיין צו דער גאולה ? — האט שמואל געפרעגט מיט צער.

— זא"ג זיך נישט — האט שבתי צבי איהם בערוהיגט — לערן דעם זוהר. גרייט זיך צו מיט תעניתים און פייניגונגען, וואס רייניגען דאס נפש און הויבען עס ארויס פון די קליפות. עס וועט רוהען אויף דיר די נשמה פון א גרויסען צדיק, זיין נשמה וועט אריין אין דיר און דו וועסט ווערען אן אנדער מענש. ווען מען זאגט זוהר אפילו נישט פערשטעהענדיג דעם מייטש ווערט אויך גערייניגט דער גוף און די נשמה — הייליג.

שמואל האט געוואלט עפים זאגען, נאר משה פעניירא האט איהם איינגערוימט אין אויער ער זאל שווייגען, ווייל עס שיינט איצט אויף שבתי צבי'ן דאס הימלישע ליכט, וואס קומט פון "היכל הזמרה". שמואל האט דערזעהן ווי שבתי צבי'ס פנים האט אויפגעשיינט מיט א זעלטען ליכט, די אויגען זענען געווען אויסגעשטעלט צום הימעל און פון זיין האלז האט זיך געטראגען א וואונדערליך מלאכים-געזאנג. דאס איז געווען א ליעבע ליעד פול פייערדיגע ליעבע און געענדיגט אז "דאס גלוסטען איז שטארקער פון א לייב, דיין ליכט איז געקומען, שטעה אויף מיין ליכט".

דאס וואונדערליכע געזאנג וואס שבתי צבי האט געזונגען און די סביבה האבען שטארק געווירקט אויף שמואל'ס פאנטאזיע און זי אנגעצונדען. ער האט דאך געוואוסט אז

שבתי צבי האָט זיך דערוויטערט פון פרויען און ער האָט אָנגעהויבען גלויבען, אז ער איז גאָט'ס שליח, וואָס ברענגט דעם געטליכען רוף צו דער כנסת ישראל ארויסצוגעהן פון גלות, ווייל "דיין ליכט איז געקומען, שטעה־אויף מיין ליכט!"

אין זיין אָנגעצונדענע פאנטאזיע האָט ער שוין געזעהן דאָס בילד פון דער גאולה, און אלץ וואָס די נביאים האָבען געזאָגט נביאות וועגען אידען ווערט מקוים. א מאָדנער זיסער תענוג האָט זיך צושפרייט אין אלע זיינע אברים קוקענדיג אויף דעם וואונדערליכען מאָן מיט זיינע פערגעטערנדיגע אנהענגער. זיי האָבען אלע אויסגעזעהן ווי אפגעריסען פון דער וועלט. זיי שטעהן אין די הימלען און הערען די בשורה פון דער גאולה פון רבונו של עולם'ס מויל...

פלוצלינג האָבען זיי ארומגערינגעלט שבתי צבי'ן, זיך געשטעלט אין א ראָד, פערלייגט די הענד אויף די פלייצעס פון צווייטען און זינגענדיג א פרעהליך געזאנג זיך אוועק־געלאָזט אין א פייערליכען טאנץ. שבתי צבי האָט געזונגען פרעהליך, צוגעפאטשט מיט די הענד און געטופעט מיט די פיס, זיי זאָלען טאנצען גיכער. שמואל איז פערכאָפּט געוואָ־רען פון שטורמדיגען טאנץ און אינאיינעם מיט אלעמען פער־געסען אן דער גאנצער וועלט.

און פלוצלינג, אוי וועה, א שרעק. אינמיטען בעגייסטער־טען טאנץ איז ארויס פון די פעלזען א גרעק אָנגעטאָן ווי א פאסטוך, א קליין יונגעל נאָך איהם. דער גרעק האָט זיך צושריגען און געלאָפען אויף די טענצער און מיט זיין לאַנגען שטעקען זיי געדראָהט, זידלענדיג זיי און שילטענדיג ווילד.

שמואל האָט געוואָלט צולויפען צום גרעק און פערטריי־בען. זיי זענען דאָך א סך און ער איז נאָר דאָ איינער מיט א קליין יונגעל. נאָר שבתי צבי האָט איהם געגעבען א שטאָר־קען שטופ און דערשראָקען געשריגען :

— אוי, וועה, לאָמיר אנטלויפען, דער שטן איז מקטרג אין צייט פון סכנה.

און שבתי צבי האָט דער ערשטער א כאָפּ געטאָן די פאָלָנֵס און פערקאשערט און אָנגעהויבען לויפען און אלע נאָך איהם. אזוי זענען זיי געלאָפען ביז זיי זענען שוין געווען לעבען שטאָדט. עס האָט זיי קיינער נישט נאָכגעיאָגט און מיערע

פון טאנצען און לויפען האבען זיי זיך אפגעשטעלט אויסרו־
הען.

— זייט צופרידען וואס מיין חכמה איז מיר בייגעשטאַ־
נען צו פערשטערען דעם שטן'ס ווילען — האט געזאגט שבתי
צבי ווען ער האט אפגעצווינגען דעם אטעם.

זיינע אנהענגער האבען אויפגעשטעלט מויל און אויערן
וואס פאר א וואונדער ער וועט ווידער דערצעהלען. שמואל
האט געקוקט ערשטוינט, נישט וויסענדיג וואס ער מיינט.
האט שבתי צבי דאס בעמערקט און זיפצענדיג געזאגט צו
איהם:

— ווען דו וואלסט נישט געווען דער גלגול פון ברזילי
הגלעדי וואלט איך אומגעבראכט אונזער שונא. דו האסט
אבער א שלעכטען גלגול. ברזילי הגלעדי האט דאך געהאט
דעם גלגול פון נבל און נבל איז געווען דער גלגול פון לבן,
דורך דיר האט דער שטן געקענט אונז אלעמען מזיק זיין, בין
איך אבער א חכם און איך האב געהייסען אנטלויפען פון
שלאכטפעלד און מיר האבען זיך געראטעוועט.

— כ'האב געמיינט אז דאס איז געווען א פראסטער
פאסטוך, א מענש ווי איך — האט שמואל זיך אנגערופען.

— געה צוריק וועסטו זעהן צי ער איז נאך דארט — האט
שבתי צבי געזאגט — איך האב איהם פערטריבען אין א
זומפ, זאגענדיג מיין נאמען שבתי צבי.

שמואל האט אפילו געוואלט פרעגען פארוואס ער איז
אנטלאפען, אויב ער האט איהם געקענט פערטרייבען. ער האט
אבער מורא געהאט און געפרעגט ווער ס'איז געווען דאס
יונגעל.

—דאס איז געווען פורה, דער שר פון פערגעסענהייט —
האט שבתי צבי געזאגט — ער האט געוואלט מיך מאכען
פערגעסען מיינע בעשווערונגען, ער זאל אונז קענען בייקומען.
מיט דעם וואס מיר זענען אנטלאפען האט פערגעסענהייט
נישט געהאט קיין שליטה אויף מיר.

—איך האב געזעהן ווי דער פאסטוך האט געהאט צוויי
הערנער — האט זיך אנגערופען משה פעניירא.

— פיס האט ער געהאט הינערישע — האט בעשטעטיגט
משה קאלמארי.

— מעגסט גומל בענטשען — האָט יצחק שאַלווירא גע־זאָגט שמואל'ן — ביזט ניצול געוואָרען פון שרעקליכען פיינט, וואָס איז נאָך מורא'דיגער פון די פיינד אין אוקריינא.

— מיר אַלע דאַרפען גומל בענטשען, מיר אַלע זענען דאָך געווען אין סכנה. מיר האָבען זיך געראַטעוועט דורך א נס — האָט געזאָגט משה פעניירא.

— און דערפאַר נעמען מיר אויף זיך — האָט שבתי צבי געזאָגט אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל — אז ווען מיר וועלען קומען אַהער זאָלען מיר מאַכען די ברכה אויפ'ן נס.

א גרופע סוחרים זענען אָנגעקומען, זענען זיי געוואָרען שטיל און געגאַנגען אין שטאָדט אריין. ביים צושיידען זיך האָט שבתי צבי געזאָגט שמואל'ן, ער זאָל מיטגעהן מיט איהם. ער געפעלט איהם און וויל איהם האָבען לעבען זיך, ער זאָל קענען אויף איהם משפיע זיין.

שמואל איז געווען איבערגליקליך. אַלע האָבען איהם מקנא געווען און זיי אָפגעפיהרט מיט גרויס כבוד צו מרדכי צבי, שבתי'ס פאָטער און הארציג זיך געזעגענט. שמואל האָט זיך פאַר דאַנקבארקייט צוקושט מיט משה פעניירא און אריין מיט שבתי צבי'ן אין הויז אריין.

זיינע עלטערן, ברידער און די גאַנצע פאַמיליע האָבען זיך דערפרעהט מיט שמואל'ן, הערענדיג אז ער איז זייערס אַן אייגענער, ער שטאַמט אויך פון דוד בן ישי. ער האָט זיך צוגעוועהנט צום הויזגעזינד און ווען שבתי צבי איז געזעסען אָפגעזונדערט אין זיין צימער האָט ער פערבראַכט מיט דער פאַמיליע. ער האָט אויך אָפט פערבראַכט מיט די ענגלישע סוחרים, קריסטען, וואָס זענען שטענדיג געקומען צו מרדכי צבי'ן און וואָס דורך זיי איז ער געוואָרען אזוי רייך.

---

מיט עטליכע יאָהר צוריק ווען סמירנא איז געווען אַן ארימע שטאָדט איז מרדכי צבי געווען א גרויסער ארימאַן ווי ס'רוב סמירנער אידען. ער איז ארומגעגאַנגען אין די דער־פער און איינגעקויפט עופות, אייער און גרינצייג און זיין ווייב האָט דאָס ארומגעטראָגען אין די הייזער און פערקויפט. זיי האָבען קוים געהאַט דורכצולעבען.

נאָר זייער זוהן שבתי איז געווען זייער טרייסט. ער איז

געוועזן גרויס אין תורה און קבלה. פון טאָג צו טאָג האָט ער געשטיגען און אַלע זיינע רבי'ס האבען געזאָגט אז ער וועט אויסוואקסען א גרויס ליכט פאר אידען.

צו פופצעהן יאָהר האָט ער שוין נישט געוואָלט לערנען ביי קיין רבי און אָנגעהויבען לערנען פאר זיך. צו אכצעהן יאָהר האָט ער געקראָגען סמיכה און דעם טיטעל "חכם". פונדעמאָלט אָן איז ער געוואָרען בעריהמט און פיעל תלמידים זענען געקומען צו איהם לערנען. עטליכע האָט ער אויסגעקליבען און מקרב געווען, אריינגענומען צו זיך אין צימער, זיי געהן אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, ער פיהרט זיי מיט זיך צום ים זיך טובל זיין און הייליגען ווי ער און ער אנטפלעקט פאר זיי די סודות פון קבלה.

א יאָהר נאכדעם ווי שבתי צבי האָט בעקומען דעם טיטול "רב און חכם" האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען ווענעדיג און טערקיי. קאָנסטאנטינאָפּאָל איז געוואָרען אומזיכער און די ענגלישע סוחרים האָבען איבערגעטראָגען זייערע געשעפטען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל נאָך סמירנא. די געגענד איז אויך רייך אין אָפּיום, וואָס א ביסעל דערפון איז גוט צו רפואות און א סך פער'שיכור'ט. און די מאכמעדאנער וואָס טאָרען נישט טרינקען קיין וויין, שכור'ען זיך אָן מיט אָפּיום.

די ענגלישע סוחרים האָבען געהייסען דעם דאָרפסגעהער מרדכי צבי, ער זאָל אויפקויפען ביי די פויערן אָפּיום. זיי האָבען געזעהן אז ער איז אן עהרליכער מאן, האָבען זיי איהם שפּעטער געמאַכט פאר זייער פערמיטלער און פון טאָגצו־טאָג איז ער געוואָרען רייכער. מרדכי צבי און זיין משפחה האָבען געגלויבט, אז גאָט האָט זיי געהאָלפען אין זכות פון דעם עלטסטען זוהן שבתי, דער הייליגער.

זיי האָבען איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד און ער האָט אָנגעפאנגען גלויבען אין זיך, אז ער האָט די מאכט צו בעפעהלען די מלאכים פון הימעל און די גאנצע וועלט מוז איהם פאָלגען. דאָס גלויבען אין איהם האָט זיך אזוי געשטאַרקט אז די ענגלישע סוחרים, די פאנאטישע קריסטען וואָס האָבען נישט געזעהן קיין אידען אין זייער לאַנד, האָבען

געגלויבט אין איהם און זיי האָבען נישט געטאָן קיין זאך אָהן זיין וויסען און עצה.

וואס ער האָט זיי געזאָגט איז געווען היילי. לויט זיין בעפעהל האָבען זיי געשיקט גרופּעס נאָך אזיע און שיפען נאָך איידאָפּא. דאָס איז געווען א גרויס וואונדער. ווייל נאָך מיט הונדערט יאָהר פאר'ן גירוש שפּאניען, אין די צייטען פון ענגלישען קעניג עדוואַרד דעם ערשטען, זענען די אידען ארויסגעטריבען געוואָרען פון ענגלאנד און דער קעניג האָט ארויסגעגעבען א געזעץ אז די אידען טאָרען זיך קיינמאָל נישט אומקערען. דאָס געזעץ ווערט שטרענג אָפּגעהיט אין ענגלאנד אזוי ווי אין שפּאניען, טאָ ווי קומט דאָס וואָס ענג־לענדער וואָס קומען נאָך סמירנא זאָלען ווערען אזוי נאָהנט מיט א אידישער פאמיליע און גלויבען אין איהר היילינגען אזוי שטאַרק ?

שמואל האָט זיך נישט געוואונדערט דאַרויף. ער האָט געוואוסט, אז ענגלאנד איז אנדערש פון קאַטאָלישען שפּאַ־ניען מיט איהרע פערביסענע גלחים. דאָס ענגלישע פאָלק וואס איז געלערנט געוואָרען פון זיינע הערשער אָפּצורייסען זיך פון קאַטאָליציזם און רודף'ען די קאַטאָלישע גלחים, האָט אויך מורד געווען קעגען קעניג וואס איז געווען גענייגט צום קאַטאָליציזם. די דאָזיגע איבערקערעניש האָט אָפּגעשוואכט די אַלטע ענגלישע געזעצען און די וואנט וואס איז אוועקגע־שטעלט געוואָרען צווישען ענגלישן פאָלק און די אידען האָט זיך אָנגעהויבען שאקלען.

די אַלע קריסטען, וואס זענען געווען קעגען קאַטאָליציזם האָבען זיך געשטיצט אויפ'ן תנ"ך. מיט'ן כח פון תנ"ך האָ־בען זיי געשטורמט די אונבעשרענקטע מאַכט פון פּויבסט. אין אנדערע לענדער האָבען דאָס געטאָן נאָר געלעהרטע, אָבער אין ענגלאנד און שאָטלאנד האָט דאָס געטאָן דאָס גאנצע פאָלק.

די פּוריטאַנער האָבען איינגעאָרדענט זייער לעבען לויט'ן תנ"ך, וואס זיי האָבען געקענט פון אויסווייניג, און בע־קעמפט די מאַכט פון פּויבסט און די קאַטאָלישע גלחים.

און פערגעטערענדיג דעם תנ"ך האָבען זיי זיך דערמאַנט אן אידישען פאָלק, וואָס האָט זיי געגעבען דעם תנ"ך און עס

האָט זיי באַנג געטאָן וואָס זייערע עלטערן האָבען געפּייניגט די אידען און ארויסגעטריבען. זיי האָבען געהאַלטען דעם דאָזיגען גירוש אַלץ אַ פערברעכען וואס קען אַנדערש נישט ווערען פערגעבען סיידען די אידען זאָלען מיט ליעבע צוריקגעבראַכט ווערען נאָך ענגלאַנד. זיי האָבען אויך געגלויבט אַז די גאולה איז נאָהנט און זיי דאַרפען אָפּווישען די זינד וואָס זייערע עלטערן זיינען בעגאַנגען קעגען אידען.

די פּוריטאַנער זענען נישט געקומען גרינג צו דער מאַכט. זיי זענען לאַנג פערפאָלגט געוואָרען, זענען אויסגעשטאַנען שרעקליכע פּיין און אַ סך פון זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען און פערוואָגעלט ווערען אין פרעמדע לענדער. האָבען זיי דערפאַר געוואוסט די צרות פון דעם פערפאָלגטען און דערפיהלט רחמנות אויף דעם פאָלק וואס ליידט מעהר פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

צווישען די ענגלישע סוחרים אין טערקיי זענען געווען אַ סך פּוריטאַנער, וואס האָבען איבער פערפאָלגונגען פערלאָזט זייער היימלאַנד און אוועק אין אריענט וואו זיי זענען געוואָרען זעהר רייך. דער גרעסטער פון זיי איז געווען וויליאַם קינגסטאָן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואס האָט איבערגעטראָגען זיינע גרויסע געשעפטען נאָך סמירנא. ער האָט געהאַט אַ סך אײַנגעשטעלטע, אבער דער אנגעזעהנסטער צווישען זיי איז געווען זיין הויפּט געשעפט פיהרער דזשאָן ניקאָלס, אַ ברודער פון דעם בעקאַנטען געלעהרטען עדוואַרד ניקאָלס. וואס איז געוואָרען געהיימראַט ביי קראָמוועל'ן, דער הערשער און געוועלטיגער פון ענגלאַנד, וואס קען טאָן מיט זיין פאָלק וואס ער וויל.

דזשאָן ניקאָלס איז אויך געווען אַ געלעהרטער און ער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט שמואל'ן, וואָס האָט געקענט עטליכע שפּראַכען און געקענט שמועסען וועגען אַזעלכע ענינים וואס די צבי פאַמיליע האָט נישט געהאַט קיין אַהנונג אין זיי. דזשאָן האָט גערעדט מיט איהם וועגען דער אידישער אמונה און די אידישע האָפנונג אויף דער גאולה און שמואל האָט איהם געזאָגט אַז די גאולה איז נאָהנט.

— מיך וואונדערט נאָר וואָס מען האָט נאָך נישט געפונען די פערלוירענע עשרת השבטים — האָט געזאָגט

דזשאן — ווען די גאולה וועט קומען וועט מען דאך זיי ענטדעקען.

— מען האט זיי שוין ענטדעקט אין נייען לאנד — האט שמואל געזאגט — אין אמעריקא.

דזשאן איז געווען זעהר נייגעריג צו הערען די געשיכטע פון דער ענטדעקונג פון די עשרת השבטים און שמואל האט איהם דערצעהלט אלץ וואס איז בעשריבען אין זיין פאטער רבי מנשה בן ישראל'ס ספר מקוה ישראל :

אין יאהר ת"ד אכצעהן טעג אין אלול איז געקומען נאך אמסטערדאם א ספרד'ישער איד אהרן לוי, וואס האט זיך גערופען אין שפאניען אנטאניא דע מאנטעזינאס. אהרן לוי האט דערצעהלט, אז מיט צוויי און א האלב יאהר צוריק איז ער געפאהרען פון האפען האנדורא אין וועסט אינדיע. ער האט געדונגען עטליכע אייזלען פון אן אינדיאנער פראנציש־קא דע קאסטילא און האט זיך געלאזט אין וועג אריין מיט א גרופע אינדיאנער אייזעל־טרייבער.

צווישען די גוים איז געווען נאך איינער וואס האט געהיי־סען פראנצישקא און די אינדיאנער האבען איהם גערופען קאזיקווע. איין טאג פון זייער רייזע אין די קארדילערען בערג איז געווארען א גרויסער שטורם און א שלאקס־רעגען. די אינדיאנער האבען אנגעהויבען שילטען דעם טאג פון זייער געבוירען ווערען און געזאגט, אז זיי האבען פערדינט די גרעסטע שטראף פאר זייערע שרעקליכע זינד.

פראנצישקא האט זיי געטרייסט און געזאגט זיי זאלען איבערטראגען דאס אומגליק, ווייל אינגיכען וועלען זיי זיך אויסרוהען.

— מיר פערדינען נישט קיין רוה און נישט קיין גוטס — האבען זיי געזאגט — ווייל מיר האבען געפאלגט די שפא־ניער און גרויזאם געפייניגט דאס הייליגע און אויסדער־וועהלטע פאלק. און דערפאר קומט אונז די שווערסטע שטראף.

ווען עס איז געווארען רוהיגער און זיי האבען גענעכטיגט אין די בערג האט אהרן לוי ארויסגענומען פון זאק צוויבאק און זיסע זאכען און געגעבען פראנצישקא'ן זאגענדיג :

— נעם דאָס, כאָטש דו האָסט גערעדט שלעכטס אויף די שפּאַניער.

דער אינדיאַנער פראַנציִשקא האָט איהם געזאָגט:

— כ'האָב נישט גערעדט קיין טויזענטסטעל שלעכטס אויף זיי וואָס זיי זענען זאַין אמת'ען. די שפּאַניער זענען שלעכט און גרויזאַם. א בייז פערדאָרבען פאָלק. איך האָב אינגיכען צוזעהן אַן זיי נקמה וואָס א פאַרבאָרגען פאָלק וועט נעמען פון זיי.

ווען אהרן לוי־מאַנטעזינאָס איז אָנגעקומען נאָך קאַרטאַגינא אין וועסט אינדיעס איז ער אויפ'ן בעפעהל פון די גלחים פערשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניש. ביים דאַווענען האָט ער געמאַכט א ברכה וואָס ער איז נישט בעשאַפען געוואָרען נישט קיין געצענדינער, נישט קיין שווארצער, נישט קיין בערבער און נישט קיין אינדיאַנער. און ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט אינדיאַנער האָט ער אויפגעציטערט און געזאָגט: די אינדיאַנער זענען אידען.

באַלד ווי ער האָט זיך בערוהיגט האָט ער געטראַכט אז ער איז אַרונטער פון זינען, אויב ער דענקט אז די אינדיאַנער זענען אידען. אָבער דריי טעג כסדר ביים מאַכען די ברכה האָט זיין געדאַנק איהם אונטערגעזאָגט, אַז די אינדיאַנער זענען אידען. און ער האָט בעשלאָסען אַז עפּיס שטעקט אין דעם וואָס דער געדאַנק לאָזט איהם נישט רוהען. דאָס וואָס דער אינדיאַנער פראַנציִשקא האָט איהם געזאָגט וועגען א פערבאָרגען פאָלק האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט אין איהם דעם געדאַנק.

און ער האָט בעשלאָסען אויסצופאָרשען די זאַך און ער האָט געמאַן א נדר, אַז באַלד ווי ער וועט ווערען אויסגעלייזט פון געפענגניש, וועט ער אויפזוכען פראַנציִשקא'ן און געוואָהר ווערען דעם אמת, צי די אינדיאַנער זענען אידען אָדער נישט.

ער האָט געהאַלטען זיין נדר. אַזוי גיך ווי ער איז בעפרייט געוואָרען פון געפענגניש איז ער אַוועק נאָך האָנדורא און אויפגעזוכט דעם אינדיאַנער פראַנציִשקא.

— געדענקסט נאָך וואָס דו האָסט מיר געזאָגט אין די בערג? — האָט ער איהם געפרעגט.

— איך געדענק יעדעס וואָרט.

— איך וויל פאָהרען מיט דיר אינאיינעם — האָט אהרן לוי מאנטעזינאס איהם געזאגט.

פראנציסקא האָט איינגעוויליגט. אהרן לוי האָט איהם געגעבען דריי טאלער ער זאָל קויפען שפייז אויפ'ן וועג און דער אינדיאַנער האָט זיך געקויפט קאנבאס־שיך און זיי האָבען זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אויפ'ן וועג האָט אהרן לוי זיך געגעבען צו דערקענען צו איהם און געזאָגט:

— איך בין א איד און שטאַם פון שבט לוי, איך דיען צום גאָט פון מיין פאָלק און דאָס וואָס דו זעהסט אז איך בין א שפאַניער איז פאַלש.

— ווער זענען דיינע עלטערן? — האָט דער אינדיאַנער איהם געפרעגט מיט שרעק.

—אברהם, יצחק און יעקב.

— האָסטו דען נישט קיין אנדערן פאָטער?

— מיין פאָטער האָט געהייסען לואיס דע מאנטעזינאס.

אהרן לוי האָט געהאָט א סך מיה ביז דער אינדיאַנער האָט איהם געגלויבט און דערנאָך האָט ער איהם געזאָגט אז ער וועט איהם אלץ לאָזען וויסען, נאָר ער מוז איהם פאָלגען און עסען נאָר ווייץ. און אהרן לוי האָט איהם צוגעזאָגט צו פאָלגען.

צומאָרגענס האָט פראנציסקא איהם געהייסען איבערלאָזען זיין שווערד און אנטאן די קאנבאס־שיך און נעמען א געוועהנליכען שטעקען אין האנד און געהן מיט איהם. אהרן לוי האָט איהם געפאָלגט. פראנציסקא האָט מיטגענומען דריי מאָס ווייץ און צוויי שטריק. אין איין שטריק איז געווען א סך קניפען און א שטעקען מיט צוויי נעגיל צו קענען קריכען אויף די פעלזען. און דער צווייטער שטריק אויף צו קענען מיט איהם אריבערגעהן די קורצע טייכען.

א גאנצע וואָך זענען זיי געגאנגען און שבת גערוהט. דערנאָך זענען זיי ווייטער געגאנגען זונטאג, מאָנטאג און דינסטאג. נאָר דינסטאג אכט אינדערפריה זענען זיי צוגעקומען צו א גרויסען ברייטען טייך.

— דאָ וועסטו זעהן דיינע ברידער — האָט פראַנציסקאָ איהם געזאָגט.

ער האָט געמאכט א פאָהן פון צוויי שטיקער וואָל וואָס ער האָט געהאַט אין גארטעל און געמאכט צייכענס מיט דעם פאָהן. אין א ווײַלע ארום האָבען זיי דערזעהן א גרויסען רויך.

— דער רויך איז א סימן אז זיי וויסען פון אונזער קומען— האָט פראַנציסקאָ איהם דערקלערט און ארויסגעשטעלט דעם פאָהן אויף אַן אנדער אופן.

באלד איז אָנגעקומען א קליין שיפעל מיט דריי מענער און איין פרוי. די פרוי איז ארויס פון שיפעל און די מענער זענען געבליבען אינווייניג און גערעדט מיט פראַנציסקאָ'ן אויף א לשון וואָס אהרן לוי האָט נישט פערשטאַנען אַ וואָרט.

דערנאָך האָבען די מענער זיך אײַנגעקוקט שטארק אין אהרן לוי'ן און פלוצלינג ארויסגעשפרונגען פון שיפעל און איהם ארומגעכאפּט און געדריקט צום הארצען. דאָסזעלבע האָט אויך געטאָן די פרוי.

איינער פון די מענער איז צוריק ארײַנגעגאנגען אין שיפעל און צוויי מיט דער פרוי זענען געבליבען אויף דער טריקעניש און צוגעגאנגען צו פראַנציסקאָ'ן, וואָס האָט זיך געבוקט צו זיי ביז דער ערד, נאָר זיי האָבען איהם אויפגעהויבען מיט גרויס ליעבע און ווידער איהם עפּיס געזאָגט.

באלד האָט פראַנציסקאָ געזאָגט אהרן לוי'ן אז זיי ווילען איהם עפּיס זאָגען. ער איז צוגעגאנגען נעהנטער און זיי האָבען געזאָגט:

— שמע ישראל ד' אלהינו, ד' אחד.

דאָס איבריגע האָבען זיי שוין גערעדט דורך פראַנציסקאָ'ן וואָס איז געווען זייער איבערזעצער. זיי האָבען איהם געוויזען דריי פינגער — זיי שטאַמען פון אברהם, יצחק און יעקב־ישראל. דערנאָך האָבען זיי צוגעשטעלט נאָך א פינגער פאר ראובן. יעדער וואָס וויל וואוינען ביי אונז, וועט מען איהם געבען אַן אָרט. יוסף איז צוטיילט אינמיטען ים. אינגיכען וועלען זיי זיך לאָזען אין וועג ארײַן. און עס וועט קומען דער טאָג ווען זיי וועלען אלע רעדען צווישען זיך און

זיי וועלען ארויסקומען פאר דער וועלט און מען וועט מיינען אז די ערד האט זיי ערשט געבוירען. איצט וועלען זיי נאר שיקען איין שליח. און פראנצישקא וועט איהם א ביסעל דער־



רבי מנשה בן ישראל

צעהלען פון זייער לעבען. זיי האבען אויך געזאגט, אז זיי ווילען צייט פארצובערייטען זיך און ער זאל זיי צו שיקען צוועלף מענער מיט לאנגע בערד וואס זאלען קענען שרייבען.

מעהר האָבען זיי נישט געוואָלט זאָגען קיין וואָרט. אויף אַלע פראַגען וואָס אהרן לוי האָט זיי געפרעגט, האָבען זיי נישט געוואָלט ענטפערן. אזוי איז אויך געוועזן מיטוואָך און דאָנערשטאג. אהרן לוי איז געווען אומצופרידען וואָס זיי ענטפערן איהם נישט אויף זיינע פראַגען און ווילען איהם נישט אריבערנעמען צו זיך.

ער איז פּאַמעליך צוגעגאנגען צום שיפעל און געוואָלט אריינשפּרינגען און אריבערפאָהרען צום טייך. האָבען זיי מיט א שטעקען אָפּגעשטופּט דאָס שיפעל און ער איז אריינ־געפאַלען אין וואסער. זיי האָבען איהם ארויסגעשלעפּט און זיך געבייזערט אז מיט מאַכט און ווילדקייט וועט ער גאָרנישט אויספיהרען.

דינסטאג, מיטוואָך און דאָנערשטאג האָט דאָס שיפעל נישט גערוהט. פיער זענען אהיימגעפאָהרען און נייע פיער זענען געקומען. אזוי האָט ער געזעהן ארום דריי הונדערט פערשוין. אַלע אָפּגעברענט פון דער הייסער זון מיט לאַנגע האָר ביז צו די קניה, זיי האָבען שעהנע געשניצטע אברים און די קעפּ זענען פערוויקעלט מיט טיכער. זיי האָבען אָבער קיין וואָרט מעהר נישט געוואָלט זאָגען. אַלע האָבען געזאָגט דאָס אייגענע וואָס די ערשטע פיער.

דאָנערשטאג ביינאַכט ווען זיי זענען אוועקגעפאָהרען האָ־בען זיי איבערגעלאָזט א סך עסענוואַרג פאר זיי. אז אהרן־לוי מיט פראַנצישקא׳ן זענען אוועקגעגאנגען האָט אהרן לוי איהם געבעטען ער זאָל איהם אַלץ דערצעהלען פון זיי. און פראַנצישקא האָט געזאָגט, אז ער וועט איהם דערצעהלען אַלץ וואָס ער וויים וועגען זיי, וואָס ער האָט געהערט פון זיינע עלטערן.

— דיינע ברידער, די קינדער פון ישראל — האָט פראַנ־צישקא אָנגעהויבען, — זענען געקומען אהער מיט גרויסע נסים, וואָס דאָס אויער וואָס הערט דאָס קען עס נישט גלויבען. מיר, די אינדיאַנער, זענען דאָ אהער געקומען אין די לענדער און מלחמה געהאַלטען מיט די פריהעריגע איינוואוינער און זיי אָנגעטאָן גרעסערע צרות ווי די שפּאַניער טוען מיט אונז. דערנאָך זענען מיר אויף דער עצה פון אונזערע מכשפים געגאַנגען מיט א גרויסע מחנה צו דיינע ברידער אויף מלחמה.

עס איז אָבער פון דער גאַנצער מחנה נישט געבליבען איינער
אַ לעבעדיגער.

האָט מען גענומען נאָך אַ גרעסערע מחנה און נעגאַנגען אויף דיינע ברידער און ווידער זענען אונזערע אומגעקומען. צום לעצטען מאָל האָט מען צוזאַמענגערופען אַלע קריעגס־פעהיגע און געגאַנגען אויפס־נייע אויף דיינע ברידער און ווידער זענען אַלע געפאַלען אין דער מלחמה.

אונזערע אַלטע לייט האָבען געזעהן אין דעם די שולד פון די מכשפים, וואָס האָבען אונז אָפּגענאַרט און מיט זייערע פאַלשע עצות געבראַכט אויף אונז אַזא אומגליק, אַז אַלע אונ־זערע קריגער זענען אומגעקומען און זיי האָבען בעשלאָסען אַז מען דאַרף הרג'ענען אַלע מכשפים.

אַ סך מכשפים האָט מען געטויט און די איבריגע האָ־בען זיך געראַטעוועט דאָס לעבען, ווען זיי האָבען מודה גע־ווען אַז זיי האָבען טאַקע געגעבען אַ פאַלשע עצה און איצט האָבען זיי אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת.

אַז דער גאָט פון די קינדער פון ישראל איז דער אמת'ער גאָט און אַלץ וואָס איז געשריבען אין די שטיינערנע לוחות איז אמת און עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלען געוועל־טיגען איבער אַלע פעלקער פון דער וועלט. אין דעם לאַנ־ד וועט קומען צוערשט אַ פאָלק און ברענגען אהער פיעל זאַכען. און ווען דאָס נייע פאָלק וועט אָנפילען דאָס לאַנד וועלען קומען די קינדער פון ישראל פון זייערע ערטער און געוועלטיגען איבער דעם לאַנד אַזוי ווי זיי האָבען פאַרציי־טענס דאָ געוועלטיגט. די מכשפים האָבען געגעבען אַן עצה צו די אַלע וואָס ווילען זיין גליקליך צו דערנעהנטערן זיך צו די קינדער פון ישראל.

מיינע עלטער־עלטערן, די קאַזיקוועס — האָט פראַנ־צישקא קאַזיקווע ווייטער דערצעהלט — זענען מיט נאָך פיער פערשוין געווען דערביי ווען די מכשפים האָבען גע־רעדט וועגען די אידען, און זיי האָבען זיך בעזעצט נישט ווייט פון דיינע ברידער, צו קענען זיך דערנעהנטערן צו זיי. אַ סך יאָהרען האָט געדויערט ביז דיינע ברידער האָבען גע־רעדט מיט מיינע זיידעס. אין אָנהויב האָבען זיי נישט גע־וואָלט רעדען צו אַן אינדיאַנער. און יעדען אינדיאַנער וואָס

איז אריבער אין זייער געגענד האָבען זיי געטויט און זיי זע־
נען קיינמאָל נישט געקומען צו אונז.

נאָר נאָך גרויסע בקשות איז געלונגען דורך א פרוי אויס־
צוגלייכען צווישען דיינע ברידער און מיינע עלטערן אויף
די דאָזיגע תנאים. פינף פון די קאזיקוועס זאָלען אַלע
זיבעציג מאָנאַטען מעגען אריבערקומען צו דיינע ברידער זיי
צו בעגריסען. קיינער פון די קאזיקוועס וואָס איז יונגער פון
דריי הונדערט חדשים טאָר נישט וויסען פון דעם. און ווען
מען דערצעהלט עס טאָר מען דאָס נישט טאָן אין הויז, נאָר
אין פעלד ווען אַלע קאזיקוועס זענען פערזאמעלט.

מיר האַלטען דעם אָפּמאַך און דערצעהלען נישט קיין
וואָרט פון זיי צו קיינעם, ווייל מיר האָפען אז זיי וועלען אונז
טאָן גוטס ווען זיי וועלען געוועלטיגען איבער׳ן לאנד. און
אויב עס געשעהט נישט קיין נייעס, געהט מען צו זיי נאָר
איינמאָל אין זיבעציג חדשים.

איצט האָב איך געהאַט דריי נייעסען פאר זיי. דאָס וואָס
די שפּאַניער זענען געקומען, און וואס עס זענען אָנגעקומען
שיפען, און דיין אָנקומען. זיי האָבען זיך שטארק דערפרעהט
מיט די נייעסען און געזאָגט אז עס וועדען פערווירקליכט די
רייד פון די נביאים.

מעהר האָט פראנציסקא איהם נישט געוואָלט דערצעה־
לען וועגען זיי. ער איז דערנאָך אוועק מיט אהרן לוי׳ן נאָך
האָנדורא און געבראכט צו איהם דריי אינדיאַנער, וואס האָ־
בען איהם ארומגענומען מיט גרויס ליעבע און איהם געקושט
הערענדיג אז ער איז א איד.

— מיר זענען דיינע ברידער — האָבען זיי איהם געזאָגט
— זאָרג זיך נישט, אַלע אינדיאַנער וועלען אונז העלפען און
נאָכדעם ווי מיר וועלען פארטיג ווערען מיט די שפּאַניער,
וועלען מיר געהן אייך אַלעמען אויסלייזען פון גלות...

דאָס האָט דערצעהלט אהרן לוי אין אמסטערדאם.
און מען האָט געגלויבט אז דאָס זענען די פערלוירענע עשרת
השבטים.

שמואל האָט דערצעהלט דזשאַנ׳ען, אז זיין פאָטער רבי
מנשה בן ישראל גלויבט אז צווישען די בערג אין אמעריקא
זענען דאָ א סך פון די עשרת השבטים און אז גאָט וועט

אויסלייזען זיין פאָלק, וועלען זיי זיך אומקערען צו זייער פאָלק און זיין לאַנד. ער האָט איהם אויך דערצעהלט, אז אלדד הדני, רב בנימין פון טאדעלא, רב פתחיה און דוד הראובני האָבען עדות געזאָגט, אז זיי האָבען געפונען א טייל פון די עשרת השבטים און אז ערשט איז אָנגעקומען א בריעף פון דעם אידישען מלך אחיטוב וואָס דער משולח רב ברוך גד האָט געבראכט נאָך ירושלים.

דער בעגייסטערטער פוריטאנער איז געווען אויסער זיך פון גרויס פרייד איבער די נייעס, אז מען ווייס שוין וואו די עשרת השבטים געפינען זיך, וואָס דאָס איז א סימן אז די גאולה איז נאָהנט.

שמואל האָט איהם געזאָגט אז ביים ענגלישען פאָלק אין די הענד איז די ברירה צו דערנעהנטערן די גאולה. זיין פאָ־טער רבי מנשה בן ישראל האָט שוין געשריבען וועגען דעם צום ענגלישען הערשער קראמוועל. די גאולה קען נאָר קומען דעמאלט ווען די אידען וועלען זיין פערשפרייט אין אלע לענדער פון דער וועלט, ווי עס שטעהט אין דער תורה "און גאָט וועט דיך פערשפרייטען צווישען אלע פעלקער פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען". אומעטום זענען דאָ אידען, אפילו אויף דער נייער ערד, אין אמעריקא, נאָר נישט אין ענגלאַנד. איבער דריי הונדערט און פופציג יאָהר טאָר א איד נישט זיך בעזעצען אין ענגלאַנד און מיין גרויסער פאָטער איז זי־כער אז ענגלאַנד איז דערמיט מעכב די גאולה.

דזשאָן איז אויפגעשפרונגען אויפגערעגט און אָנגעהויבען שפאַנען אויף און אָפּ איבער'ן צימער, דערנאָך האָט ער ער זיך אָפּגעשטעלט און אויפהויבענדיג די רעכטע האַנד געזאָגט:

— איך שווער ביי גאָט, אז איך וועל נישט רוהען ביז דיינע ברידער וועלען זיך אומקערען אין מיין געבורטסלאַנד, נאָך ענגלאַנד. איך שרייב גלייך צו מיין ברודער עדווארד, דער געהיימראט ביי אליווער קראָמוועל, וואָס איז ענגלאַנד'ס הערשער. מיין ברודער איז פול בעגייסטערונג און גלויבען און האָט שטארק ליעב דאָס אידישע פאָלק. איך בין זיכער אז ער וועט בעוועגען קראמוועל'ען צו ערלויבען אידען קומען נאָך ענגלאַנד. אָבער קראמוועל קען נישט טאָן קיין זאך אָהן

פארלאמענט. זאָל דיין פאָטער שרייבען צו די גרויסע לייט פון ענגלאנד דערוועגען און געווינען א סך פריינד און אנ־הענגער, ווייל אין פארלאמענט איז דאָ פיעל מענער וואָס האלטען נישט מיט קראמוועל׳ן. איך און מיין ברודער וועלען טאָן אלץ וואָס מיר וועלען קענען. זאָל דיין פאָטער דער־ווערבען וואָס מעהר פריינד און מיט גאָט׳ס הילף וועלען מיר בעגליקען.

פון דעמאלט אָן זענען שמואל און דושאן ניקאלס געוואָ־רען שטארק צוגעבונדען איינער צום אנדערען אין גרויס פריינדשאפט. און ווען שמואל האָט נישט געדארפט זיין ביי שבתי צבי איז ער געזעסען מיט דושאנ׳ען און פערבראכט אין קלוגע שמועסען.

דושאן האָט געפונען א שיף וואָס געהט נאָך האָלאנד און שמואל האָט מיטגעשיקט א בריעף צו זיין פאָטער רבי מנשה בן ישראל, וואָס האָט זייט ער איז אוועק נאָך פוילען פון איהם נישט געהערט קיין וואָרט.

שמואל האָט אייגענטליך געקענט פאָהרען מיט דער שיף נאָך אמסטערדאם. נאָך פוילען האָט ער זיך נישט געקענט אומקערען, ווייל דאָרט איז נאָך אלץ געווען אומרוהיג און פיעל בלוט איז דאָרט געוואָרען פערגאָסען. ער האָט זיך אָבער געפיהלט היימיש ביי שבתי צבי און די האָפנונג אז באלד וועט קומען די גאולה, האָט איהם אָפגעהאלטען פון אהיימפאָהרען און ער האָט בעשלאָסען בלייבען מיט שבתי צבי און געווארט וואָס עס וועט זיך אויסלאָזען.

כאָטש שמואל האָט בעוואונדערט שבתי צבי׳ן איז ער דאָך נישט געווען אינגאנצען זיכער אז ער איז דער ריכטיגער גואל. א פערבאָרגענער צווייפעל האָט געגבערט זיין מוח. כל־זמן ער איז געזעסען מיט זיינע חברים און געזעהן שבתי צבי׳ן פאר די אויגען האָט ער, ווי אלע געגלויבט אין איהם. ווען ער איז אָבער געבליבען אליין האָט ער אָנגעהויבען צווייפלען, אפשר בלאָנדזשען זיי, אפשר נארען זיי זיך אָפ ?

אין זיינע שעה׳ן פון צווייפעל האָט ער זיך דערמאָנט אן זיין חבר יהודה העלער, דעם תוספות יום־טוב׳ס זוהן. ווען ער וואָלט דאָ געווען, האָט ער זיך געטראכט, וואָלט ער שוין געעפענט מיינע אויגען און מיר געזאָגט וואָס צו טאָן !

טראכטענדיג פון יהודה'ן האט ער שטארק געבענקט נאך איהם און געהאט גרויס צער, נישט וויסענדיג וואו יהודה איז אהינגעקומען. ווער ווייס וואס מיט איהם איז געשעהן ? ער איז דאך אויך געווארען געפאנגען. האט מען איהם אויך גע־בראכט אין אריענט ? האבען אידען איהם אויסגעלייזט אדער גוים האבען איהם געקויפט און ער ארבייט איצט שווער ווי א שקלאף ?

שמואל האט דערצעהלט דזשאנ'ען זיין צער איבער יהודה'ן און דזשאן האט איהם צוגעזאגט דורך זיינע בע־קאנטע אויסצוגעפינען יהודה'ן. און וועט מען נאר וויסען וואו ער איז וועט ער איהם אויסלייזען און ברענגען צו איהם.

וואכען און חדשים זענען אוועק און פון יהודה'ן איז נישט געוועזען קיין שפור.

---

שמואל איז אלץ מעהר צוגעוועהנט געווארען צו זיינע חברים און שבתי צבי. ווי מיט כשוף איז ער צוגעשמידט גע־ווארען צו שבתי צבי. ער האט געזעהן ווי שבתי צבי פייניגט זיך, ווי ער האלט אין איין פאסטען, וויינען, קלאגען אין תפלה טאן צו גאט בעטענדיג רחמים פאר זיין פאלק.

אין אפגעזונדערטע, פערגעסענע ערטער האט שבתי צבי זיך אויפגעהאלטען און אין די גרעסטע פרעסט זיך טובל גע־ווען צעהנדליגע מאל אין אייז־קאלטען וואסער. ער האט געגעבען א סך צדקה. זיין פאטער האט איהם געהייסען נע־מען געלד וויפיעל ער וויל און ער האט דאס צוטיילט ארימע לייט.

שמואל'ס חברים האבען איהם דערציילט אז דאס וואס שבתי צבי זונדערט זיך אפ פון מענשען איז ווייל ער וויל טרייסטען די שכינה, וואס איז זייט פון חרבן בית המקדש פערטריבען געווארען פון גאט'ס היכל אין זי איז פערוואר־געלט... און דאס וואס ער, פאסט, טוט תפלה און גיט צדקה איז צוצואיילען די גאולה. און דאס וואס ער טובל'ט זיך אזוי פיעל איז אויסצוגעפינען דעם געטליכען סוד.

ווי ס'איז געקומען ראש חודש אדר האט שבתי צבי אויפגעהערט פאסטען און פייניגען זיך. דעם זיבעטען טאג

אין אדר האָט ער אַלעמען גערופען צום ים און זיי געהייסען זיך טובל זיין דריי הונדערט און פינף און פערציג מאָל.

דערנאָך זענען זיי ארויף אויף א בארג, דורכגעגאנגען א וואלד ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַן אַלטע פעסטונג און דורכ'ן צובראָכענעם טויער זענען זיי אריין אין די רואינען פון אַן אַלטען טעמפעל. צווישען איבערבלייבעכצען פון סטאַטועס און געצען פון די אַלטע גריכען האָבען זיי דערזעהן א שטיינערנע סטאַטוע וואס איז געבליבען גאנץ. דאס איז געווען א סטאַטוע פון א געזונטע שעהנע יונגע פרוי פול חן און צויבער. אין די הענד האָט זי געהאַלטען איינעם פון איהרע לאַנגע צעפּ. איין פוס גלייך און דער צווייטער אביסעל אויפגעהויבען ווי ווענדיג ארויפגעהן אויף א טרעפּ.

די סטאַטוע איז געווען אזוי וואונדערליך שעהן, אז עס האט נאָר געפעהלט די נשמה. שמואל איז געבליבען אָהן לשון פאר דער מארמאָרנע סטאַטוע, די וואונדער שעהנקייט וואס ער האט נאָך אזא שעהנע פרוי נישט געזעהן אין זיין לעבען.

— דאס איז די געטין פון שעהנקייט און דער קוואַל פון ליעבע—האט איהם געזאָגט משה פעניירא—די מקובלים רופען זי די "קליינע לילית" און די גריכען : אפראָדיטא, לויט זייערע נארישע לעגענדעס איז זי ארויסגעקומען פון שוים פון ים. אַט זעהסט זי ווי זי קוועטשט אוים איהרע נאַסע האָר...

— דאס איז די טומאה וואס איז בעשאפען געוואָרען אין די הונדערט און דרייסיג יאהר וואס אדם הראשון האט זיך אפּגעשיידט פון חוה'ן נאָך הבל'ס טויט—האט געזאגט שבתי צבי—איך בין געקומען מבטל זיין די טומאה...

שמואל האָט געטראַכט אז שבתי צבי איז געקומען מתקן זיין די קליפּות פון דאָזיגען אָרט און באַלד האט שבתי צבי איהם געקוקט אין די אויגען און געזאגט:

— איך בין מוכן ומזומן מתקן צו זיין די קליפּה...

ער האט זיך אוועקגעשטעלט געגענאיבער דער סטאַטוע און אויף אראַמיש אָנגעהויבען זינגען א ליעד וואָס פּשוט האָט עס געמיינט אז ס'איז אַן עראָטיש ליעד, אין די סודות אבער האט עס געמיינט צו זיין זעהר הייליג.

פלוצלונג האָט שבתי צבי זיך א וואָרף געטאָן אויף

דער סטאטוע און זי געוואָלט אוועקשלעפּען. ער האט זי אנ־געהויבען טרייסלען און שליידערן און מיט דער בלויזער האנד איהר דערלאַנגט קלעפּ.

די סטאטוע האט זיך אבער נישט געריהרט פון אָרט און זיך נישט פערקרימט אונטער זיינע קלעפּ. זיינע נאָהענגער האבען אבער געגלויבט אז ער טוט אויף גרויסע זאַכען, וואס זיי קענען נישט פערשטעהן און ער איז מתקן די וועלט דערמיט.

א מיעדער האט שבתי צבי זיך אויסגעדרעהט צו זיי און מיט א ליכטיג פנים האט ער מיט פרייד זיי אנגעזאגט די בשורה אז ער האט מנצח געווען דעם שטן.

— נאָר משיח קען מתקן זיין די דאָזיגע גרויסע קליפה, וואס פון איהר האבען אלע קליפות די יניקה. איך האב זי געכאפּט—האט געזאגט שבתי צבי—דער בייזער אשמדאי, איהר מאן, איז געקומען זי בעשיצען. איך האב געוואוסט אז כ'וועל האָבען א שווערען קאמף, האָב איך אויסגעקליבען דעם היינטיגען טאָג, די יאהרצייט פון משה רבנו, און זיך טובל געווען דריי הונדערט און פינף און פערציג מאָל. מיין נשמה האט זיך בעהאַפטען אין משה'ס נשמה און מיט זיין כח האב איך געהאלטען מלחמה מיט'ן אשמדאי, איך האב איהם געכאפּט און אראפּגעשליידערט פון הויכען באַרג אין דער טיעפסטער גרוב, אין גיהנום וואס ברענט אונטער איה־רע פיס. איך האב ארויסגעקלאפּט די טומאה פון איהר און אריינגעוואָרפען אין גיהנום אריין, אין זיבעטען "מדור". אין גיהנום איז דאָ זיבען אפּטיילונגען. און דער צווייטער "מדור" איז זעכציג מאָל גרעסער פון ערשטען. און דער ערשטער איז גרוים דריי הונדערט יאהר גאנג, אין יעדער אפּטיילונג איז דאָ זיבען טויזענד לעכער, אין יעדען לאָך—זיבען טוי־זענד שפּאַלטען, אין יעדען שפּאַלט—זיבען טויזענד עקדיי־סען. איטליכער עקדיש האט דריי הונדערט זעקעלעך, אין יעדען זעקעלע איז דאָ זיבען טויזענד קרוגען גאַל און אין יע־דער גאַל—זיבען טייכען גיפט.

דורך די אלע אפּטיילונגען האב איך דורכגעוואָרפען אשמדאי'ן מיט זיין מרשעת ביז זיי זענען איינגעזונקען נע־וואָרען אין תהום פון גיפט. דאָרט האב איך זיי געשמידט

מיט שלמה המלך'ס קיים, זיי זאָלען שוין נישט קענען ארויס־קריכען.

דערנאָך האָב איך געהאט עלית נשמה, איך בין גע־קומען אין העכסטען היכל פון דער קדושה און דאָרט אומ־געקערט אלע הייליגע "ניצוצין". כ'בין געווען אין אוצר פון נשמות און געזעהן אז ווינציג נשמות זענען נאָך פערבליבען און גלייך וועט קומען משיח, און איך האב דארט געזעהן מיין נאָמען וואס מיין פאטער דוד המלך האט געבעטען אויף מיין קומען...

די אנהענגער האבען ארומגערינגעלט שבתי צבי'ן און אנגעהויבען טאנצען און זינגען. שמואל האט אויך מיט־געטאנצט אבער נישט מיט'ן גאנצען הארצען. קוקענדיג אויף דער סטאטוע האט ער זיך דערמאָנט אָן דער וואונדער־שעה־נע זלאטע, וואס ער האט אזוי ליעב געהאט און זי איז טראַ־גיש אומגעקומען פאר זיינע אויגען.

קומענדיג אהיים האט ער נאָך אלץ געטראכט פון זלאטע'ן און ער האָט מיט טרערען דערצעהלט משה פעגייראַ'ן דעם צער פון זיין הארץ. משה האט איהם געטרייסט און געזאגט אז דאס איז נאָך א וואונדער־אויפטהו פון שבתי צבי, וואס ער האט איהם דערמאָנט אָן דעם הייליגען מיידעל און איהר נשמה האט זיך בעהאַפטען אן זיין נשמה.

שבתי צבי האט אויסגעטאָן די וואָכעדיגע קליידער און געטראָגען שטענדיג די שבת'דיגע, וויים זיידענע מלבושים. ער האט זיינע אנהענגער אויך געהייסען זיך אָנטאָן שבת'דיג, ווייל באלד קומט די גאולה, גאָט'ס שבת.

ער האט אויך בעשלאָסען ארויסצורעדען דעם "שם המפורש" און נישט ביי זיך אין צימער נאָר אין בית המדרש פון זיין אלטען רבי יוסף אסקפא און ווען אלע אידען וועלען זיין פערזאמעלט, שבת וואס מען בענטשט ראש חודש.

זיין אלטער רבי האט איהם שטארק ליעב געהאט און זיך בעריהמט מיט איהם. ער האט זיך אפילו געוואונדערט זע־הענדיג ווי שבתי צבי האט אָפגע'גט צוויי ווייבער. ביים ערש־טען גט האט דער רבי איהם געפרעגט פארוואס ער טוט דאס. —עס שטעהט דאך געשריבען אז דער וואס גט זיין ער־

שטע פרוי פערגיסט דאס מזבח טרערען אויף איהם!—האט דער אלטער רבי צו איהם געזאגט.

— איך זעה אבער אז זי איז פריהער געווען א זכר, נאָר איבער א חטא איז זי געוואָרען א נקבה—האט שבתי צבי געענטפערט—זי וועט נישט האבען קיין קינדער....

און דער רבי זיינער האט ניט געוואוסט וואס אפצוענט־פערן אויף דעם תירוץ.

---

שבת האט שבתי צבי גענומען זיינע אנהענגער און אוועק מיט זיי אין רבין'ס שוהל. דער אלטער רב האט זיך דערפרעהט מיט איהם און אוועקגעזעצט לעבען זיך אויף דער מזרח וואנד לעבען ארון קודש.

ביים דאַווענען האט דער חזן געווארט ביז שבתי צבי האט געמאכט זיינע כוונות און דערנאָך האט ער געקראגען אן עליה—רביעי. ווען ער איז געגאנגען צום בעלעמער האבען די מענער איהם נאָכגעקוקט מיט בעוואונדערונג. ער האט גע־שיינט, און די פרויען פון ווייבער שוהל האבען זיך געשטופט צו די גראַטעס זעהן דעם יונגען צדיק.

פלוצלונג איז געוואָרען א טומעל אין שוהל. שבתי צבי האט געמאכט די ברכה און ארויסגעזאָגט הויך דעם "שם המפורש" וואס קיין מענש האט נישט געטאָרט ברענגען אויפ'ן מויל נאָר דער כהן גדול אום יום כפור אריינקומענדיג אין קדשי קדשים.

דער אלטער רב איז געפאלען חלשות. דער אב־בית־דין ר' אהרן ליפפא האָט געפּאַטשט מיט די הענד און געשריגען דערשראָקען. אלע דאַוונער האבען זיך דערשראָקען און גע־שריגען.

עס איז געפאלען א מורא אויף אלעמען אז נאָט וועט חרוב מאכען די וועלט. נאָר שבתי צבי'ס אנהענגער זענען געבליבען רוהיג. זיי האבען א ווילע געקוקט אויף שבתי צבי'ן וואס איז געשטאַנען רוהיג און באלד געקוקט צום הי־מעל ווארטענדיג אז דער הימעל וועט זיך שפאַלטען און כביכול וועט זיך בעווייזען.

דער הימעל האט זיך אבער נישט געשפּאָלטען. אלץ איז געבליבען ווי געווען. נאָר אין שוהל האָט זיך געטומעלט. דער

אלטער רב איז דערוויל געקומען צו זיך און מיט האס גע־קוקט אויף זיין בעליבטען תלמיד. די אנהעענגער זענען צוגע־לאָפען בעשיצען שבתי צבי'ן. דער אלטער רבי יוסף האט אנ־גענומען דעם אב בית דין רב אהרן, מיטגערופען די דיינים און צוויי שמשים און זיי זענען אריין אין א קאמער פון שוהל זיך מישב זיין וואס צו טאָן מיט שבתי צבי'ן.

שבתי צבי האט געקוקט אויף אלעמען מיט רוהיגע פער־אכטונג. אז ער האט דערזעהן ארום זיך איבער א צעהנדליג זיינע אנהענגער, האט ער זיך איינגעבויגען איבער'ן ספר תורה און געוואָלט לייענען די פרשה. אבער איידער ער האט געעפענט ס'מויל זענען ארויסגעקומען די צוויי שמשים פון קאמער און זיך געשטעלט צווישען ארון קודש און בעלעמער געגענאיבער שבתי צבי'ן און אויסגערופען:

„אין נאמען פון גאָט און אין נאָמען פון בית דין זענען מיר מתרה דיך, שבתי בן מרדכי, זאָלסט חרטה האבען אויף דיינע מעשים און בעטען א תשובה פון אונזערע חכמים צו פעררי‍כטען די גרויסע עברה וואס דו האָסט איצט געטאָן בפרהסיא, ווייל דער וואס רעדט ארויס דעם שם המפורש וועט נישט האבען קיין עולם הבא און אויב נישט—זאָלסטו ליגען אין חרם פאר גאָט און לייט און דיין בלוט זאל זיין מותר צו פערגיסען, ווייל דו ביזט חייב מיתה, האב חרטה, שבתי, טו תשובה!"

ווי זיי האבען געענדיגט, האט שבתי צבי געגעבען א קלאפ אין בעלעמער ס'זאָל זיין שטיל און ער האט אנגעהוי־בען לייענען די פרשה. זיין וואונדערליך זיסע שטימע האט אלעמען שטיל געמאכט. אז ער האט געמאכט די צווייטע ברכה האט ער ווידער ארויסגערעדט דעם שם המפורש. יצחק שאלווירען האָט ער געגעבען „חמישי", משה פעניירא'ן — „שישי", משה קאלמארין—„שביעי" און שמואל'ן האט ער מכבד געווען מיט „מפטיר".

אין דער רגע זענען אריינגעקומען די רבנים מיט די דיינים און ארויפגעגאנגען אויפ'ן בעלעמער און זיך אוועקגעזעצט און ארויפגערופען שבתי צבי'ן. זיינע אנהענגער זענען גלייך צוגעלאָפען ער זאל נישט זיין אליין.

— פארוואס האסטו דאס געטאן?—האבען די רבנים איהם געפרעגט.

— ווייל איך מעג טאן דאס וואס איהר טארט נישט— האט ער זיי געענטפערט—איך בין אייער אויסלייזער. איך בין משיח בן דוד מלך ישראל!

די רבנים און דיינים זענען אויפגעשפרונגען דערשראָ־קען. ער זאגט גאר אז ער איז משיח, א נייע זינד! עס קומט איהם מיתה ווי איינער וואס גיט זיך אוים פאר א נביא. שבתי צבי האט זיי אבער בעוויזען לויט דער קבלה אז ער איז יא משיח און אז איצט וועט דער שטן נישט קענען מעכב זיין די גאולה, און ווען אייך זיין, האט ער גע־זאגט, אז איהר וועט ווידערשפעניגען געגען מיר!

די רבנים האבען אבער געזאגט אז ער וויים נישט וואס ער רעדט. רבי יוסף האט געשריגען אויף איהם: "נארישער רשע און בעל גאוה". דער דיין רב אהרן האט געזאגט, אז ער איז א משוגע'נער. זיי האבען איהם דריי מאל געווארנט ער זאל חרטה האבען אויף זיינע נארישע רייד. ער האט זיך אבער געהאלטען ביי דאם זייניגע. האבען די רבנים ארוים־גענומען צוויי ספר תורה'ס און ארייגגעליינט אין חרם איהם מיט זיינע אנהענגער.

זיינע אנהענגער האבען זיך דערשראָקען. זיי האבען גע־האפט אז גאט וועט זיך נוקם זיין אן די רבנים. א פייער וועט אראפ פון הימעל און זיי פערברענען אדער די ערד וועט זיי איינשלינגען. עס איז אבער נישט אראפ א פייער פון הימעל און די ערד האט זיי נישט איינגעשלונגען, נאר דער גאנצער עולם האט זיך אפגערוקט פון שבתי צבי'ן מיט זיינע אנהענ־גער, נישט צו שטעהן אין זייערע ד' אמות.

— ארוים פון דאנען, דו פושע ישראל!—האבען די רבנים געשריגען אויף שבתי צבי'ן

— ארוים פון דאנען, רשעים!—האט דער גאנצער עולם געשריגען אויף איהם מיט זיינע אנהענגער.

פערשעמטע זענען זיי ארוים פון שוהל און קליינווארג זענען זיי נאכגעלאפען מיט געשפעט. א סך דערוואקסענע זענען צוגעשטאנען צום קליינווארג און זיי נאכגעגאנגען און געזידעלט און געשאלטען ביז שבתי צבי איז געקומען אהיים.

דער עולם האט נישט געוואָלט אפּטרעטען פון הויז און זיי געשאָלטען מיט די ביטערסטע קללות.

שבתי צבי'ס פאטער האָט דערהערט וואס דער זוהן האָט אויפגעטאָן האט ער איהם אויסגעזידעלט. זיינע ציוויי ברי־דער וואס האבען איהם תמיד מקנא געווען האבען איצט געפונען א געלעגענהייט צו מאכען חוזק פון איהם. דער פא־טער האָט געשוואוירען אז ער וועט איהם נישט האלטען אין הויז ביז ער וועט איבערבעטען די רבנים און געבען א שבועה אז ער וועט זיך מעהר נישט מאכען נאריש.

זיין מוטער אסתר האט געשוויגען נאָר געהאלטען אין איין וויינען אויף דער שאנד וואס ער האָט איהר אָנגעטאָן. ער איז צוגעגאנגען צו איהר, געקושט אין האנד און געזאגט:

— מאמע, וויין נישט. דאס האט גאָט מיך געשטעלט צום נסיון צי איך בין משיח. מיר איז נישט קיין אונטער־שיעד צי די סמירנאָ'ר רבנים וועלען מיך אנערקענען אדער נישט. איך קום אין גאָט'ס נאָמען. באלד וועלען מיינע שונאים האבען גרויס חרפּה און איך דעם גרעסטען כבוד.

די מוטער האט איהם שטאַרק ליעב געהאט און זי האט אויפגעהערט וויינען. און זי האָט געגרייט צום טיש פאר איהם מיט זיינע אנהענגער אין זיין צימער.

טרויעריגע זענען די אנהענגער געזעסען ארום טיש. שבתי צבי איז אבער געווען פרעהליך. ער האט זיי געטרייסט און געזאגט אז די רבנים קומען ארויס פון "ערב רב" וואס דער גלות איז זיי ליעב. זיי וועלען אבער פערשעמט ווערען אין גיכען. ער וועט אבער גלייך פארלאָזען דאס הויז, ווייל איי־דער ער וועט ברענגען די גאולה מוז ער א צייט זיין נע ונד, וואגלען אומטערוועגס.

ער האט ווידער דערמוטיגט זיינע אנהענגער. נאָר שמואל איז געבליבען אומעטיג. אויב די גרויסע רבנים האבען איהם אריינגעלייגט אין חרם זענען זיי מסתמא גערעכט, און וואו זענען זיינע וואונדער וואס ער האט געזאגט אז ער וועט בע־ווייזען, ווען ער וועט ארויסרעדען דעם שם המפורש? פאר־וואָס זענען די רבנים נישט געוואָרען בעשטראפט אויפ'ן אָרט? אזוי האט שמואל געטראכט.

ער האָט אבער זיך נישט דערווייטערט פון איהם. ער איז

געוועז שטאַרק צוגעבונדעז צו איהם און די חברים. אין איין זאַך איז ער געוועז זיכער, אז ער איז אן עהרליכער. עס קען זיין אַז ער איז נישט איינגאַנצעז ביים גלייכען זינען. אבער ווי קען ער איבערלאָזען די חברים און לייקענען אין זייער פיהרער? אז ער וועט פערלאָזען פעניירא׳ן וועט ער דאָך וועךרען עלענד ווי א שטיין.

מיט זיי זיין קען ער אויך נישט. ער וועט דאָך ליגען אין חרם. דער פאטער רב מנשה בן ישראל האט איהם געשיקט צו לערנען תורה נישט ווידערשפעניגען געגען די רבנים און ליגען אין חרם.

ער איז ארויס אין דרויסען און געהאלטען אין איין טראכטען וואס צו טאָן. דאָ האט ער זיך דערמאָנט אָן זיין חבר יהודה וואס וואלט איהם גוט געראטען אין אזא צווייפעל. ער האָט זיך דערמאנט ווי גוט ס׳איז איהם געוועז אין דערךהיים און א שטאַרקער חשק האָט איהם אָנגענומען צו פאָהךרען אהיי׳ם.

ווי ער איז געגאנגען איבער די גאַסען האט ער פּלוצלונג דערזעהן אז ער איז אין דער געגענד וואו די אייראָפּעאישע סוחרים וואוינען און ער האָט בעשלאָסען אריינצוגעהן צו זיין פריינד דזשאן ניקאָלס און איהם פרעגען אן עצה.

אַז ער איז אריין האָט דזשאן ניקאָלס זיך שטאַרק דערךפרעהט מיט איהם און איהם דערלאַנגט אַ בריעף פון זיין פאטער. זיין הארץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען. שוין איבער אַ יאָהר האָט ער נישט געהערט פון פאטער. דער פאךטער האָט איהם געשריבען אז ער זאָל גלייך אהיימקומען און האָט איהם געשיקט געלד אויף הוצאות. ער האָט איהם אויך געשריבען אז זיין ברודער יוסף איז תיכף נאָך זיין פערךלאָזען לובלין קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. שמואל האָט שטאַרק געוויינט אויפ׳ן טויט פון זיין ליעבען ברודער.

דער פאטער, רבי מנשה בן ישראל, האָט איהם אויך געךשריבען אַז ער האָט איהם געהאלטען פאר טויט, גלויבענדיג אַז ער איז אומגעקומען אין די שחיטות אין אוקריינא. איצט זאָל ער אהיימקומען און זיך פערנעמען מיט דער דרוקערייי און איהם טרייסטען נאָך זיין עלטסטען זוהנ׳ס טויט.

„איך בין איצט זעהר פערנומען מיט'ן רבנות און מיט מיין ארבייט אין ענגלאנד, אז די אידען זאָלען זיך מעגען אומ־קערען אהין. בעט אויך דעם איידעלען מאן דזשאן ניקאָלס ער זאָל מיר העלפען."

ער האָט געשריבען א בעזונדערען בריעף צו דזשאהן ניקאָלס און איהם געבעטען שרייבען צו זיין ברודער עדוואַרד און צום הערשער קראָמוועל, אידען זאָלען מעגען וואוינען אין ענגלאנד.

דזשאן ניקאָלס האָט דערצעהלט שמואל'ן אז קראָמוועל האָט געשטעלט דעם קעניג טשארלס צום געריכט און דער קעניג איז פער'משפט געוואָרען צום טויט און מען האָט איהם עפענטליך געקעפּט. איצט איז קראמוועל דער אויבער־הערשער און וואָס ער וויל קען ער טאָן.

שבתי צבי'ס אנהענגער האָבען זיך געשפּאָלטען. משה פּעניירא'ן האָט זיין אלטער פאָטער עובדיה אוועקגעשיקט נאָך ליוואָרנא, איטאליען, — דער אלטער האָט מורא געהאט מען זאָל נישט הרג'ענען זיין זוהן. אנדערע האָבען איהם אויך פערלאָזט. שמואל איז אין צוויי טעג ארום אוועקפאָהרען נאָך אמסטערדאם. דזשאן ניקאלס האָט איהם מיטגעגעבען א בריעף פאר'ן פאָטער איבערצוגעבען זיין ברודער עדווארד. און שבתי צבי האָט בעשלאָסען געהן אפריכטען גלות.

---

אין א צייט ארום, ווען שמואל איז שוין געווען אינדער־היים, האָט ער בעקומען א בריעף פון זיין חבר יהודה העלער, דעם תוספות יום־טוב'ס זוהן. יהודה איז דעמאלט געווען אין סאלאניקי. דאָס איז געווען אין תמוז, תט"ז. און ער האָט איהם אזוי געשריבען:

ליעבער חבר שמואל איך וויל האבען די גרויסע פרייד ווידער רעדען צו דיר, כאָטש אין א בריעף, ווי אמאָל אין לובלין אָדער אין די בייזע טעג אין אוקראינא.

יהודה האָט איהם געשריבען אז ער האָט פון זיינע בעקאנטע געוואָהר געוואָרען אלסדינג וואָס עס האָט געטראָפען מיט איהם פון דעם טאָג וואָס ער איז געקומען נאָך סמירנא ביז זיין רייזע נאָך אמסטערדאם. ער איז שטארק צופרידען וואָס שמואל איז אויסגעלייזט געוואָרען פון קנעכטשאפט

און פון שבתי צבי׳ס נארישע נעץ. און ער האט איהם בע־שריבען אלץ וואס ס׳איז פארגעקומען מיט איהם.

וואכען לאנג האבען די טאטערן איהם געפיהרט א גע־פאנגענעם אויף דער שיף און איהם געבראכט נאך סאלאניקי. דער הויכער שר דאן רפאל בן דאן משה בענבאנעשטי, וואס שטאמט פון אברבנאל, האט איהם אויסגעליזט און בע־שטימט פאר זיין הויפט איבערשרייבער פון ספרים צו צוטיילען אין די ישיבות.

די מצוה האט דאן רפאל געהאלטען טייער. ער האט זי איבערגענומען בירושה פון זיין עלטער־זיידע דאן יהודה, אן אייניקעל פון דאן אברהם סעניאר בענבאנעשטי. פינף יאהר איז ער שוין אין דאן רפאלס הויז. און האט זיין נויטבע־דערפניש און בעשלאסען דא צו פערבלייבען. ער וויל נישט פאהרען אהיים, ווייל זיין פאטער, דער גאון, איז מיט צוויי יאהר צוריק געשטארבען.

יהודה האט איהם אויך געלאזט וויסען, אז ער האט אין דאן רפאלס ביבליאטעק געפונען א טייערן אוצר, — די זכרונות לבית דוד, די בעשרייבונגען וואס דוד המלך׳ס איי־ניקלעך האבען איבערגעלאזט. אין זיי איז דא די געשיכטע פון דער גרויסער פאמיליע און פון גאנצען פאלק מיט זיינע פיעל צרות און ווינציג פרייד.

סאלאניקי איז א גרויסע שטאדט און די מערהייט איינ־וואוינער זענען אידען. פון אלע גלות־לענדער זענען אידען געלאפען אהער און סאלאניקי איז צו זיי ווי א גוטע דער־בארמדיגע מוטער. זעקס און דרייסיג קהלות זענען דא פאַ־ראן און אומעטום לערנט מען קבלה. עס האט נאר געפעהלט דער ווילדער צודרעהטער שבתי צבי וואס דאס פאלק גלויבט אין איהם אז ער איז משיח.

יהודה האט איהם געשריבען, אז ער האט זיך צוגעשטופט צו זעהן שבתי צבי׳ן און ער איז ערשטוינט געווארען פון זיין שעהנקייט. רעדענדיג מיט איהם האט ער אבער איינ־געזעהן, אז ער איז משוגע.

באלד ווי יהודה איז געקומען צו שבתי צבי׳ן האט ער אנגעשטעלט אויף איהם זיינע ליכטיגע אויגען און געזאגט:

— דיין נאָמען איז יהודה אריה. דו האָסט די נשמות פון דתן און אבירם.

— אפשר האָב איך גאָר די נשמה פון אליהו הנביא ? — האָט יהודה זיך אנגערופען.

— ס'קען נישט זיין — האָט שבתי צבי געזאָגט — אליהו הנביא קומט צו מאַכען שלום, און דו קומסט מיט דעם געראַנק צו קריעג ווי דתן און אבירם.

— הערר! איך בעט אייך, טויט מיך נישט מיט דער פאַרע פון אייער מויל — האָט יהודה געזאָגט שפּאָטיש.

— איך וועל דיך נישט טויטען — האָט שבתי צבי געזאָגט גנעדיג — גענוג פאַר דיר דיין שטראָף נאָכ'ן טויט. דו וועסט מגולגל ווערען אין א הונט, נאָר אז דו וועסט טאָן תשובה און פאַסטען זיבען און אכציג תעניתים, יועט דער זכות פון דיין פאָטער דיר ביישטעהן, זאָלסט נישט ליידען דערפאַר וואָס דו האָסט געגעסען טרפות, כאָטש דו האָסט געגעסען געצוואונגענערהייט, איז עס אָבער אַלץ אן עבירה.

יהודה איז געבליבען צומישט. פון וואנען וויס ער אז ער האָט אמאָל געמוזט עסען טרפות ? האָט ער רוח הקודש ? ער האָט אָבער דערזעהן צווישען שבתי צבי'ס אנהענגער אן אנגעשטעלטען פון דאן רפאל'ס הויז, האָט ער פערשטאַנען אז דער אנהענגער האָט איהם אלץ געזאָגט פריהער.

יהודה האָט נישט פערשטאַנען פארוואָס ער געגאַרט אָפ דעם עולם צו גלויבען אין איהם. ער טוט דאָס נישט צוליעב געלד, ווייל זיין פאָטער איז שטיין־רייך און ווען ער וויל אויפהערען די נארישקייטען קען ער טאָן מיט'ן פאָטער'ס פערמעגען וואָס ער וויל. ער איז אָפגעשיידט פון אַלע פערגעניגענס. ער האַלט אין איין פאַסטען, וויינט גאַנצע נעכט און פייניגט זיך. און ס'איז א וואונדער וואָס נאָך די אַלע פיין וואָס ער טהוט זיך אָן איז ער אַלץ אזוי שעהן און געזונד.

נאָר זיין שטאַרקער גלויבען אין דער קבלה גיט איהם קראַפט אַלץ אויסצוהאַלטען, ער איז נישט פערדאָרבען, נאָר צודרעהט. לעצטען שבועות האָט ער אויפגעשטורמט די וועלט מיט זיין חתונה וואָס ער האָט געפראוועט מיט דער תורה, זיין "הימלישע כלה", ווי ער רופט די תורה.

דעם ערשטען טאָג שבועות נאכמיטאג האָט ער צוזאמענ־גערופען א גרויסען עולם אין שוהל און ארויסגענומען א ספר תורה און בעהאנגען מיט א סך ציערונג און געקושט דאָס ספר זאָגענדיג: „מיין שוועסטער כלה". מיט דער דאָ־זיגער „כלה" האָט ער זיך געשטעלט אונטער דער חופה און איינגעלאַדען די זיבען היילינע „פאסטוכער" אוועקזעצנדיג פאר זיי שטולען צום זיצען.

בעזונדער האָט ער זיך געפּרעהט מיט משה רבנו און אליהו הנביא, וואָס וועט איגגיכען בלאָזען שופר און אָנ־זאָגען די וועלט אז עס קומט די גאולה... ער האָט איינ־געלאַדען די „היילינע פאסטוכער" צום טאַנץ און האָט אליין לאַנג און שטארק געטאַנצט זינגענדיג ליעדער אויף שפּאַ־ניש און זוהר לשון. דערנאָך האָט ער אויסגעשריען:

— „איך וועל ארויפגעהן אויף די הויכען פון וואָלקען, זיך גלייכען צום אויבערשטען".

און באַלד איז ער געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. ער האָט, הייסט עס, בעקומען „עלית נשמה", די נשמה איז ארויף אין הימעל... דערנאָך ווען די נשמה איז צוריק אראָפּ האָט ער דערצעהלט ווילדע זאַכען וואָס ער האָט געזעהן אין די אויבערשטע וועלטען און אין די זיבען היכל'ען, וואו גאָט שפּאַצירט מיט די נשמות פון צדיקים און חסידים...

שפּעטער האָט ער אלעמען געהייסען ארויסגעהן. ער וויל בלייבען אליין מיט זיין „כלה"... זיינע אנהענגער זענען געלאָפען איבער די גאסען מיט געזאנג און ווילדע טענץ. די רבנים האָבען דאָס דערהערט און עס איז זיי נישט גע־פעלען. זיי האָבען געוואָהר געוואָרען אז די סמירנא'ר רבנים האָבען איהם ארייגעלייגט אין חרם, האָבען זיי געשיקט נאָך איהם די שמשים און אָנגעזאָגט ער זאָל תיכף פערלאָזען די שטאָדט.

געגוג שוין צו רעדען וועגען די משוגעים, האָט יהודה געשריבען, לאָמיך בעסער רעדען וועגען דיין בעריהמטען פאָטער רבי מנשה בן ישראל און וועגען דיר. איהר האָט געטאָן א גרויסע זאך פאר אונזער פאָלק, אינזערע ברידער זאָלען ווידער מעגען וואוינען אין ענגלאנד. דזשאָן ניקאָלס האָט מיר דערצעהלט גרויסע זאכען פון דיר. אין א קורצע

צייט האָסטו פיעל געלערנט און מיט דער הילף פון דזשאן׳ס ברודער עדוואַרד, קראָמוועל׳ס געהיימראַט, האָסטו אויסגע־האַלטען דעם עקזאַמען אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט און געקראָגען דעם טיטול דאָקטאָר מעדיצין און פילאָזאָפיע.

דזשאַן האָט מיר אויך דערצעהלט אַז דיין פאָטער האָט געהאַט גרויס כבוד ווען ער איז געקומען נאָך לאָנדאָן צו פערהאַנדלען מיט דעם מעכטיגען קראַמוועל. ער האָט געהאַט אַ סך געגנער, אָבער קראַמוועל מיט זיינע ראַטגעבער ווילען דערפילען דיין פאָטער׳ס פערלאַנג. ענגלאַנד עפענט שוין איהרע פערשלאָסענע טירען פאַר אונז, אידען. אויב די עפּע־נונג איז איצט נאָך קליין, וועט זי אָבער שפּעטער ווערען ברייט אָפען.

איך האָב אויך בעשלאָסען צו לערנען מעדיצין. איך מיט מיין הערר דאַן רפאל׳ס גרעאָטענעם זוהן משה לערנען ביי דעם בעריהמטען דאָקטאָר רב משה אמראגי, וואָס איז אנגעזעהן ביי די רעגירונגס־לייט. איך האָף אַז איך וועל נישט דאַרפען ארבייטען ביי קיינעם נאָר פאַרדינען מיין ברויט אַלס דאָקטאָר.

---

נאַכדעם ווי יהודה און דאַן רפאל׳ס זוהן האָבען געענ־דיגט זייער לערנען אויף דאָקטאָר האָבען זיי געמוזט פאָה־רען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל פּראַקטיצירען אין סולטאַן׳ס שפּיטאָל א יאָהר צו קריגען דעם טיטול דאָקטאָר. פון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל האָט יהודה געשריבען דעם דאָזיגען בריעף צו שמואל׳ן נאָך אַמסטערדאַם. דאָס איז געווען אין סיון ת״ח.

איך בין זעהר בעטריבט צו הערען אַז דיין גרויסער פאָטער רבי מנשה בן ישראל איז פאַר־אַ־יאָהרען געשטאָרבען אויפ׳ן וועג פון לאָנדאָן נאָך אַמסטערדאַם. מעגסט זיך אָבער טרייסטען אַז דאָס איז נישט בלויס דיין אומגליק, נאָר אַן אומגליק פאַר׳ן גאַנצען פאָלק. אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט בעקלאַגען דעם טויט פון זייער גרויסען בעשיצער.

טרייסט דיך וואָס זיין מיה איז נישט געווען אומזיסט. דזשאַן ניקאָלס דערצעהלט מיר אַז פיעל אנוסים זענען ענט־

לאַפּען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל און האָבען זיך בעזעצט אין לאָנדאָן, וואו זיי זענען עפענטליך געוואָרען אידען.

מיך פערדריסט אויף דיר, שמואל, וואָס דו גלויבסט נאָך אַלץ אין שבתי צבי׳ן. איך האָב איהם דאָ געזעהן לעצטען ווינטער. ער איז דעמאָלט געווען ביים רב משה גאַלאַנטי און בעוויזען ווילדע שטיק, ווי א געוועהנליכער משוגע׳נער.

פרייטאָג האָט מען געבראַכט אין שטוב אריין א לעבע־דיגען פיש, האָט ער געכאַפּט דעם פיש און איהם אריינגע־לעגט אין א וויגעל און אָנגעהויבען וויגען און זינגען, אז דער פיש איז אָפּגעשטאַנען האָט ער געהייסען מען זאָל איהם אָפּקאָכען פאר איהם אליין. אין פיש, האָט ער געזאָגט, איז דאָ דער גלגול פון בר־כוכבא.

ווי געפעלט דיר אזא משוגעת !

---

אָבער איך וועל דיר דערצעהלען א נייעס וואָס וועט דיך שטאַרק וואונדערען. געדענקסט אברהם׳ן, זכריה טשיגי־רינער׳ס חתן ? געדענקסט ווי דער שדוך צווישען איהם און דאָס הייליגע מיידעל טויבע איז אָפּגעגאַנגען נאכדעם ווי טשאפּלינסקי, האָט איהם געוואָלט שמייסען ? ער איז איצט אין קאָנסטאַנטינאָפּאַל, א תלמיד פון דעם היגען רב רבי יוסף טראני. ער איז א שעהנער דרשן און שרייבט דרשות און שירים. ער הייסט דאָ אברהם יכיני און פערדינט זיין ברויט פון איבערשרייבען אַלטע ספרים פאר א האָלענ־דישען שר.

אברהם יכיני איז תמיד מיט שבתי צבי׳ן. זיי סוד׳ען זיך תמיד און אפילו יצחק שאלווירא און משה קאַלמארי, שבתי צבי׳ס נאָהענטסטע חברים ווייסען נישט זייערע סודות. אברהם׳ן בין איך חושד, אז ער איז אן אָפּנאַרער און א שווינדלער, ווער ווייס וואָס ער טוט ?

שבתי צבי איז פון דאַנען איינגיכען ארויסגעטריבען געוואָרען מיט גרויס שאַנד. מען זאָגט, אז ער לאָזט זיך אוועק נאָך עגיפּטען. איך האָף, שמואל, אז דו וועסט מיר בלייבען א געטרייער פריינד כאָטש איך בין געגען דיין הייליגען שבתי צבי.

אין דריי יאָהר אַרום, ראש חודש אָב, תכ״א, האָט שמואל בן ישראל געשריעבען אַ בריעף צו יהודה'ן :

״דו האָסט מיר געשריבען אַ וואונדערליכע נייעס, אַז דו האָסט בעגעגענט דעם טשיגירינער חתן. דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן די צוויי ליעבע טייערע מיידלעך, טויבע און זלאַטע, וואָס האָבען מיך ליעב געהאַט און בעסער גע־שטאָרבען איידער צו ווערען פעראומרייניגט פון די מערדער

איך האָב דיר צו שרייבען נאָך אַ גרעסערען וואונדער און וועסט שטוינען ווי גאָט פיהרט זיין וועלט.

שוין עטליכע יאָהר הער איך דאָ רעדען וועגען אַ מיידעל וואָס האַלט זיך אויף ביי אונזערס אַ גביר, ר' אברהם פע־ניירא, מען דערצעהלט פון איהר וואונדער : אַז זי איז די טאָכטער פון אַ קדוש וואָס איז אין יאָהר ת״ח גע'הרג'עט געוואָרען דורך די קאָזאַקען. ווען זי איז געווען אַ קינד פון זיבען יאָהר האָבען די טאַטערן זי געפאַנגען און זי אוועקגע־פיהרט צום קרימער כאַן אַ מתנה, זי איז געווען וואונדער־שעהן.

אין צוויי יאָהר אַרום ווען דער כאַן האָט בעפרייט דעם פוילישען העטמאַן קאַלינאַווסקי האָט ער איהם געשאָנקען דאָס מיידעלע. קאַלינאַווסקי האָט זי געוואָלט מאַכען פאַר אַ מאָנאַשקע און זי אריינגעגעבען אין אַ דאָמיניקאַנישען מאָנאַסטיר.

זיבען יאָהר איז זי געווען אין מאָנאַסטיר ביז זי איז גע־וואָרען זעכצעהן יאָהר. און די מאָנאַשקעס האָבען זי צוגערייט צו ווערען אַ מאָנאַשקע. עס האָט זיך דערנעהנטערט דער טאָג ווען זי האָט געדאַרפט דורכמאַכען די צערעמאָניע און שווע־רען אַז זי וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבען. איז איהר דער פאָטער געקומען צו חלום און זי געהייסען אַנטלויפען פון מאָנאַסטיר און צוריקקערען צו איהר פאָלק.

זי האָט אָבער נישט געקענט אַנטלויפען, ווייל דאָס טויער איז שטענדיג פערשלאָסען. איין נאַכט נאָך דער צוויי־טער איז דער פאָטער איהר געקומען צו חלום און געפאָדערט זי זאָל אַנטלויפען. זי האָט איהם צום סוף געזאָגט אַז ס'טויער איז פערשלאָסען און זי קען נישט אַרויס.

איז דער פאָטער פלוצלינג אריין אין איהר צימער און זי

אַרויסגענומען פון בעט, זי דורכגעטראָגען דורך די אייזענע גראַטעס אין איהר פענסטער און זי איבערגעלאָזט אויפ'ן בית־עלמין.

אינדערפריה איז געקומען א לויה אויפ'ן בית־עלמין. די אידען האָבען דערזעהן זי אין איין העמד מיט א צוריסען לייב פון די גראַטעס. זי האָט זיי דערצעהלט וואָס ס'איז געשעהן מיט איהר ביינאַכט. זיי האָבען מורא געהאַט צו בעהאַלטען זי אין שטאָדט, מען זאָל זיך נישט דערוויסען אין מאָנאַסטיר און מאַכען אויף זיי א בלבול, אז זיי האָבען זי ארויסגע'גנב'עט און בעשלאָסען זי אוועקצושיקען ווייט.

ביינאַכט האָבען צוויי אידען זי אוועקגעפיהרט נאָך אמס־טערדאַם און איינער פון די פיהרער פון דער היגער פאָר־טוגעזישער קהלה ר' אברהם פעניירא האָט זי ארייגענומען צו זיך. איהרע רייד זענען בעשטעטיגט געוואָרען פון עדות וואָס האָבען געזעהן איהר צוריסען לייב און צייכענס זענען פערבליבען.

אלע האָבען דאָס אָנגענומען פאר א נס פון הימעל. רב אברהם האָט זי געהאַלטען ווי אן אייגען קינד און די שטאָדט געהט אויף רעדליך מיט איהר. איך האָב דאָס שוין לאַנג געהערט, בין אָבער נישט געגאַנגען זי זעהן ביז ס'איז אהער געקומען פון איטאַליען מיין חבר משה ר' עובדיה פעניירא'ס זוהן. ער האָט מיך געבעטען איך זאָל געהן מיט איהם זעהן דאָס מיידעל.

ווי מיר זענען אריין אין הויז און זי דערזעהן האָט ס'האַרץ מיר אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען. איהר שעהן פּנים, די ליכטיגע אויגען און די לאַנגע ברעמען מיט'ן לויטערן הויכען שטערן זענען מיר אזוי בעקאַנט! אויך איהר חן־גריבעל אין דער לינקער באַק האָב איך שוין אמאָל געזעהן! זי הייסט שרה — א בעקאַנטער נאָמען.

אָבער וואו איך האָב דאָס אַלץ בעקאַנטע געזעהן האָב איך זיך נישט געקענט דערמאַנען. כ'האָב זי געפרעגט ווי ס'האָט געהייסען איהר פאָטער, האָט זי געזאָגט, אז זי גע־דענקט נישט, נאָר עס דאַכט זיך איהר, אז מאיר, אן אומ־בעקאַנטער נאָמען. כ'האָב זי געפרעגט, וואו זי איז געבוירען געוואָרען, האָט זי געזאָגט, אז זי געדענקט נישט, נאָר ס'איז

געווען א שטעדטעל ארומגערינגעלט מיט א מויער. הינטערן שטאָדט איז געווען א גרויסער ברייטער טייך.

און איך האָב פּלוצלונג דערזעהן פאַר די אויגען דעם טייך, וואָס איך מיט דיר און די טייערע זלאַטע האָבען דער־זעהן ווען מיר זענען פאַרנאַכט געשטאַנען אויפ׳ן באַרג.

— האָסט געהאַט ברידער אָדער שוועסטער ? — האָב איך זי געפרעגט אומגעדולדיג.

— כ׳האָב געהאַט א שטיפברודער וואָס מיין טאַטע האָט געהאַט פון ערשטען ווייב און א קליין שוועסטעריל — האָט שרה געענטפערט.

איך האָב זיך מעהר נישט געקענט איינהאַלטען און איהר געזאָגט, אַז איהר פאָטער האָט נישט געהייסען מאיר, נאָר רבי יחיאל מיכל און די מוטער רבקה און זי האָט געהאַט א באָבע פעריל און איהר עלטערער ברודער — שמואל.

דאָס מיידעל האָט זיך דערמאָנט אין איהר אַלטער באָבע וואָס האָט זי אלס קינד געטראָגען אויף די הענד און זי האָט זיך שטאַרק צואַוויינט.

געדענקסט דאָך, יהודה, טייערער, דעם הייליגען נעמי־ראַוועך רב און זיין רביצין. קענסט פערשטעהן וואָס איך האָב געפיהלט דערזעהענדיג דאָס קינד זייערס וואָס האָט מיך דערמאָנט אן זיי.

שרה׳ס קאַשטען־אויגען, לאַנגע ברעמען און הויכער שטערן איז אינגאַנצען איהר הייליגען פאָטער׳ס. די לאַנגע געטאָקטע נאָז, די קליינע ליפּען און דאָס חן־גריבעלע איז אינגאַנצען איהר מוטער׳ס, די שעהנע, גוטע, פרומע רעביצין. אַלץ אינאיינעם איז זי א וואונדערליכע שעהנהייט וואָס מען זעהט זעלטען. איהר חן איז נישט אָפּצושאַצען. איהר אָפּגעשלאָסענקייט אין מאָנאַסטיר האָט געלייגט א שאָטען איבער איהרע אויגען און עס ווערט וואַרים ווען זי קוקט אויף דיר, ווי די פריהלינג־זון לייכטען איהרע אויגען. איהר שטימע קלינגט ווי די זיסטע פידעל און מיט איהרע בעוועגונגען דערמאָנט זי אן דעם הייליגען מיידעל פון נאָ־באַטאַווא. זי האַלט זיך פריי מיט מענער. דאָס האָט זי אודאי געלערנט אין מאָנאַסטיר וואו די מאָנאַכען זענען גאַנץ פריי

מיט די מאַנאַשקעס. אבער זי איז אזוי נאַאיוו עהרליך צום בעוואונדערן.

פיעל רייכע יונגע לייט האָבען געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען. זי וויל אָבער נישט הערען פון זיי. זי טענה'ט אַז זי איז משיח'ס כלה. זי זאָגט אָפּ אלעמען, נאָר משיח וואָס וועט אויסלייזען די אידען פון גלות, זאָגט זי, וועט זיין איהר מאַן.

מען זאָגט, אַז דאָס זאָגט זי פון געוועהנהייט אין מאַנאַסטיר, וואו די מאַנאַשקעס האַלטען זיך פאר די כלות פון זייער אויסלייזער... איצט אַז זי האָט געוואָהר געוואָרען, אַז אין אָריענט איז דאָ א הייליגער מאַן וואָס וועט ווערען משיח, וואַרט זי אויף איהם. די יונגעלייט וואס זי האָט אָפּגעזאָגט זענען אין כעס אויף איהר און טראַכטען אוים אויף איהר בלבולים. זיי זאָגען אַז זי איז אומאָרענטליך און האָט א סך ליעבהאָבער.

מען טאָר אָבער נישט חושד זיין דעם צדיק'ס טאָכטער אין בייז. זי איז זיכער ריין און אומשולדיג. איך און מיין פריינד משה פעניירא גלויבען אז דאָס כשר'ע מיידעל זאָגט אַן אמת'ע נבואה. זי איז טאַקי בעשטימט פאר שבתי צבי'ן. דער זכות פון איהר הייליגען פאָטער וועט איהר ביישטעהן, זי זאָל דערגרייכען איהר הייליגען ציעל און אַז מיר וועלען לעבען וועט מען זעהן ווער ס'איז גערעכט. דו קוקסט דאָך מאָדנע אויף דעם אלעם.

משה פעניירא האָט געבעטען ר' אברהם'ן ער זאָל איהם ערלויבען נעמען שרה'ן מיט זיך נאָך סמירנא. ר' אברהם האָט מסכים געווען. שרה וויל פאָהרען מיט איהם, ווייל זי איז זיכער אז ער וועט זי ברענגען צו שבתי צבי'ן.

לאָמיר צוקוקען דאָס גרייטע און זעהן גאָט'ס ווילען.

אין כסלו, תכ"ד האָט משה פעניירא פון ליוואָרנא בעקומען דעם דאָזיגען בריעף פון זיין חבר יצחק שאלווירא וואָס איז געווען אין קאאירא, עגיפּטען, מיט שבתי צבי'ן.

איך שרייב דיר אין מצרים, דאָס לאנד וואָס האָט פערקנעכטעט די אידען, לעבען גרויסען טייך נילוס וואָס האָט איינגעשלונגען אידישע קינדער, נאָר איין קינד איז געראַטע־

וועט געוואָרען, ווייל גאָט האָט איהם אויסגעקליבען אויסצו־לייזען זיין פאָלק.

אין דעם זעלבען לאַנד וועט אנטפּלעקט ווערען משיח און וועט בעווייזען גרויסע צייכענס און וואונדער און ברענ־גען אן אייביגע גאולה פאר אונזער פאָלק.

א דריי יאָהר זענען מיר געוועזען אין היילינען לאַנד. אונ־זער היילינער פיהרער האָט נישט אויסגעזאָגט זיין סוד. ער האָט דאָרט געפאַסט א סך תעניתים, געפייניגט זיך און געטאָן תפלה, בעטענדיג רחמים ביים אויבערשטען דער קץ זאָל קו־מען וואָס גיכער. פיעל מאָל האָט ער געזעהן אליהו הנביא'ן און געהאַט "עלית נשמה", די שכינה האָט גערוהט אויף איהם די גאַנצע צייט. היינט, ווער קען דערצעהלען זיין גרויס היי־ליגקייט ווען ער האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די קברים פון די נביאים, תנאים און צדיקים צו בעהעפטען זיך מיט זייערע נשמות. ער האָט געקראָגען א גרויסען נאָמען אין ירושלים און אלע חסידים און פרומע לייט האָבען איהם פערגעטערט און געהאַלטען פאר א היילינען.

דערנאָך איז געקומען א גרויסע צרה אויף ירושלים. דער פּאשא האָט ארויפגעלייגט אויף די אידען אונגעהייערע שווע־רע צינזען. האָבען זיי אויסגעקליבען אונזער היילינען פיה־רער צו שיקען נאָך עגיפּטען צום הויכען שר יוסף רפאל צלבי. ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף די אָרימע לייט פון דער היי־ליגער שטאָדט, ער איז זעהר רייך זאָל ער זיי העלפען צו קע־נען צאָהלען די צינזען.

דער שר רפאל יוסף איז א היילינער צדיק. זייט ער איז געוואָרען א שרף באשי (הויפּט בעאַמטער פון די רעגירונגס־צינזען) האָט ער צוגענומען צו זיך פופציג חכמים מיט רבי חיים וויטאל'ס זוהן רב שמואל בראש און זיי זיצען און לערנען תורה און קבלה.

זיין הויזגעזינד לעבט אין גרויס פערגעניגען און ער אליין פייניגט זיך, עסט נאָר ארבעס און האַלט אין איין פאַסטען. אין גאַס געהט ער אין קעניגליכע קליידער און פאָהרט אין א קעניגליכע קאַרעטע. אויפ'ן לייב געהט ער אנגעטאָן א זאַק און לעבט אונטער'ן אויפזיכט פון רב שמואל וויטאל.

ווי אונזער הייליגער פיהרער שבתי צבי איז געקומען אלס שליח פון ירושלים האט דער גרויסער שר איהם אויפגענו־מען מיט גרויס פרייד און תיכף דערפילט זיין פערלאנג. אלע חכמים גיבען אפ גרויס כבוד שבתי צבי'ן און דער שר אליין גלויבט אין איהם אז ער איז משיח.

און זעה גאט'ס וואונדער. דורך א צופאל האט שבתי צבי געזעהן שמואל בן ישראל'ס בריעף און ווי ער האט נאר אי־בערגעלייענט וועגען דעם וואונדערליכען מיידעל שרה, האט ער גלייך אויסגעשריגען:

—זי איז די ריכטיגע מטרוניתא וואס גאט האט מיר בע־שערט! מיט אונזער חתונה וועלען ווערען פעראייניגט שעהנ־קייט און מלכות. זי איז א טאכטער פון הייליגע, זי איז אליין פון גאר א הויכער מדרגה און דער זכות פון איהרע עלטערן צדיקים שטעהט איהר ביי. אז מירביידע וועלען זיך בעהעפ־טען וועט בעקומען א תיקון די גאנצע וועלט, די הייליגע "ניצוצין" וועלען זיך ארויסשיילען פון דער טומאה און עס וועט אנטפלעקט ווערען א גרויס ליכט וואס וועט זיך צו־שפרייטען ביז'ן זעקסטען חיכל אין הימעל, דער היכל פון רצון, וואו ס'איז דער ווילען פון אלע נשמות צו ווערען איינס אין ליעבע און בעהאפטען מיט א קוש און עס וועט קומען די גאולה.

דערפאר זאלסטו גלייך ברענגען די מטרוניתא (די קע־ניגין) שרה צו אונזער משיח. זאל דיך קיין זאך נישט אפ־האלטען, ווייל דאס איז גאט'ס ווילען. ברענג גיכער שרה'ן ווייל אן דעם זיווג איז אפהענגיג אונזער ישועה.

---

צוויי יאהר שפעטער פאר ראש השנה האט שמואל פרימו פון סמירנא געשריבען די דאזיגע ווערטער צו משה פעניירא אין ליווארנא:

איך זאג דיר אן די גרויסע בשורה אז די אנטפלעקונג פון משיח האט זיך שוין אנגעהויבען, מען זעהט זי בעשיינ־פערליך. דאס גרויסע ליכט וואס האט אויפגעשיינט פון דער חתונה פון אונזער הערר שבתי צבי מיט דער הייליגער מטרוניתא שרה האסטו דאך אליין געזעהן מיט דיינע אויגען. די האסט דאך געהאט די גרויסע זכיה זי צו ברענגען פון עק

וועלט אונטער זיינע פליגעל. דו האסט דאך אזוי שטארק גע־טאנצט אויף דער הייליגער חתונה ווי משה רבנו מיט דער תורה!

איצט וועל איך דיר בעשרייבען די גרויסע אנטפלעקונג וואס איז געשעהן ווען מיר האבען זיך אומגעקערט מיט משיח אין הייליגען לאנד.

איך בין פון די איינוואוינער פון דער הייליגער שטאדט ירושלים וואס לערנען תמיד דעם הייליגען זוהר, וואס איז דער "בוים פון לעבען" און אין זיין זכות וועלען מיר אויס־געלייזט ווערען פון גלות.

ווען איך האב דערהערט אז אונזער הערר שבתי צבי קומט צוריק נאך ירושלים מיט זיין מלכה, בין איך ארויסגעגאנגען אנטקעגען און אנגעקומען נאך עזה און בעזוכט מיין יונגען חבר נתן בנימין אשכנזי. נתן האט מיר אנטפלעקט אזעלכע וויכטיגע זאכען וואס האר און נעגיל שטעלען זיך אויף.

כדי דו זאלסט וויסען ווער נתן איז וועל איך דיר דער־צעהלען אביסעל וועגען איהם:

נתן'ס פאטער ר' אלישע חיים אשכנזי איז א גרויסער ארימאן וואס לעבט פון נדבות, וואס ער קלייבט אין די בערבערישע מדינות פאר די ארימע אשכנזים פון ירושלים. נתן איז געוועזן אן ארימער ישיבה בחור אין ר' יעקב חאגיז'עס ישיבה אין ירושלים. ער איז געוועזן א גרויסער מתמיד און עוסק געוועזן אין קבלה.

איינמאל איז צו ר' יעקב האגיז געקומען שמואל לישא־באנא, א גרויסער גביר פון דמשק און געזאגט אזוי:

— רבי, גאט האט מיך געבענטשט מיט א גרויס פערמע־גען. מיין עלטסטע טאכטער רחל איז זעהר א שעהן מיידעל נאר בלינד אויף אן אויג. זי איז שוין ראוי לחופה. אבער די בחורים פון מיין שטאדט ווילען זי נישט איבער איהר מום. בין איך געקומען אהער אויסקלייבען אן ארימען בחור וואס זאל איינוויליגען מיט איהר חתונה האבען און איך וועל איהם האלטען ווי אן אייגען קינד.

רב יעקב חאגיז האט ארייגערופען נתן'ען און איהם גע־פרעגט צי ער וועט חתונה האבען מיט א בלינד מיידעל. האט ער געענטפערט מיט א שטיקעל זוהר אז אזוי ווי ער וועט נאך

דער חתונה קענען זיצען און לערנען איז ער מסכים און גלייך איז געשלאָסען געוואָרען דער שדוך.

שמואל לישאבאנא איז שוין לאַנג געווען אומצופרידען פון די אידישע פיהרער אין דמשק, וואָס האָבען ארויפגעלייגט אויף איהם אַ גרויסען אָפּצאָהל האָט ער זיך בעזעצט אין עזה. נתן האָט געהאַלטען וואָרט. ער איז געזעסען טאָג און נאַכט און געלערנט, געווען זעהר אָפּגעהיטען און געוואָרען זעהר בע־ריהמט.

איך האָב דאס אַלץ געוואָהר געוואָרען פון מיין קרוב, דער בעריהמטער דרשן אברהם יכיני, וואס איז גוט בעפריינדעט מיט שמואל לישאבאנא. אברהם יכיני האָט פערבראַכט צוויי חדשים ביי לישאבאנא'ן און ער האָט מיך געראטען אריינ־צוגעהן צו נתן'ען און ווארטען ביז אונזער הערר וועט אָנקור־מען.

ווי איך בין אריין צו נתן'ען האָב איך איהם געטראָפען ליגען אויף דער ערד און צאַפּלען מיט אַלע גלידער. די אויגען אויסגעגעסטאָרטשעט און דאָס פּנים שרעקליך פערקרימט, אַ שווערער שוויים גיסט זיך פון איהם און אַ שוים זעצט איהם פון מויל און ער ברומט משונה'דיג.

די הויז מענשען רינגלען איהם ארום דערשראָקען, וויינען און יאָמערען און פּאַטשען מיט די הענד און האָבען מורא צו־צוגעהן צו איהם. איך האָב אָנגעהויבען שרייען אויף זיי פאר וואָס זיי ברענגען נישט אַ בעל שם. איהר זעהט דען נישט אז אַ דבוק איז אריין אין איהם? אין ירושלים זעהט מען אָפּט אַזעלכע דבוק'ס.

פּלוצלונג האָט נתן אָנגעהויבען רעדען פּאַמעליך:

— איך בין ריין פון טומאה, קיין דבוק איז נישט אריין אין מיר. נאָר די נשמה פון אליהו הנביא. די נבואה רוהט אויף מיר און איך בין צו שוואך אויסצוהאַלטען. זייט וויסען אז משיח איז דאָ אויף דער וועלט און אין גיכען וועט ער זיך אַנטפּלעקען. מיר מוזען אָבער טאָן גרויס תשובה און תפלה דער דור זאָל ווערט זיין.

ער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט און ס'איז נישט געווען צו דערקענען אז ער האָט ערשט געצאַפּעלט. ער האָט אונז גע־רופען מיר זאָלען געהן מיט איהם אויפ'ן וועג נאָך חברון

און אונז צוגעפיהרט צו א קבר און אנגעוויזען אז דא ליגט א ריכטיגער צדיק און א גרויסער מאן.

ער האט אויסגעשפרייט זיין טלית אויפ'ן קבר און גע־זאגט די היילינע "שמות" און געהייסען גראבען צוקאפענס פון קבר. מען האט דארט געפונען אן ערדען־כלי און אין דער כלי אן אלט ספר וואס די בלעטער זענען פון אלטקייט געווען פערפוילט. די שריפט איז געווען אפגעריבען קוים וואס מען האט געקענט איבערלייענען. דאס ספר הייסט: "חכמת שלמה" און אויפ'ן ערשטען בלעטיל האט מען געפונען פאל־גענדע ווערטער:

"אין יאהר שפ"ו וועט ביי מרדכי צבי געבוירען ווערען א זוהן שבתי. ער וועט מאכען אונטערטעניג דעם גרויסען שלאנג און אוועקנעמען דעם כח פון קרומען שלאנג. ער איז דער ריכטיגער משיח און אהן הענד וועט ער קומען צו דער מלחמה ביז דער טייך נילוס וועט ארויף אויף דער לייטער. זיין קעניגרייך וועט אנהאלטען אייביג. חוץ איהם איז נישטא קיין אויסלייזער פאר אידען און ער וועט זיצען אויף זיין שטול".

דאס איבעריגע קען מען נישט פערשטעהן. מען האט נאר פערשטאנען די ווערטער אז אויף איהם האט נביאות גע־זאגט חבקוק.

ווי מיר זענען געשטאנען איבערראשט פאר פרייד פון דער וואונדערליכער נבואה אין דעם אלטען ספר, איז שבתי צבי אנגעקומען מיט דער מטרוניתא און א גרויסער עולם אי־דען פון מצרים זענען איהם נאכגעגאנגען. ווי נתן האט איהם דערזעהן איז ער געפאלען אויפ'ן פנים און אויסגעשריגען:

— דאס איז אונזער גואל, אונזער העלפער, משיח פון גאט פון יעקב!

שבתי צבי האט איהם צוגערופען, האט ער אנגעהויבען שטארק ציטערן און חלש'ען און אנגעהויבען זאגען די נבואה וואס יחזקאל האט געזעהן אז ער האט געהערט גאט'ס שטימע אויסרופענדיג הויך:

"אזוי זאגט גאט: אייער העלפער קומט, זיין נאמען איז שבתי צבי. ער וועט ארויסגעהן ווי א גבור, ווי א קריעגס־

העלד, ער וועט דערוועקען אייפער און שטורמען און בע־זיעגען זיינע פיינד".

נתן האט געהאלטען אין איין ציטערן און געזאגט שטיל צו די ארומשטעהענדע:

— ווען איהר וואלט געוואוסט וואס איך וויים און ווען איהר וואלט געזעהען וואס איך האב געזעהען וואלט אייך אויסגעגאנגען די נשמה...

ווען נתן האט זיך בערוהיגט האט ער געוויזען אונזער־ העריר דאס אלטע ספר מיט דער נבואה. שבתי צבי האט אויסגעריסען דאס ערשטע בלעטיל און גענומען צו זיך, דאס ספר האט ער איהם צוריקגעגעבען און געהייסען בעגראבען אין דער הייליגער ערד. דערנאך האט ער דערלאנגט דאס בלעטיל נתן'ען און איהם ערלויבט צו ווייזען אלעמען וואס דארט שטעהט געשריבען.

דערנאך האב איך זוכה געווען צו זעהן אונזער האריגמע אין איהר גאנצער פראכט. איך בין געווארען איבערראשט. כ'האב גלייך דערקאנט אז דאס איז מיין שטיפשוועסטער שרה וואס די טאטערן האבען אוועקגעפיהרט צום קרימער כאן ווען זיי האבען מיך אוועקגעפיהרט אין אריענט.

איך בין געווארען שטארק צוגעבונדען צו מיין הייליגען שוואגער. נתן איז נישט געפעלען געווארען שרה'ן. ער איז ערשט אלט צוואנציג יאהר און זיין פנים איז צוקנייטשט, דער קאפ גאל און עם רינט איהם פון די אויגען, ער איז הויט און ביינער.

דעם אייגענעם טאג האט ער ווידער געזאגט נביאות אזוי:

אין ניכצן וועט אונזער אויסלייזער אויסטאן די קרוין פון סולטאן'ס קאפ און זי אנטאן אויף זיין קאפ. דער הער־שער פון די טערקען וועט איהם נאכגעהן ווי א שקלאף, נאר שבתי צבי וועט איהם לאזען קעניגין ביז א צייט אין ער וועט דערוויל אוועקגעהן צו די קינדער פון ישראל וואס גע־פינען זיך אויף יענער זייט סמבטיון.

ער וועט דארט טרעפען משה רבנו, וואס לעבט שוין דרייצעהן יאהר ביי די עשרת השבטים און האט דארט חתונה געהאט און געבוירען א טאכטער רבקה וואס איז דער ריכ־

טיגער זיווג משיח'ס. זי וועט זיין די אמת'ע מטרוניתא און שרה וועט ווערען איהר דיענסט.

דעמאָלט וועלען די קינדער פון רכב, די בני משה און די עשרת השבטים אריבערגעהן דעם סמבטיון וואס וועט אויפהערען ווארפען שטיינער ביז אלע וועלען אריבערגעהן.

פון הימעל וועט דעמאָלט אראָפּנידערן א לייב וואָס וועט שפייען מיט פייער־פלאַקערס און א שלאנג מיט זיבען קעפּ וועט זיין די צוים. משיח וועט רייטען אויפ'ן לייב פאראויס פאר'ן חיל. אויפ'ן וועג וועט ער בעגעגענען גוג מגוג'ן מיט אזוי פיעל מיליטער ווי דאס זאמד ביים ים.

משיח וועט אָבער נישט שטרייטען מיט זיי מיט א שווערד אדער שפּיז, נאָר מיט דער פארע פון זיין מויל וועט ער זיי טייטען און זיי וועלען פאַלען ביז איינעם.

דערנאָך וועט משיח מיט משה רבנו און אלע שבטים אָנקומען נאָך ירושלים. און עס וועט אראָפּנידערן פון הימעל דאס בית המקדש געבויט פון גאָלד און איידעלשטיינער וואס וועלען פערשפּרייטען גרויס ליכט אין דער הייליגער שטאָדט. גם וועט זיך אנהויבען תחית המתים, אלע טויטע אין אלע לענדער וועלען ווערען לעבעדיג און גאָט'ס כבוד וועט זיך בעוויזען פאר אלע בעשעפעניש'ען, אלע פעלקער וועלען זעהען גאָט'ס וואונדער וואס מאכט גרויס די הילף פון זיין קעניג און טוט גענאָד צו זיין משיח אויף אייביג.

א וואָך צייט האט שבתי צבי פערבראכט אין עזה. דערווייל איז ער אוועק פון שטאָדט און די צאָהל פון זיינע אנהענגער איז געוואָרען א סך גרעסער. נתן איז איבערגעבליבען אין עזה און ווי דער קלאנג איז ארויס אז נתן איז געוואָרען א נביא זענען צוגעשטאנען צו איהם א צוויי הונדערט פרומע און גאָטספאָרכטיגע לייט. ער מיט זיינע לייט האבען געהאלטען אין איין פאסטען און פייניגען דאָס לייב צו לייטערן די נשמה.

אין עזה איז נישט געווען קיין שניי איז נתן אוועק מיט זיינע לייט נאָך חברון צו קייקלען זיך אין שניי און זיך אויסשפרייטען אויף דער מערת המכפלה.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון חברון איז א גרויסער עולם איהם נאָכגעגאנגען. דער פאשא האט געהערט אז ער איז א

נביא האט ער געהייסען איהם כאפּען און טויטען. ווי דער פּאשא האָט איהם דערזעהן איז איהם בעפאלען א פּחד. זיין פּנים האט געברענט ווי פייער, די אויגען האבען געגאָסען מיט אימה, זיין באָרד איז געווען ווי גלאנציג רויט־גאָלד און זיין שטימע האט געבריהט. ער האט געזאגט דעם פּאשא אז ער איז יא א נביא און געגעבען איהם א צייכען אז זיינע שונאים ווילען שליסען מיט איהם פרידען און ווע‏לען איהם ברענגען א מתנה. ער זאָל אָבער נישט אָנריהרען די מתנה ווייל זי איז אויסגעשמירט מיט גיפט.

אויף מאָרגען זענען צום פּאשא געקומען פרידענס־שלוחים פון זיינע שונאים און איהם געבראכט א טייערן מאנטעל. דער פּאשא האט געהייסען אנטאן דעם מאנטעל א פעראורטיילטען צום טויט. און באלד ווי יענער האָט איהם אָנגעטאָן האָט ער בעקומען קרעמפּען און געפאלען טויט. דאס האט ארויסגערופען גרויס וואונדער און דער פּאשא האט דאס געהאלטען פאר א נס.

פון עזה זענען מיר געגאנגען נאָך ירושלים און אָנגעקומען אין דער הייליגער שטאָדט מיט געזאנג און טענץ. דאס פאָלק פון ירושלים האט געהערט די נבואה פון נתן׳ען און שטארק געפרייט זיך מיט אונז. אָבער דער גרעסטער טייל פון די ירושלים׳ער חכמים זענען געווען אונצופרידען, זיי האבען מורא געהאט אז אלע אידען וועלען מעהר נישט שיקען קיין שטיצע צו זיי נאָר אלץ וועלען זיי אוועקגעבען שבתי צבי׳ן.

זיי האבען געוואָלט אריינלייגען שבתי צבי׳ן אין חרם און מתיר מאכען זיין בלוט, אבער אונזער הערר האט נישט געווארט קיין מינוט און זיי איבערגעלאָזט, אומקערענדיג זיך נאָך סמירנא זיין געבורטס־שטאָדט וואס ער האט מיט זיי־בעצעהן יאהר צוריק פערלאָזט מיט גרויס שאנד.

גאנץ סמירנא איז געגאנגען אויף רעדליך מיט זיין צוריק־קומען. אלע זענען איהם געגאנגען אקעגען מיט מוזיק און טענץ.

אין עטליכע טעג ארום זענען געקומען נאָך סמירנא פיער חכמים פון אלעפּא, ר׳ דניאל פינטא, ר׳ יעקב חאגיז׳ס איי־דים און ר׳ משה גאלאנטי פון ירושלים איבערצובעטען משיח׳ן און בעטען ביי איהם, ער זאָל מוחל זיין די חכמים

פון ירושלים וואס האבען נישט געגלויבט אין איהם און אין זיין נביא.

די חכמים פון סמירנא האבען געפרעגט די אנגעקומענע חכמים פון וואנען זיי ווייסען אז שבתי צבי איז משיח, האבען זיי געענטפערט אזוי:

— מיר זענען דורכגעפאָהרען עזה און געפונען דאָרט א ריכטיגען נביא וואס גאָט׳ס גייסט רוהט אויף איהם, מיט זיינע מורא׳דיגע נביאות האט ער ארויסגערופען חרטה ביי א סך זינדיגער. ער האט פאר אונזערע אויגען געזאגט נביאות וואס איז בעוויזען געוואָרען ריכטיג. ער האט אונז געוויזען אן אלט בלעטיל פון אן אלט ספר וואו עס שטעהט געשריבען אז שבתי צבי פון סמירנא איז משיח און ער וועט אויפזאמלען אלע פערשטויסענע פון אלע פיער עקען פון דער וועלט.

דורכדעם איז די צאָהל פון די גלויביגע אין אונזער משיח שטארק געוואקסען. און איך זאג דיר אָן די בשורה זאלסט ווייסען אז די הילף איז נאָהנט. נתן הנביא האט אזוי געזאגט:

— אין א יאָהר מיט עטליכע חדשים ארום וועט אנטפלעקט ווערען דער כבוד פון קעניג משיח און זיין מאכט וועט בעוויזען ווערען פאר דער וועלט. א סך בריעף געהען איצט אוועק צו אונזערע ברידער אין גלות מיט דער גרויסער בשורה אז גאָט׳ס הילף איז נאָהנט.

---

אין טבת תכ״ו איז אנגעקומען די ערשטע בשורה נאָך אמסטערדאם דורך נתן׳ס א בריעף. ער האט אזעלכע בריעף צושיקט איבער דער וועלט און אנגעזאגט די בשורה אז ״אין גיכען וועט דער סולטאן אויסטאָן זיין קרוין און זי אנטאָן אויף שבתי צבי׳ס קאָפּ און וועט איהם נאָכגעהן ווי א שקלאף״.

דערנאָך וועט משיח ווערען פערשוואונדען און קיינער וועט נישט ווייסען וואו ער איז. ער וועט דעמאָלט אריבער דעם סמבטיון און גאָר אין גיכען וועט מען זעהן בעשיינפּערליך ווי גאָט קערט זיך אום נאָך ציון און מען וועט זוכה זיין צו דער גאולה״.

אויף נתן׳ען האבען גרויסע בעריהמטע אידען עדות געזאָגט אז ער איז ווערט די שכינה זאל רוהען אויף איהם. ר׳

שלמה חי סרואל פון ווענעדיג האט געלאזט ווייסען אין אמ־
סטערדאם אז נתן איז א הייליגער מאן און אנטפלעקט זאכען
וואס וועלען פארקומען. א בעוויין האט ער געגעבען וואס
נתן האט געטאן אין ירושלים.

נתן האט געזאגט צו די אידען פון ירושלים אזוי:

— אויב אונזער פאלק האט די זכיה אויסגעלייזט צו
ווערען וועט די גוי'שע קירכע איינפאלען אין איין טאג. אויב
נישט וועלען נאר איינפאלען הונדערט און צוואנציג שטיינער
און באלד איז דער טורעם איינגעפאלען און מען האט איבער־
געצעהלט אזוי פיעל שטיינער ווי ער האט געזאגט.

— אויב מען וועט תשובה טאן — האט ער געזאגט —
וועט מען האבען די זכיה.

אלע פאלגען איהם און האלטען אין איין פאסטען און
פייניגען זיך. נתן הנביא זאגט איטליכען וואסערע נשמה ער
האט און רעכענט איהם אויס זיינע יוגענד־זינד און גיט ארויס
א תשובה.

איינמאל איז נתן מיט נאך דריי פרומע חכמים געגאנגען
נאך יפו. זיי האבען דארט געטראפען א שיף און זיך אויפ־
געזעצט צו פאהרען נאך סמירנא צו זעהן שבתי צבי'ן. איז
געווארען א גרויסער שטורם־ווינד, די שיף האט נישט געקענט
געהן און זיי האבען געמוזט ארויסגעהן אויף דער טרי־
קעניש.

פלוצלונג איז נתן נעלם געווארען, א וואלקען האט איהם
פערשטעלט פון די חכמים און א שטימע פון וואלקען האט
אויסגערופען:

"קער זיך אום, מיין זוהן, אין דיין לאנד און געבורטס־
שטאדט און איך וועל זיין מיט דיר".

דערנאך האט די שטימע איהם בעפוילען ווייטער טאן
זיין הייליגע ארבייט, אויסצוגעפינען די הייליגע קברים און
זיך צוזאמענגיסען מיט די נשמות פון די צדיקים. מען זאגט
אז נתן האט געפונען די אש פון דער "פרה אדומה" וואס
איז געוועזן פערהוילען און ער האט בעגעגענט זכריה הנביא,
וואס האט איהם אנגעזאגט די בשורה אז דער חטא פון זיין
טויט איז שוין פערגעבען אין אינגיכען וועט קומען די גאולה

דורך משיח, וואָס איז אַנפּלעקט געוואָרען אין סמירנא און זכריה האָט איהם בעשפּריצט מיט וואסער פון א קריגעל און געזאָגט:

"איך וועל שפּריצען אויף אייך ריין וואסער".

מען זאגט אויף איהם אז פאר איהם איז אנטפּלעקט גע־וואָרען דאס וואס איז נישט אנטפּלעקט געוואָרען פאר ישעיה, יחזקאל, דניאל און רבי שמעון בן יוחאי...

פון שבתי צבי איז גאָר אפּגערעדט. אלע זאגען עדות אז ער לייבט מיט דער לויטערקייט פון משיח און ער שמעקט מיט דעם ריח פון משיח. ווען מ'האָט ס'ערשטע מאָל דערפיהלט דעם וואונדערליכען ריח פון זיין גוף, האָט מען געמיינט אז ער טוט אריין בשמים אין די קליידער.

זיינער א יוגענד־פריינד, אַ דאָקטאָר, איז אריין מיט איהם אין א בעזונדערן צימער און איהם אויסגעטאָן נאקעט און פון בלויסען לייב האָט זיך געטראָגען דער וואונדערליכער ריח.

דער דאקטאר האט זיך געוואונדערט און שבתי צבי האט איהם אויסגעזאגט אז ביינאכט איז ער געזאלבט געוואָרען פון די אבות אברהם יצחק און יעקב. שבתי צבי האט איהם נאָר בעשוואוירען ער זאָל נישט אויסזאָגען ביז די צייט וועט קומען.

נתן הנביא זאגט אז ער האט געזעהן ווי עס האט גערונען פון זיין קאָפּ, דאס האט מען פון הימעל איהם געזאלבט... און אַז דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט איהם דערזעהן איז איהם בעפאלען אן אימה איבער דאס גרויסע פייער וואס האט גע־ברענט ארום זיין קאָפּ...

אז שבתי צבי איז געווען אין ירושלים האט ער זיך אויפ־געזעצט אויף א פערד און זיבען טעג געריטען ארום ירושלים און געהאלטען אין איין וויינען, אז אלע האבען זיך געוואונ־דערט וואו נעמט ער אזוי פיעל טרערען?

אויפ'ן וועג פון ירושלים נאָך סמירנא האָבען איהם נאכ־געיאָגט באַנדעס גזלנים, נאר ווי זיי זענען צוגעקומען צו איהם זענען זיי געפאלען טויט און די איבריגע זענען געוואָרען זיי־נע קנעכט.

שבתי צבי׳ס נאָהנטער חבר אברהם יכיני האָט אויך צו־שיקט א סך בריעף און דערצעהלט פון משיח׳ס וואונדער... און עס איז געבליבען אנצופרעגען ביי די רבנים פון קאָנס־טאנטינאָפּאָל דערוועגען.

נאָך וועגעדיג איז אָנגעקומען א בריעף אין א פערשטעלט לשון, טאָמער פאַלט ער אריין אין פרעמדע הענד:

"מיר האָבען נאָכגעפאָרשט די סחורה און געפונען אז זי איז זעהר חשוב. און ווער עס רעדט קעגען איהר וועט ווער־ען בעשטראפט. עס וועט זיין א גרויס פערדינסט. מען מוז אָבער ווארטען אויפ׳ן גרויסען יאריד, אויפ׳ן יאָהר תל״ב, ווען די סחורה וועט פערקויפט ווערען צו טייערע פרייזען".

דער בריעף וואָס האָט בעשטעטיגט שבתי צבי׳ס גרויס־קייט איז געווען אונטערגעשריבען פון פיער בעריהמטע רבנים און בעשטעטיגט פון אברהם יכיני און נסים אגוזי.

ווען אזא בריעף איז אָנגעקומען אין אמסטערדאם האָט איינער פון די פרנסים מיטגענומען דעם בריעף אויף דער בערזע און פאַרגעלייענט פאר אלע פערזאמעלטע סוחרים. עס איז געוואָרען א רעש. א טייל האָט געזאָגט, אז עס איז איבריג צו האנדלען. מען וועט דאָך באלד דארפען אוועקגעהן מיט משיח׳ן. אנדערע האָבען אָנגעהויבען טאָן תשובה און פאַס־טען. דאָס געלד וואָס האָט געהאט אויף זיך א צלם האָבען זיי אויסגעביטען אויף אסיגנאציעס.

אויך די קריסטען האָבען זיך אָנגעשלאָגען מיטצוגעהן מיט משיח׳ן און געבעטען די אידען זיי גוט צו בעהאנדלען, ווייל זיי לעבען דאָך אויך גוט מיט אידען.

יוסף אנאטענא, א בערזע מעקלער, האָט געמאכט ס׳גע־שפעט און געזאָגט, אז עס הויבט זיך נישט אָן. מען זעהט נאָך נישט אליהו הנביא׳ן. מען האָט נאָך נישט געהערט בלאָ־זען דעם "גרויסען שופר". און וואו איז עפּיס די גוג ומגוג מלחמה? און וואָס האָט מען נאָך נישט געהערט פון משיח בן יוסף? און מען האָט נאָך נישט געזעהן דאָס בית־המקדש וואָס דארף אראָפּ פאַרטיג פון הימעל?

אלע זענען געוואָרען בייז און איהם אויסגעזידעלט און געשאָלטען ער זאָל נישט זוכה זיין צו זעהן משיח׳ן און ארויסגעטריבען מיט שאנד. ער איז אהיימגעגאנגען און זיך

געזעצט עסען. און ווי ער האָט געמאַכט "המוציא" איז איהם ס'ברויט ארויסגעפאלען פון האנד און ער איז אומגעפאלען טויט.

די שטאָדט איז געגאַנגען אויף רעדליך און די שוואַכ־גלויביגע האָבען געציטערט אז זיי וועלען שטאַרבען. עס האָט זיך זעהר געשטאַרקט ביי אלעמען דאָס גלויבען אז שבתי צבי איז משיח און נתן איז אן אמת'ער נביא. און דער וואָס לייקענט אין זיי איז ווי ער וואָלט געלייקענט אין גאָט און דער תורה.

אפילו די האַמבורגער רבנים וואָס האָבען נישט געגלויבט אין איהם זענען ענדליך געווען געצוואונגען אָנהויבען גלויבען.

---

באַלד נאָך פסח איז אָנגעקומען א בריעף וואָס האָט דערציילט נייע וואונדער פון סמירנא. עס זענען פּלוצלינג אויפגעשטאַנען א פּאָר הונדערט נביאים, מענער, פרויען און קינדער, זאָגען נביאות אז שבתי צבי איז משיח.

צוערשט בעפאַלט זיי א שרעק, זיי הויבען אָן ציטערן, פאַלען אום און צאַפּלען זיך א האלבע שעה און דערנאָך אַנטפּלעקען זיי פיעל סודות און זאָגען די זעלבע ווערטער:

— שבתי צבי איז דער מלך משיח!

אַז זיי הויבען זיך אויף פון דער ערד ווייסען זיי נישט און געדענקען נישט קיין וואָרט וואָס זיי האָבען גערעדט. און נישט נאָר אין סמירנא, נאָר אויך אין סאלאָניקי, אדריאנאפּאָל און קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען אויפגעשטאַנען א סך נביאים.

איינער פון די נביאים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל א זקן, ר' משה סרואל, ווייס אלע סודות פון איטליכען מענשען און רעכענט יעדען אוים די עברות וואָס ער האָט געטאָן. צו־ערשט זינגט ער און שפּרינגט ווי א באָק, דערנאָך פאַלט ער צו דער ערד און צאַפּעלט זיך מיט די הענד און פים און זאָגט נביאות אויף זוהר לשון. צוויי שרייבערס זיצען און פערשרייבען זיינע רייד. אז ער הויבט זיך אויף וואשט ער זיך די הענד און בוקט זיך צו דער שכינה... א סך חכמים און גבירים קומען צו איהם אלע אווענד הערען זיין נביאות.

ער זאָגט, אַז ער האָט געקראָגען רבי שמעון בן יוחאי׳ס נשמה...

אין פאָרטאָפיראַי אויפ׳ן עלבא אינזעל איז א שניידער געוואָרען פלוצלינג א נביא און ער האַלט אין איין אָנזאָגען אַז שבתי צבי איז משיח.

נאָך גרעסער איז די געשיכטע מיט דעם גרויסען גביר און בעל צדקה ר׳ חיים פענוא פון סמירנא, וואָס האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט און נישט געוואָלט גלייבען אין שבתי צבי׳ן.

ווען שבתי צבי האָט זיך דאָס דערוואוסט, איז ער געוואָרען בייז און איהם פער׳משפט צום טויט ווי איינעם וואָס איז מורד אין מלך. דאָס איז געווען פרייטאָג פאַרנאַכט, האָבען שבתי צבי׳ס מענשען ארומגערינגעלט ר׳ חיים׳ס הויז און געוואָרפען שטיינער אין די שויבען און שוין געוואָלט אויפברעכען די טיר, איז אָבער געוואָרען שבת און זיי זענען זיך צוגאַנגען.

צומאָרגענס אינדערפריה האָט שבתי צבי געשיקט א שליח צו די פרנסים פון דער ספרד׳ישער שוהל, זיי זאָלען ארויסטרייבען ר׳ חיים׳ען און איהם אַריינלייגען אין חרם, ווייל ער גלויבט ניט אין משיח. די פרנסים האָבען אָבער נישט געוואַגט אָנצוטאָן אַזאַ שרעקליכע חרפה דעם בעריהמטען און געאַכטען ר׳ חיים, איז שבתי צבי אליין געגאַנגען אין שוהל אריין און א פינף הונדערט פון זיינע לייט זענען נאָכגעגאַנגען צו בעשטראָפען דעם זינדיגען.

ר׳ חיים איז אַנטלאָפען דורך א הינטער־טיר און קומענדיג אהיים האָט ער געטראָפען א גרויסען עולם ארום זיין הויז. ווי ער איז אריין אינוויינינג האָט ער געפונען זיינע צוויי גרויסע טעכטער ליגען אויף דער ערד און צאַפּלען זיך און זאָגען אָן:

— שבתי צבי איז דער מלך משיח!

ר׳ חיים האָט גלייך תשובה געטאָן און איז אוועק צו שבתי צבי׳ן, געפאַלען צו זיינע פיס און איהם געבעטען ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט נישט געגלויבט אין איהם. און שבתי צבי האָט איהם מוחל געווען.

דאָס האָט געמאַכט א גרויסען איינדרוק. און די רבנים וואָס האָבען געגלויבט אין איהם האָבען געזאָגט, אַז די

נבואה האָט זיך אומגעקערט ווייל עס איז געקומען די צייט פון גאולה.

זעקס טעג אין טבת האָט שבתי צבי אויפגעהערט פאַס־טען און פייניגען זיך. ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט גרויסע שמחות. ער איז אַרויס מיט זיין מחנה אויפ'ן גאַס, געטראָ־גען א ספר תורה, צוויי רבנים זענען געגאַנגען רעכטס און לינקס און זיינע מקורבים האָבען געטראָגען בעקענעס צו־קערוואַרג און איינגעטיילט צווישען עולם. און ער האָט גע־טאַנצט און געשפּרונגען און געזונגען:

"ימין ד' רוממה! ימין ד' עושה חיל!" (גאָט'ס רעכטע האנד איז דערהויבען! גאָט'ס רעכטע האנד טוט העל־דישקייט!)

די טענץ און געזאַנגען אויפ'ן גאַס זענען איצט געוואָרען פערהייליגט. די עלטסטע פון שטאָדט וואגען נישט צו שטע־רען איהם און מען קען נישט קוקען אין זיין שיינענדיגע צורה ווען ער זינגט.

דאס האט זיך פערשפּרייט אין אלע לענדער. אומעטום פערזאַמלען זיך אידען אין די שוהלען און אויף די הויפען און טאַנצען און שפּרינגען. אין האמבורג איז שיער געקומען צו אן אומגליק ביים טאַנצען און דער רב האט געפאָדערט אז מען זאל נישט טאַנצען צו ווילד נאָר א ביסעל איינגע־האַלטען. דער עולם הערט איהם אבער נישט. ביים טאַנצען זינגען אלע א שיר וואָס נתן הנביא האָט געשריבען לכבוד שבתי צבי'ן.

עס איז אַרויס א קלאַנג אז שבתי צבי מיט זיינע אנהענ־גען זענען אוועק נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער וויל אויסטאָן די קרוין פון סולטאַן'ס קאָפּ און זי אָנטאָן אויף זיך. עס איז שוין געקומען די צייט ווען אלע הערשער פון דער וועלט וועלען אראפּ פון זייערע טראָהנען און די הערשאַפט וועט גע־הערען צו גאָט.

---

ניין טעג אין טבת, תכ"ו, האָט שמואל פּרימו געשריעבען דעם דאָזיגען בריעף צו נתן פון עזה:

"דאָס פאָלק פּרעהט זיך מיט זיין אויסלייזער. אין אלע שוהלען מאַכט מען איהם א "מי שברך". מען זינגט

אין די גאסען און די אונגלויביגע ווערען פערטריבען מיט שאַנד. דער רב ר׳ אהרן דעלאפּא איז אראָפּגעזעצט געוואָרען און אויף זיין אָרט איז ר׳ חיים בענאבאנעשטי.

"און דאס אלץ איז געשעהן דורך דעם נבואה גייסט וואס



שבתי צבי

רוהט איצט אויף גרויס און קליין. דער רב ר׳ משה גאלאנטא איז ארויף אויף דער בימה און הויך עדות געזאגט אז שבתי

צבי איז דער אמת׳ער משיח און דאס פאלק האט אויסגע־שריגען הויך:

— עס זאל לעבען אונזער מלך, אויסלייזער און העל־פער אויף אייביג!

"אז די גאולה זאל קענען קומען מוז מען זיין גרייט צו דריי זאכען: צו געבען געלד, צו טאן תפלה און צו האלטען מלחמה. דערפאר האב איך ארויסגעגעבען א בעפעהל אז מען קען נישט קומען מיט ליידיגע הענד צו זעהן משיח. צו אונ־זער פרייד ברענגט דאס פאלק זעהר פיעל געלד. איך פערמאג שוין אן עשירות. עס ברענגען מענער און פרויען.

"שבתי צבי זיצט אויף זיין הייליגען שטול אין דער ספרדישער שוהל און אלע וואס קומען איהם זעהן ברענגען מיט גאלד און זילבער, פערעל און איידעלשטיינער. מיך ארט נישט וואס איך ליידיג אוים זייערע קעשענעס, ווייל אינגיכען וועט דאך שבתי צבי זיי געבען א מיליאן מאל מעהר. ער וועט דאך אויסגעפינען אלע פערבארגענע אוצרות און צוטיילען צווישען פאלק.

"איך ווייס דאך אז ווייבער האבען גרוים איינפלוס אויף זייערע מענער האב איך געראטען שבתי צבי׳ן ער זאל מקרב זיין די פרויען... זיי אויפנעמען ליעבליך. ער האט מיך גע־פאלגט און געטרייסט אלע פרויען און זיי צוגעזאגט אין גי־כען אראבצונעמען פון זיי די קללה וואס רוהט אויף זיי איבער חוה׳ס זינד...

"צווישען דער מחנה ווייבער וואס האבען נעכטען זיך געשטופט צו איהם איז געווען זיין ערשטע גרושה, א שעהנע און א פעטע, ער האט גערעדט צו איהר גוטע רייד און אריינ־געגאנגען מיט איהר אין א בעזונדער צימער און פערבראכט דארט לאנג. מען טאר אפילו נישט זיין אליין מיט אן אייגענע גרושה. משיח מעג אבער אלץ. אלע ווייבער זענען ארוים־געגאנגען פון איהם מיט גרוים פרייד און פערגניגען.

"נאר איין פרוי איז דא וואס האלט נישט פון דעם אלעם. שבתי צבי, זאגט זי, איז נישט מעהר ווי א געוועהנליכער בשר ודם און מיר—א באנדע פערפיהרער. דאס איז טאקי מיין שוועסטער שרה, וואס ער האט געבראכט פון עק וועלט, זי איז נישט בעפרידיגט מיט׳ן גאנצען רייכטום און כבוד. זי

לאזט איהם נישט צורוה, רעגט איהם אויף און מאטערט איהם תמיד מיט איהרע פראגען: ווען וועט ער שוין אויסלייזען זיין פאלק? ווען וועט ער ווייזען זיין מאכט?

"איך האלט אין איין טענה'ן אז זיין מאכט איז ביי גאט און אז די צייט וועט קומען וועט ער אויסטאן די קרוין פון סולטאן'ס קאפ. מיין מיה איז אבער אומזיסט. זי גלויבט מיר אויך נישט און זי פרעגט נאר: ווען וועט דאס זיין?

"די יונגע, שעהנע, איידעלע שרה וואס האט אין איהר קינדהייט און יוגענד געהאט אזוי פיעל צרות איז אימגעדול־דיג. זי וויל שוין זעהן די גאולה. זי געדענקט נאך דעם שרעק־ליכען טויט וואס איז געקומען אויף אונזער הייליגען פאטער, דער נעמיראווער רב, אויף אונזער באבע, אויף אונזער פאלק אין אוקריינא. זי קען אויך נישט פערגעסען איהרע צרות פון מאנאסטיר וואו דער נאמען איד איז געווארען געלעסטערט. זי געדענקט נאך איהרע ביטערע ליידען וואס זי איז אויס־געשטאנען פון א מאנאך, וואס האט זי געוואלט שענדען און זי האט א סך נעכט נישט געטארט שלאפען צו קענען פער־היטען איהר ריינקייט.

פיעל מאל האט דער מאנאך זי פער'מסר'ט ביי דער הויפט־מאנאשקע, וואס האט איהם געגלויבט און זי אפט בעשטראפט מיט שמיץ און נישט געגעבען צו עסען. אפט האט דער מאנאך זי געשלאגען מערדעריליך. ענדליך האט ער זי געסטראשעט אז ער וועט זאגען דער הויפט־מאנאשקע זי זאל זי איינזעצען אויפ'ן גאנצען לעבען אין תפיסה.

זי האט געזעהן אז זי וועט געהן פערלוירען און האט בע־שלאסען צו ריזיקירען איהר לעבען איידער צו ווערען גע־שענדעט אדער געהן אין געפענגניש. זי האט זיך ארויס־גע'גנב'עט דורכ'ן פענסטער און אנטלאפען אויפ'ן אידישען בית־הקברות. עס האט איהר אפגעגליקט און די אידען האָ־בען זי געפונען אינדערפריה. זי האט אבער געוואוסט, אז זיי וועלען מורא האבען איהר צו העלפען, האט זי זיי דער־צעהלט א מעשה אז דער פאטער האט זי ארויסגעטראגען ביי־נאכט פון מאנאסטיר. זיי האבען איהר דערפאר טאקי גע־האלפען צו אנטלויפען.

אין יענער צייט האט זיך געשטארקט ביים פאלק די האפ־

נונג אויף משיח'ן. ווען זי איז נאָך געווען גאָר א קינד האָט זי געהערט אונזער הייליגען טאַטען רעדען וועגען משיח און זיינע רייד זענען איינגעקריצט געוואָרען אין איהר הארצען. שפּעטער ווען זי איז געווען אין מאָנאַכטיר און געהערט אז די מאָנאַשקעס האַלטען זיך פאר די אייביגע כלות פון זייער אויסלייזער, האָט זי אָנגעהויבען האָפען אז זי וועט זיין די כלה פון אידישען משיח.

דער דאָזיגער גלויבען האָט איהר געגעבען מוט בייצו־שטעהן דעם נסיון און זי איז נישט אריינגעפאַלען אין דער נעץ, וואָס דער פערדאָרבענער מאָנאַך האָט אויסגעשפּרייט פאר איהר.

איצט, אז איהר האָפנונג איז געוואָרען פערווירקליכט, זי איז משיח'ס ווייב און די גאולה איז נאָך ווייט. זי איז אומגעדולדיג, קען זיך נישט דערווארטען אויפ'ן טאָג פון נקמה אן איהרע פיינד. און ווען מיר טאַנצען און פרעהען זיך, זיצט זי אליין א טרויעריגע אין איהר צימער און אז שבתי צבי קומט צו איהר מיט פרייד, ווייזט זי איהם א פער־כמורעט פנים און ווארפט איהם פאָר וואָס ער מאכט אזא גרויסען ווילדען טומעל אויף גאָרנישט.

די לעצטע צייט האָט זי אויפגעהערט דערגעהן די יאָה־רען. די נבואה וואָס האָט זיך פערשפּרייט אומעטום האָט זי געשטאַרקט און געגעבען פרישען געדולד. וועט אָבער אריבער א שטיקעל צייט און די גאולה וועט נישט קומען, וועט זי ווידער אָנהויבען טענה'ן און מיר'ן נישט האָבען פון איהר קיין מנוחה.

שבתי צבי איז א ווייכהארציגער, ער האָט זי שטארק ליעב און אז ער דערפיהלט אז ס'פעהלט איהם השפּעה פון הימעל, נעמט ער זיך צוריק צו זיינע פּייניגונגען און תעניתים אָהן א צאָהל.

עס איז טאַקי נישט ריכטיג וואָס שבתי צבי לייגט אָפּ די גאולה פון טאָג־צו־טאָג. עס איז שוין צייט אָנצוהויבען טאָן, נישט בלויס טרוימען און זיצען ליידיג. דערפאר האָב איך בעשלאָסען, ער זאָל אויספּרובירען זיין מאַכט אויף דעם קאדי. דעם ריכטער פון סמירנא. אויב ער וועט נישט מאַכען אונ־טערטעניג דעם סולטאַן'ס א נידריגען דינער, ווי וועט ער

קענען בעזיעגען דעם סולטאַן ? דאָס וועט אונז בעווייזען צי עס איז שוין די צייט פון טאָן אָדער מען מוז נאָך וואַרטען.

דערווייל האָב איך בעשלאָסען אָפּצושאַפען דעם תענית עשרה בטבת, ווייל אזוי האָט געזאָגט זכריה הנביא אז אין משיח'ס צייטען וועלען בטל ווערען די תעניתים און ווערען מעג "פון פרייד און לוסט און ימים טובים".

נתן, שרייב ווייטער דיינע נבואה בריעף צו אונזער פאָלק און זאָג זיי אָן די בשורה אז משיח איז דאָ צווישען אונז. אז גאַנץ כלל ישראל וועט גלויבען וועט דער רבונו של עולם מסכים זיין און מיר'ן טאַקי האָבען די גאולה.

---

די אידען אויף דער גאַנצער וועלט האָבען אָנגעהויבען בעקומען אָפטע בריעף פון סמירנא מיט גוטע בשורות. דער טאָג וואָס עס איז אָנגעקומען א בריעף איז געווען א יום־טוב. אלע האָבען זיך אָנגעטאָן די שענסטע קליידער און גרינע גאַרטלען, שבתי צבי'ס בעליעבטע פאַרב. די בריעף זענען געלייענט געוואָרען אין די שוהלען אויף די בעלעמערס. דער־נאָך האָט מען ארויסגענומען ספר תורה'ס און געטאַנצט מיט זיי.

די נייעס אז שבתי צבי האָט אָפּגעשאַפט דעם תענית עשרה בטבת האָט ארויסגערופען גרויס שמחה. דערנאָך איז אָנגעקומען א בריעף מיט דער בשורה אז שבתי צבי איז שוין געווען ביים קאַדי פון סמירנא און איז אויפגענומען געוואָ־רען מיט קעניגליכען כבוד. דער קאַדי האָט איהם געקושט די הענד און די פיס און איהם אנערקענט פאַר זיין הערשער. און וואו ער געהט געהט פאַר איהם א וואָלקענדיגער זייל בייטאָג און א פייערדיגער זייל ביינאַכט.

אין סמירנא גרייט זיך מען שוין אויף אליהו הנביא'ן. מען רוימט אויס די הייזער פון אומריינע חיות, מען וואַשט און שייערט און מען קאַלעכט די שטובען און מען שלאָגט אָן נייע מזוזות און הייליגע ספרים ליגען תמיד אָפען אויף די טישען. אלץ לכבוד אליהו הנביא.

מען זאָגט אז ער איז שוין געקומען. א אידענע האָט דער־צעהלט אז פרייטאָג נאכמיטאג, ווען זי האָט געמאַכט שבת, איז פּלוצלינג אריינגעקומען אן אלטער ארימאַן און געבעטען

א שטיקעל ברויט. זיין פנים האָט געלויכטען און די אויגען געשיינט ווי צוויי זונען מיט א לאנגע ווייסע באָרד ביז אויף דער ערד.

זי איז צוגעגאַנגען צום שפייז־שענקיל נעמען א שטיקעל ברויט און דער אַלטער איז נעלם געוואָרען. דאָס זעלבע דער־צעהלען א סך און מען איז זיכער אז אליהו הנביא איז שוין דאָ.

ווען שבתי צבי האָט זיך אומגעקערט מיט נצחון פון קאדי האָט דער גביר ר׳ שלום גרמינא, איינער פון זיינע הויפט־אנהענגער, געמאַכט א ברייטע סעודה. די חכמים און אנ־געזעהענע לייט פון שטאָדט זענען געקומען און מען האָט אָנגעהויבען רעדען פון אליהו הנביא׳ן. פּלוצלינג האָט איינער אויפגעהויבען די אויגען און א זאָג געטאָן :

— אָט איז ער דאָך !

אלע האָבען געקוקט צו דער מזרח־וואנד און אויסגערופען מיט שמחה :

— ברוך הבא !

ווי זיי זענען געזעסען פערוואונדערט איז אריינגעקומען ר׳ דניאל פינטא פון אלעפּא און מיט שרעק דערצעהלט :

— איך בין אזוי געגאַנגען אין גאַס, קומט מיר אקעגען אן אַלטער מאַן אָנגעטאָן ווי א טערק מיט באָרד און פּאות ביז׳ן קנאַפּעל און ער פרעגט מיך :

— ביזטו א איד ?

— יא, מיין הערר ! — זאָג איך.

— אויב דו ביזט א איד — האָט דער אַלטער זיך גע־בייזערט — פאַרוואָס האָסטו קורצע פּאות און טראָגסט א פסול׳ע ציצה ?

כ׳נעם אַרויס די ציצית און זעה, עס פעהלען צוויי דריי־מער און האָב זיך שטאַרק דערשראָקען, דערצעהלט מיר דער אַלטער אזוי :

— זאָלסט ווייסען אז די "בני רכב" און די צעהן שבטים געהן שוין אַרויס פון זייער לאַנד איבער׳ן סמבטיון און זיי קומען אייך נעמען אין הייליגען לאַנד. אָבער דער וואָס וועט האָבען קורצע פּאות און פסול׳ע ציצית וועט ווערען געטויט.

אזוי האָט ער געזאָגט און גלייך נעלם געוואָרען.

איז טאַקי גלייך בעשלאָסען געוואָרען יעדער זאָל טראָגען לאַנגע פּאות. עס איז אויך אָנגעקומען א ידיעה אז אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, אלעפּא און עגיפּטען האָבען זיך בעוויזען די אבות און אליהו הנביא געהט ארום אָנזאָגען די בשורה פון דער גאולה.

שבתי צבי האָט געמאַכט א גרויסע מאָלצייט און בע־לוינט זיינע טרייע אנהענגער, געבענדיג יעדען א נאָמען פון די אידישע מלכים פון אמאָל און איינטיילענדיג זיי מדינות צו הערשען. ער האָט איטליכען בעלוינט מיט א ברייטער האַנד און געמאַכט זיי פאר שטאַאטהאַלטער, גו־בערנאַטאָרען און גענעראַלען.

מיט דער גאַנצער סוויטע איז ער אוועק צוויי און צוואַנ־ציג טעג אין טבת נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל צוצונעמען די קרוין ביים סולטאַן. די אידען פון אמסטערדאַם און אומעטום האָבען געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער בשורה אז שבתי צבי טראָגט שוין דעם סולטאַן׳ס קרוין.

---

ארום שבועות איז אָנגעקומען דער ערשטער בריעף וואָס האָט געוואָרפען אן אימה אין אָנהויב. מען האָט שבתי צבי׳ן גלייך ווי ער איז געקומען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איינגע־זעצט אין א פעסטונג. דאָס איז אָבער געווען א גוטער סימן, ווייל געוועהנליך ווערט א ווידערשפּעניגער אין טערקיי בע־שטראָפט מיט׳ן טויט. איז דאָך דאָס א נס אז מען האָט איהם נישט גע׳הרג׳עט.

שבתי צבי האָט אפילו פריהער געזאָגט אז מען וועט איהם איינזעצען ביז די צייט וועט קומען...

דערווייל האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען נאָכמעהר צו טאָן תשובה, מען האָט געפאַסט וואָכען לאַנג, געשלאָגען זיך על־חטא און געוויינט מיט ביטערע טרערען. סוחרים האָבען פערקויפט זייערע געשעפטען און דאָס געלד צוטיילט צווי־שען ארימע חכמים, זיי זאָלען קענען זיצען און לערנען.

באַלד איז אָנגעקומען נאָך א בריעף וואָס האָט אַלעמען דערפרעהט. אין בריעף איז אָנגעזאָגט געוואָרען אז שבתי צבי איז מיט׳ן גוטען ווילען געגאַנגען אין תפיסה, כדי צו פער־

לייכטערן די וועהטאָגען פון משיח׳ס צייטען און ליידען פאַר׳ן כלל.

אז ער איז צוגעקומען צו דער תפיסה האָבען די קופּערנע טירען אליין זיך געעפענט פאַר איהם און די אייזענע קייטען, וואָס ער האָט געדאַרפט אויף די הענד און פיס זענען צו־פאַלען אויף שטיקלעך און געוואָרען גאָלד. די שטיקער גאָלד האָט ער צוטיילט צווישען די אנהענגער, וואָס זענען מיט־געגאַנגען מיט איהם צו בעדינען. און א בת־קול איז ארויס און אויסגערופען:

— "ריהרט נישט אָן מיין משיח"...

שפּעטער איז אָנגעקומען נאָך א בריעף וואָס האָט דער־צעהלט א גרעסער וואונדער. ווען שבתי צבי איז מיט דער שיף אָנגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און א וואָלקענדיגער זייל איז געגאַנגען פאָראויס, האָט דער סולטאַן געשיקט בע־וואפענטע סאָלדאַטען זיי זאָלען איהם ארעסטירען. ווי זיי זענען אָבער צוגעקומען צו איהם זענען זיי געפאַלען טויט.

דער סולטאַן האָט שוין געשיקט נאָך איהם גענעראַלען און ווי זיי האָבען נאָר גענעהנט צו איהם זענען זיי אויך געפאַלען טויט. ביז דער סולטאַן האָט געשיקט זיין משנה למלך און געבעטען ער זאָל מחיה מתים זיין די טויטע, שבתי צבי האָט דערפילט זיין בקשה און זיי געמאַכט לעבעדיג און איז אַרויף אויף דער יבשה.

דאָ האָבען הימעל און ערד אָנגעהויבען ציטערן און א לייב איז אָנגעלאָפען ברומענדיג פון מדבר און אנידערגע־קניהט פאַר איהם און איהם געלעקט דעם שטויב פון די פיס ווי א געטרייער הונט. שבתי צבי האָט זיך אויפגעזעצט אויב׳ן לייב און געריטען אין סולטאַן׳ס הויף אריין. דער סולטאַן האָט דאָס געזעהן האָט ער זיך געבוקט צו איהם און געזאָגט:

— איצט זעה איך אַז דו ביזט משיח און דיר קומט די מלוכה.

פון דעמאָלט אָן געהט שבתי צבי רעכטס פון סולטאַן און אַלע מיניסטאָרען און גענעראַלען הינטער זיי. דאָס פּעטמונג וואו שבתי צבי איז הייסט "מגדל עוז", און עס האָט נישט קיין שיעור דער כבוד און גדולה וואָס ער האָט דאָרט.

ער איז דאָרט ווי אין א קעניגליכען פּאַלאַץ, געהט אָנגע־

טאָן אין קעניגליכע קליידער און האַלט א גאָלדענעם צעפּ־טער ווי א וועלט־הערשער. דער פעסטונג־קאָמענדאַנט איז איהם אַ געטרייער קנעכט און אַלע גוים וואָס געפינען זיך דאָרט בוקען זיך צו איהם און קושען דעם שטויב פון זיינע פיס.

אַ גרויסער רב, א זקן פון די אשכנזים אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, ר׳ מרדכי חסיד, איז געקומען איהם זעהן און שיער בלינד געוואָרען פון זיין ליכטיגקייט. ער האָט דערזעהן א קרוין פון פייער אויף זיין קאָפּ וואָס ציהט זיך ביז׳ן הימעל. ער איז ארויס אין די גאַסען און אויסגערופען:

— „ער איז אונזער הארר און קיינער חוץ איהם, ער איז אמת אונזער קעניג און ווייטער קיינער נישט!״

די אידישע רייכע לייט פון אַלע עקען וועלט געהן צו איהם און גיבען איהם אַוועק זייער האָב און גוטס, זוכענדיג ביי איהם אַ תיקון פאר דער נשמה. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז שוין נישטאָ קיין אָרט פאר זיי און זיי שלאָפען אויף דער גאַס אונטער׳ן פרייען הימעל. די יונגע בחורים שטופּען זיך מאַסענוועיז צו קענען איהם בעדינען און זיבעציג שעהנע מיידלעך, טעכטער פון די אידישע גרויסע לייט, בעדינען זיין פרוי די מלכה...

שבתי צבי האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל אויסצולייזיגען דעם אוצר פון נשמות. און דערפאר מוזען אַלע חתונה האָבען. צעהן־יעהריגע יונגלעך מיט נאָך יינגערע מיידלעך האָבען חתונה. אין סאַלאָניקי אליין איז אין איין טאָג געווען אכט הונדערט חופּות.

ווען די נייעס איז אָנגעקומען נאָך אמסטערדאם האָבען די רבנים איינגעפיהרט מען זאָל שבת זאָגען הנותן תשועה „לכבוד אונזער הארר קעניג שבתי צבי, משיח פון גאָט פון יעקב ירום הודו און עס זאָל דערהויבען ווערען זיין קעניג־רייך״.

---

ווידער זענען אָנגעקומען פרעהליכע בריעף. שבתי צבי טוט אויסטערלישע וואונדער. קרעציגע וואָס ס׳פאַלט פון זיי ס׳פלייש שטיקערווייס, זענען געקומען צו איהם און ווי ער

האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף זיי, זענען זיי געהיילט געוואָרען ווי ערשט־געבוירענע קינדער.

מען האָט געבראַכט צו איהם אַ גוסס, האָט שבתי צבי איהם געגעבען אַ ביסען ברויט פון זיין מויל און דער גוסס איז גלייך געזונד געוואָרען. אַ פרוי וואָס האָט געקאָכט פאַר איהם עסען ווען ער איז אַריין אין פעסטונג איז געקומען מיט אַ געוואַלד צו איהם, איהר איינציגער זוהן איז געשטאָרבען. האָט ער געהייסען ברענגען דאָס טויטע קינד און מען זאָל אויסגראָבען אַ גרוב און אָנגיסען וואַסער און אַריינוואַרפען דאָס טויטע קינד.

זיבען טעג איז דאָס מת געלעגען אין וואַסער. אויפ'ן זיבעטען טאָג איז דאָס מת אַרויסגעקראָכען פון וואַסער פריש און געזונד.

פון עזה הערט מען, אַז נתן הנביא איז שוין געגאַנגען אַקעגען שבט ראובן און שבט גד, וואָס זענען אַרויס פריהער פאַר די איבריגע שבטים. פון שפאַניע איז אָנגעקומען אַ בריעף נאָך וועלכער אַז די עשרת השבטים אויפ'ן וועג נאָך ירושלים האָבען איינגענומען מעקא.

און אין ענגלאַנד האָט מען געזעהן אַ שעהנע שיף מיט זיידענע פעהנער און די מאַטראָזען רעדען לשון קודש. אויף די פעהנער איז אויסגענעהט : "די צוועלף שבטים פון ישראל". אין ירושלים שטעהט שוין דאָס בית המקדש און אידען קומען שוין מקריב זיין קרבנות.

אַ דערוויש אין ווייסע קליידער געהט איבער די גאַסען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זאָגט אָן אַז די גאולה איז נאָהנט. די קריסטליכע אַמבאַסאַדאָרען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דער־צעהלען אויך גרויסע וואונדער פון שבתי צבי'ן. בעזונדער ריהמט איהם דער אַמבאַסאַדאָר פון ווענעדיג. דער גרויס־פירסט פון טאָסקאַנאַ האָט בעקומען אַ בריעף, אַז דער סמבטיון האָט אויפגעהערט וואַרפען שטיינער. די צעהן שבטים זענען אַריבערגעגאַנגען, דערנאָך האָט סמבטיון ווי־דער אָנגעהויבען וואַרפען שטיינער.

דער שפאַנישער אַמבאַסאַדאָר האָט געלאָזט וויסען זיין קעניג אַז פון אפריקא האָבען זיך אַרויסגעלאָזט פינף הונ־דערט טויזענד בעוואָפענטע קריעגער, אַלע הויך, שעהן, ווייס

מיט שווארצע פעדערן. שבת רוהען זיי. דאס זענען זיכער אידען.

א גרויסער דייטשער סוחר פון טערקיי האט געשריבען צו זיין בעקאנטען אין מאנטוא אז ער האט אליין געזעהן שבתי צבי'ן. און ער האט נאך אזא שעהנעם פארשוין נישט געזעהן און נתן איז אזא נביא וואס נישט אידען און נישט גוים האבען געהאט זיינס גלייכען.

א דייטשער געלעהרטער, היינריך אלדענבורג, וואס וואוינט אין לאנדאן, א גוטער פריינד פון דעם פילאזאף אין כופר ברוך שפינאזא, שרייבט זיך איבער מיט איהם דער־וועגען. די קריסטליכע גלחים פון ירושלים האבען זיך דער־שראקען און געשריבען צום פויבסט אז זיי האבען מורא פאר דעם אידישען משיח.

די גוים ציטערן איצט פאר אידען און חנפ'ענען זיי און בעהאנדלען זיי זעהר גוט. די מיניסטארען און בירגערמייס־טערס ווייסען נישט וואס צו טאן. די רייכע אידען האבען אוועקגעווארפען די געשעפטען. אונזערע ארימעלייט ליי־דען נישט, ווייל די רייכע שפייזען זיי. אבער די גוי'אישע בעלי־מלאכות זענען אויף גרויסע צרות. די קראמען זיינען ליידיג. האנדעלס־שיפען פאהרען נישט. נאר די שיפען וואס פיהרען די רייכע אידען נאך קאנסטאנטינאפאל. און עס קאסט איצט א סך געלד צו פאהרען אהין.

פון אומעטום שרייבט מען ליוב־בריעף צו שבתי צבי'ן. די רבנים און לומדים פון אמסטערדאם האבען אויך געשריבען אזעלכע בריעף. אויך שמואל רבי מנשה בן ישראל'ס זוהן האט זיך גע'חתמ'עט אויפ'ן בריעף וואס די ישיבה בית יעקב האט געשיקט. דעם דאקטאר ר' בנימין מוספיא, וואס גלויבט אויך אין שבתי צבי האבען זיי נישט געלאזט אונטערשרייבען, ווייל ער איז גענייגט צו פילאזא־פיע. ער האט זיך אבער איינגעבעטען ביי דער ישיבה כתר תורה זיי זאלען איהם לאזען אונטערשרייבען. און ר' אברהם פעריירא האט גענומען דעם בריעף אוועקצופיהרען צו שבתי צבי'ן.

---

די אידען פון לעמבערג האבען געשיקט צוויי שלוחים צו

שבתי צבי'ן צו זעהן אויב אלץ איז אמת וואס מען זאגט וועגען איהם. די שלוחים זענען געווען גרויסע רבנים ר' ישעיה הלוי קאמארנער רב, א זוהן פון "ט"ז" און זיין שטיפברודער ר' ליב, ביידע אייניקלעך פון "ב"ח".

זיי זענען אנגעקומען צו שבתי צבי'ן זונטאג, כ"ב תמוז, דעם זעלבען טאג, וואס שבתי צבי האט בעשטימט פאר ערב שבת און געהייסען אז צומארגענס, מאנטאג, זאלען אלע האלטען הייליג ווי שבת, ווייל דאס איז דער זיבעטער טאג זייט די שכינה האט אנגעהויבען רוהען אויף איהם בשלמות.

ווען זיי זענען צומארגענס געקומען צו שבתי צבי'ן האט ער זיי אויפגענומען בייז, און זיי געפרעגט, צי זיי גלויבען אין איהם אויף אן אמת? זיי זענען געווארען זעהר טרויריג און געפרעגט שמואל פרימו'ן פארוואס שבתי צבי איז אין כעס אויף זיי?

שמואל פרימו האט געטראכט א ווייליע און געזאגט:

— אפשר האט ער געזעהן אין רוח הקודש, אז איהר האט נישט אפגעהיט שבת ווי געהעריג?

דא האבען זיי זיך דערמאנט, אז צוקומענדיג פארנאכט אין פעסטונג זענען זיי געווען זעהר הונגעריג און געשיקט זייער משרת, ער זאל זיי ברענגען א ברויט. זיי האבען חרטה געהאט אויף דער עברה און געבעטען שמואל פרימא'ן, ער זאל בעטען שבתי צבי'ן ער זאל זיי מוחל זיין.

ווען זיי זענען שפעטער אריינגעגאנגען צו שבתי צבי'ן האט ער זיי אויפגענומען מיט כבוד און זיי געפרעגט וואס עס מאכט דער ט"ז.

— ער איז אלט און שוואך — האבען זיי געענטפערט— ער איז שוין אן אכציגער. אן אלטער מאן האט אונז ערשט דערצעהלט, אז ער איז אמאל ארא‍פגעפאלען פון בוידים און צובראכען אלע ביינער, האט איהר איהם געשיקט א שטיקעל ברויט און אז ער האט דאס אויפגעגעסען איז ער ווידער געווארען געזונד. בעטען מיר אייך, גיט עפּיס פאר אונזער אלטען טאטען, ער זאל האבען מעהר כח.

שבתי צבי האט זיי געגעבען א צוקעריל און געזאגט:

— זאל ער דאס אויפעסען. ער וועט ווערען געזונד און שטארק.

דערנאָך האָט ער זיי געגעבען גאָלדענע מטבעות און טיכ־לעך אויסגענייהט מיט גאָלד. א זיידען העמדעל האָט ער געגעבען פאר'ן ט"ז און געזאָגט:

— אז אייער אַלטער פאָטער וועט דאָס אָנטאָן וועלען זיך בענייען זיינע יאָהרען.

די צוויי רבנים האָבען איהם דערצעהלט וואָסערע צרות די אידען שטעהן אויס פון די קאָזאקען, האָט ער זיי געזאָגט אזוי:

— איך וויים אַלסדינג. דערפאר געה איך אָנגעטאָן אין רויטע קליידער, מיין ספר תורה איז איינגעוויקעלט אין א רויט מענטעלע, א צייכען פון נקמה, וואָס איך וועל נעמען.

ער האָט זיי אנטפלעקט א סך סודות און שטאַרק גע־וויינט אויף די אידישע צרות און זיי האָבען מיטגעוויינט. דערנאָך האָט ער געהייסען אריינבריינגען פרוכטען. זיי האָ־בען געגעסען און בוקענדיג זיך געזאָגט:

— איצט קענען מיר שוין שטאַרבען נאכדעם ווי מיר האָבען געזעהן אונזער משיח.

— איהר וועט נישט שטאַרבען — האָט ער זיי געטרייסט — ווען מיין קעניגרייך וועט זיך אָנהויבען וועל איך אייך גע־דענקען צו גוטען און איהר וועט האָבען גרויס כבוד.

זיי האָבען איהם דערצעהלט אז דאָס פאָלק האָט גרויס אמונה אין איהם און ס'איז אין פוילען אויפגעשטאַנען א נביא נחמיה הכהן וואָס זאָגט נביאות, אז די גאולה איז נאָהנט און ער האָט זיך שוין געלאָזט אין וועג אריין צו איהם.

שבתי צבי האָט געזאָגט אז ער וויל איהם טאַקי זעהן און גלייך אָנגעהויבען זינגען "מן המצר" מיט אזא זיסקייט אז די שלוחים האָבען שיער פערלוירען דאָס חיות.

שבת צו נאכט'ס זענען זיי געוואָרען מסיכן קראַנק און געהאַלטען ביים שטאַרבען. איז געקומען צו זיי שבתי צבי'ס א משרת מיט א קריגעל וויין, צוויי לימענעס און צוקערלעך און געזאָגט:

— פון דעם וויין האָט אונזער הארר גענומען אויף הבדלה, טרינקט דאָס אין אוועגד פון זיין גרויסען שבת און איהר וועט ווערען געזונד.

זיי האָבען איהם געפאָלגט און געוואָרען געזונד. ווען זיי האָבען זיך געגרייט אהיימפאָהרען האָט ער זיי מיט־געגעבען א בריעף צום ט"ז שרייבענדיג אז איינגיכען וועט ער נעהמען נקמה פאר די אידישע צרות און ווי א מאמע, וועט ער אלעמען טרייסטען. ער האָט זיך אונטערגעשרי־בען: "דוד בן ישי, דער העכסטער פון אלע קעניגען, משיח פון גאָט פון יעקב, דער אויבערשטער לייב שבתי צבי".

אין סוף בריעף האָט ער צוגעשריבען: "דער נביא ר' נחמיה זאָל איינגיכען קומען פאר מיר מיט פרייד". אויף זיין חתימה איז אויסגעקריצט א קרומער שלאנג, א סימן: אז ער וועט זיך נוקם זיין אָן די שונאים ווי א שלאנג.

מיט גרויס פרייד זענען די שלוחים צוריקגעפאָהרען און צושיקט בריעף איבער דער גאנצער וועלט אָנזאָגענדיג דאָס גרויסקייט פון שבתי צבי'ן. זיי האָבען אויך געלאָזט ווי־סען אז שבתי צבי האָט אָפגעשאפט שבעה עשר בתמוז און תשעה באב און געהייסען מאכען דעמאָלט יום טוב, ווייל די שכינה איז שוין ארויסגעגאנגען פון גלות. בעזונדער איז תשעה באב א יום טוב ווייל שבתי צבי איז געבוירען גע־וואָרען אום תשעה באב

אז די נייעס איז אָנגעקומען נאָך אמסטערדאם איז די שמחה געוואָרען זעהר גרויס. אין די שוהלען און די גאסען האָט מען געהאלטען אין איין זינגען און טאנצען, ווייל איצט איז דאָך אלץ בעשטעטיגט פון צוויי גרויסע רבנים, וואָס האָבען אלץ געזעהן.

---

שמואל רב מנשה בן ישראל'ס זוהן האָט בעקומען דעם דאָזיגען בריעף פון זיין חבר יהודה העלער, דעם תוספות יום טוב'ס זוהן, וואָס האָט געלעבט אין קאָנסטאנטינאָפאָל.

"איך האָב שוין געענדיגט מעדיצין, האָב שוין דעם טיטול "חאקים" (דאָקטאָר), האָב אָבער נישט קיין פרנסה, ווייל כ'האָב נישט קיין געלד אויף א רייכע קארעטע מיט משרתים קומען ווייניג פאציענטען צו מיר.

צו די צרות האָב איך גרויס הארצווייטאָג פון דעם משוגעת וואָס האָט ארומגענומען אונזער פאָלק. מיר האָבען

איצט פערפיהרער און פערפיהרטע. אונזער פאָלק ווערט געפיהרט אין דער פינסטערניש אין א גרויסע בלאָטע.

דאָס ליכט וואָס איהר זעהט פון ווייטענס איז א פער־פיהרעריש ליכט פון א פער׳עפוש׳טען קוואל. שבתי צבי איז א ווילדער צודרעהטער פאנטאזיאָר און א באַנדע אונ־טערלעקערס האָבען איהם ארומגערינגעלט און פערשפּרייטען א פינסטערע נעץ פאר׳ן פאָלק.

אָנגעהויבען האָט שבתי צבי מיט נארישקייטען, אז ער וויים דעם געטליכען סוד און ארויסגערעדט דעם שם המפורש, האָבען איהם די סמירנער רבנים ארויסגעטריבען. זיין פאָ־טער, א קלוגער איד, האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון זיינע משוגענע שטיק, נאָר זיין מאמע האָט איהם געשטיצט. האָט ער ארומגעשלעפּט זיך משוגע׳נערוויים פון שטאָדט צו שטאָדט און חתונה געהאט מיט דער תורה אין סאלאָניקי. און אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער געפּראַוועט נארישע שטיק מיט א פיש. די רבנים פון די שטעדט האָבען איהם ארויסגעטריבען מיט שאנד.

ביז ער איז געקומען נאָך ירושלים, אלע רבנים און אָנגעזעהענע לייט האָבען געמוזט אנטלויפען פון דאָרט איבער דעם בייזען פּאשא, וואָס שינדט זייער הויט רייסענדיג אונמעגליכע ציגזען. געבליבען זענען אין דער הייליגער שטאָדט בלויס אָרימע לייט, גרויסע קבצנים וואָס לעבען פון די נדבות וואָס זיי קריגען פון חוץ לארץ.

דער חורבן פון די אידישע קהלות אין פּוילען, וואָס פלעגען זיין דער הויפּט קוואל פון זייער שטיצע האָט אָפּ־געשטעלט זייער חיונה. אין זייער גרויס אָרימקייט ווילען זיי אונז איינרעדען אז מיט קבלה וועלען זיי ברענגען די גאולה און זיי פערשפּרייטען נישט געשטויגענע און נישט נעפּלויגענע ידיעות, אז זייערע משולחים זענען געווען ביים סמבטיון און געזעהן די עשרת השבטים, אלץ כדי זיי זאָלען קריגען געלד פון די אידען אין גלות.

אז שבתי צבי איז געקומען נאָך ירושלים האָט ער נישט אויסגעזאָגט ווער ער איז נאָר זיך געזעצט לערנען. די מוטער האָט אָפּט איהם צוגעשיקט געלד און ער האָט דאס צוטיילט צווישען די אָרימע לייט. האָבען איהם אלע אָבגעגעבען גרויס

כבוד. געהענדיג אין גאס האט ער געטיילט צוקערלעך די קינדער, זענען זיי איהם נאכגעלאפען און געשריגען:

—הייליגער פאטער!

דעמאלט האבען די ארימע לייט איהם אויסגעקליבען אלס זייער שליח צום קאאירא'ער גביר רפאל יוסף צלבי, א גרויסער חסיד און בעל קבלה. דער גביר האט דערפילט זיין בקשה און שבתי צבי האט איהם דערצעהלט אז ער איז משיח און דער מיסטיקער האט איהם געגלויבט און ביי איהם אין הויז איז געפראוועט געווארען די חתונה אויף שפעטער, אז שרה וועט קומען צו שבתי צבי'ן.

דאס האט פערשטארקט דעם גלויבען ביי זיינע אנהענגער אז ער איז טאקי משיח. נאר שטארקער איז עס געווארען, ווען זיי זיינען געקומען נאך עזה וואו דער משוגע'נער נתן האט שוין געווארט אויף איהם. דער נתן שטעהט דאך אין פערבינדונג מיט דעם שווינדלער אברהם יכיני.

ווען ער איז צוריקגעקומען נאך ירושלים איז מען נישט געווען צופרידען מיט איהם. דאס געלד וואס רפאל יוסף צלבי האט איהם געגעבען פאר די ירושלים'ער ארימע לייט האט ער אוועקגעגעבען זיינע אנהענגער. זיי האבען איהם שיער אריינגעלייגט אין חרם ווען ער האט זיי דערצעהלט אז ער איז משיח. אינגלעך זענען איהם נאכגעלאפען אין די גאסען און געשריגען:

—דער שוטה איז אוועק אלס שליח און צוריקגעקומען א משיח...

זייט דער ביטערער שווינדלער שמואל פרימו איז צוגעשטאנען צו איהם ווייס שבתי צבי שוין גאר נישט וואס עס טוט זיך מיט איהם. אין זיין ביטערקייט שטעלט ער זיך נישט אפ פאר קיין זאך אויסצופיהרען זיינע פלענער. דא האבען זיך פעראייניגט דער שווינדלער שמואל פרימו, דער משוגע'נער נתן פון עזה און דער פעלשער אברהם יכיני. זיי האבען אריינגענומען שבתי צבי'ן אין זייערע הענד און רעדען איהם איין די ווילדעסטע זאכען. דער הויפט שווינדלער איז שמואל פרימו. וואס ער זאגט ווערט גלייך געטאן.

אזוי לאנג ווי ר' יוסף אסקפה, דער אלטער רב פון סמירנא, האט געלעבט האבען זיי נישט געוואגט צו קומען

נאך סמירנא. אז דער אלטער רב איז געשטארבען, האבען די איצטיגע רבנים אין סמירנא קיין השפעה נישט געהאט [illegible]'ן פאלק, האבען די שווינדלער ארויסגעשיקט פיער שלוחים נאך סמירנא אנצוזאגען אז שבתי צבי קומט און די אלע נבואות פון משוגע'נעם נתן.

שבתי צבי'ס רייכע ברידער אליהו און יוסף האבען צו־געהאלפען פערשפרייטען אזעלכע ווילדע מעשות מיט נסים פון שבתי צבי'ן, א חברה ארימע לייט האבען בעקומען ביי זיי עסען און טרינקען, זענען זיי ארויס צווישען פאלק און דערצעהלט שבתי צבי'ס וואונדער און דערצעהלט די ווילדסטע ליגענס.

דאס פראסטע פאלק איז גלויביג און לאזט זיך איינרע־דען. ווען שבתי צבי איז אנגעקומען נאך סמירנא איז איהם די גאנצע שטאדט אקעגען געגאנגען מיט גרויס פאראד. אין טומעל האבען זיי זיך נישט געוואלט צוהערען צו דער ווארנונג פון פינף און צוואנציג קאנסטאנטינאפאלער רבנים מיט דעם חכם באשי ר' יום טוב בראש, וואס האבען געפאדערט פון די סמירנער רבנים צו היטען זיך פאר שבתי צבי'ן, וואס איז א זינדיגער און מאכט אלעמען זינדיגען און עס איז א מצוה איהם צו טויטען.

איצט ווייס מען אז דער בריעף וואס איז פערשפרייט געווארען איבער דער וועלט אין נאמען פון די קאנסטאנטי־נאפאלער רבנים אז "די סחורה שבתי צבי איז זעהר א חשוב'ע סחורה" איז געווען געפעלשט דורך דעם שווינדלער אברהם יכיני.

דאס וואס עס פאלען אוועק א סך מענשען אין חלשות און זאגען נביאות, קען איך דיר דערקלערען אלס דאקטאר אז דאס איז א קראנקהייט, א משוגעת. מיט הונדערטער יאהרען צוריק האט דאס עטליכע מאל פאסירט, ווען אין גרויס התלהבות אין גלויבען זענען טויזענדער מענשען גע־ווארען האלב משוגע, געטאנצט אין די גאסען, אוועקגעפאלען און מיט שוים אויף די ליפען גערעדט ווילדע זאכען וואס עס וועט געשעהן אין דער צוקונפט.

פאר די דאזיגע קראנקע מוחות איז דא איין רפואה: צו

בינדען זיי, גוט אָנשמייסען און ברעכען די ביינער און ארויס־שלאָגען פון זיי דאָס משוגעת.

עטליכע רבנים און גבירים האָבען געמוזט אנטלויפען פון סמירנא, די משוגעים זאָלען זיי נישט טויטען. פאַראַן א סך אידען מיט שכל וואָס זענען נישט פערפיהרט זיי מוזען אָבער שווייגען פאר מורא.

איך בין געפאָהרען מיט זעקס חדשים צוריק נאָך סמירנא צו זעהן וואָס דאָרט טוט זיך. אַלץ וואָס איך האָב געזעהן וועל איך בעשרייבען, זאָלסט וויסען ווי אזוי שווינדלער אין משוגעים פערפיהרען א גאַנצע וועלט.

---

און דאס האָט יהודה העלער פערצייכענט אין זיין טאג־בוך:

אינמיטען ווינטער בין איך געקומען נאָך סמירנא און עטליכע טעג נישט געקענט צוקומען צו שבתי צבי'ן. מיט ליידיגע הענד לאָזט מען נישט צו צו איהם. איך בין אן אָרימאַן און האָב נישט וואס צו געבען. זיינע משרתים האל־טען מיך פאר אן אונגלויביגען. ערשט אין א וואָך ארום ווען ער איז אוועק נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויסצוטאָן דעם סולטאַן'ס קרוין, האָב איך זיך צוגעשטופּט דורכ'ן גרויסען עולם צו איהם.

זיין וויזיט ביים סמירנער קאדי האָט איהם נישט גע־בראַכט קיין כבוד. ער קען נישט די לאַנדס שפּראַך. זיין ברודער יוסף איז געוועז זיין איבערזעצער. ער איז געשטאַנען פאר'ן קאדי און נישט געוואוסט וואס צו זאָגען.

ווען ער האָט שוין געעפענט ס'מויל האָט ער פער'מסר'ט דריי פון זיינע געגנער, אז זיי האָבען גערעדט בייז אויפ'ן סולטאַן און זיי האָבען געמוזט בעצאָהלען א גרויסע סומע געלד אַלס שטראָף. דער קאדי האָט איהם בעהאַנדעלט ווי א משוגע'נעם. נאָר זיינע שווינדלערישע מקורבים האָבען פער־שפּרייט א ליגען אז דער קאדי האָט איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

דעם טאָג ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט אַלעמען אויף זיין רייזע נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען זיי געמאַכט א גרויסע סעודה. און ער האָט צוטיילט צווישען זיינע מקורבים

די גאַנצע וועלט. איטליכען האָט ער בעשטימט פאַר אַ קעניג פון אַ לאַנד.

צווישען די פריש געבאַקענע קעניגען איז געווען איינער אַברהם רוביא, אַ קבצן, אַ גרויסער שלים־מזל, אָנגעטאָן אין טראַנטעס און מען האָט נישט געקענט שטעהן לעבען איהם איבער דעם שווערען שווייסיגען ריח, וואס האָט זיך געטראָ־גען פון איהם. אַ סך רייכע אידען האָבען איהם געוואָלט אָוועקגעבען זייערע פערמעגענס, ער זאָל זיי פערקויפען זיין "מלוכה". ער האָט זיך אבער געהאַלטען אין איין קראַצען אין קאָפּ, אין זיין קאַלטענעוואַטע באָרד און אין בוזים און גע־זאָגט:

—איך וועל נישט פערקויפען מיין מלוכה פאַר קיין געלד אין דער וועלט.

—אדוני המלך! — האָב איך געזאָגט צו איהם — פאַר־וואָס לייזסטו זיך נישט אויס, ועסט דאָך פערשפּאָרען דאָס קראַצען?...

— חס ושלום! — האָט דער "אָרימער קעניג" געזאָגט — מען טאָר נישט טשעפּען קיין פליי. ווער ווייס וואָסערע גלגול זיי זענען...

זייענדיג ביי שבתי צבי אין הויז איז מיר געלונגען צו זעהן זיין ווייב שרה. אין איהר פּנים האָב איך דערקענט איהר מאַמע די נעמיראָווער רביצין און אין די אויגען מיט די ברע־מען — איהר הייליגען פאָטער, דער נעמיראָווער צדיק. מיין הארץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען. איהר שטערן איז פול קנייטשען. ניין. זי איז אַ ריינע נשמה. זי האָט דאָך איינגעשטעלט איהר לעבען און איז אַנטלאָפען פון מאַנאַס־טיר. זי לויפט נישט נאָך קיין מענער. זי ליידט נאָר איבער איהר מאַן. זיינע שונאים רעדען אויך אויס אויף איהר אַל־דאָס בייז. איך האָב געוואָלט צוגעהן צו איהר און זאָגען אַ פּאָר ווערטער. עס איז אָבער אונמעגליך געווען דורכצושטו־פען זיך דורכ'ן גרויסען עולם און אין אַ רגע איז זי שוין פערשוואונדען.

דאָס נס מיט'ן טויטען קינד איז האַלב אמת. דאָס קינד איז געשטאָרבען און די מוטער האָט איהם געבראַכט צו שבתי צבי'ן ער זאָל איהם מאַכען לעבעדיג. האָט ער געהיי־

סען אויסגראָבען אַ גרוב אויפ'ן שוהל־הויף און אָנגיסען מיט וואַסער און אַריינלייגען דאָס טויטע קינד אין גרוב.

דאס איז אמת. אבער אַז עס איז לעבעדיג געוואָרען איז ליגען. אויפ'ן אַכטען טאָג ווען זיי האָבען דאָס טויטע קינד ארויסגענומען פון וואַסער האָט עס שרעקליך גע'עפוש'ט און צופאַלען אויף שטיקער. דער משוגענער שבתי צבי האָט זיך געבייזערט אויף זיינע לייט און געזאָגט:

— וואָס האָט איהר זיך געאיילט ארויסנעמען? ווען איהר לאָזט איהם ליגען נאָך אַ רגע וואָלט ער געוואָרען לע־בעדיג!...

אָבער די שווינדלער האָבען פערשפרייט אַ פרישען ליגען. אַז ס'איז געוואָרען לעבעדיג.

ער האָט דאָרט בעוויזען נאָך אַ וואונדער. איינער פון זיינע אנהענגער האָט געמאַכט אַ ברית און איהם געגעבען סנדקאות. האָט ער געבענטשט דאָס קינד און געזאָגט אַז ער וועט אויסוואַקסען אַ גדול. אין עטליכע וואָכען אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבען. און די נאַראָנים זאָגען אַז דעם קינד'ס עלטערן זענען שולדיג וואָס די ברכה איז נישט גע־וואָרען מקוים.

די שווינדלער האָבען אויך פערשפרייט ווילדע שקרים וועגען זיין רייזע נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך בין געפאָהרען אויף דער זעלבער שיף און געזעהן זיין שאנד און מפלה. גע־זאָגט האָט ער אַז די רייזע אויפ'ן ים וועט דויערן אַכצעהן טעג. איז געוואָרען אַ שטורם און מיר זענען געפאָהרען פער־ציג טעג.

אָנקומענדיג נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען מאַסען מענ־שען געלאָפען איהם אָנקוקען. די פּאָליציי האָט זיי צוטריבען און איהם אַרעסטירט און אַוועקגעפיהרט צום גרויסוויזיר. דאָרט איז גראד געווען דער קאדי פון סמירנא און ער האָט דערצעהלט אַז שבתי צבי רעדט זיך איין צו ווערען דער קעניג פון די אידען.

האָט דער גרויסוויזיר איהם דערלאַנגט פייערדיגע פעטש און איינגעזעצט אין געפענגניש. דערנאָך האָט ער איהם אַוועקגעשיקט אין גאַליפּאָלער פעסטונג ביז צום משפט. טערקיי האָט איצט אַ פערדרעהטען קאָפּ איבער איהר מלחמה

מיט ווענעדיג און דעם אויפשטאנד פון די יאניטשארען. איילען זיי זיך נישט צו משפט'ען איהם.

זיינע רייכע אנהענגער האבען געגעבען א סך באקשיש צו די פעסטונג בעאמטע, זיי זאלען איהם נישט פייניגען. וואס מעהר געלד זיי האבען געגעבען איז איהם אלץ געווארען גרינ־גער און ער האט געמיינט אז זיין אייגען היילינקייט איז איהם בייגעשטאנען.

דער פעסטונג קאמענדאנט האט דערזעהן פאר זיך א געלד קוואל, האט ער איהם אפגעגעבען עהרע און ציגעלאזט צו איהם רייכע אידען, וואס האבען איהם גוט בעפרידיגט. גאליפאלי איז אויך געווען צופרידען. זיי האבען גענומען די גרעסטע פרייזען פאר א פלאץ אנצולעהנען דעם קאפ פון די מאסען מענשען וואס זענען געקומען צו שבתי צבי'ן. זיי האבען געלייזט א סך פאר עסענווארג. יעדער איינער אין גאליפאלי איז רייך געווארען. און שבתי צבי מיט זיינע אנ־פערטרויטע האבען אוצרות געלד.

ווען זיי וואלטען געווען קלוג און עהרליך וואלטען זיי גע־קענט ברענגען די גאולה אויף א פשוט'ען וועג. טערקיי איז איצט זעהר געדריקט און פאר א גרויסע סומע געלד וואלט דער סולטאן פערקויפט ארץ ישראל צו אידען, צו בעזעצען מיט בעלי מלאכה און ערד ארבייטער.

די נארישע שווינדלער רעדען אבער איין דעם עולם אז שבתי צבי בעווייזט נסים און דערווייל זינדיגען זיי צו גאט. זיי האבען פערביטען שבת אויף אן אנדער טאג, אפגעשאפט די תעניתים און טוען אלדאס בייז.

עס געראט זיי די טייוולישע ארבייט. צוויי גרויסע רבנים פון פוילען זענען געקומען זעהן מיט זייערע אויגען וואס דא טוט זיך האט מען זיי אזוי פערפיהרט און אפגע־נארט. צו ערשט האט מען זיי אוועקגעפיהרט צום געמיינעם שווינדלער אברהם יכיני, וואס האט זיי צומישט מיט זיין קבלה און געבראכט צו זיי פאלשע עדות, וואס האבען דער־צעהלט ווילדע וואונדער פון איהם.

דערנאך זענען זיי געקומען צו שבתי צבי'ן און דערזעהענ־דיג זיין רייכקייט און ברייטקייט זענען זיי געווארען גע־פלעפט. דער שווינדלער שמואל פרימו האט זיי ארומגעריג־

געלט מיט שפּיאָנען און געוואוסט זייער יעדען טריט און שריט. די שפּיאָנען האָבען געזעהן אז די רבנים שיקען זייער משרת קויפען ברויט אין דעם נייעם שבת וואָס זיי האָבען געמאַכט, האָט שבתי צבי דאָס גלייך געוואוסט און געמאַכט זיך ווי ער וויים דאָס מיט רוח הקודש. זענען זיי שוין אוועק פון איהם צו פערשפּרייטען אומשולדיגערהייט ווילדע, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשות.

א סך אָרענטליכע לייט זענען געשטאָרבען נישט קענענדיג אויסהאַלטען די הונדערטער תעניתים און פייניגונגען וואָס די שווינדלער האָבען אַרויפגעלייגט אויף זיי. פיעל עהרליכע אידען זענען אומגעקומען ווייל זיי האָבען נישט געוואָלט גלויבען אין איהם.

ערשט נישט לאַנג איז אום שבת געווען א גרויסע מחלוקה אין א שוהל אין ווענעדיג איבער שבתי צבי'ן. זיינע פאַנאַטישע אנהענגער זענען בעפאַלען אין שוהל איינעם וואָס האָט נישט געגלויבט אין שבתי צבי'ן. זיי האָבען איהם געשלאָגען צום טויט.

דערנאָך האָבען זיי אָנגעפרעגט אין א בריעף שבתי צבי'ן אויב זיי האָבען נישט געטאָן קיין עבירה, וואָס זיי האָבען גע־טויט דעם מאַן. און שמואל פרימו האָט זיי געענטפערט אין שבתי צבי'ס נאָמען אזוי:

"דאָס בלוט פון די אומגלויביגע איז מותר צו פערגיסען, און עס איז נישטאָ דערביי קיין חלול שבת. אדרבה, זיי האָבען געטאָן א זאַך אויף קדוש השם און צו זייער עולם־הבא איז נישטאָ קיין גלייכען".

אונזער אומגליקליך פאָלק איז פערפיהרט. ווער וויים וואָס פאַר א צרות עס וועלען נאָך קומען דורך די שווינדלער!

---

ווען מען האָט שבתי צבי'ן אוועקגעפיהרט נאָך אדריאַנאָפּאָל איז יהודה העלער נאָכגעפאָהרען און פּופצעהן טאָג אין אלול, תכ"ו האָט ער פערצייכענט אין זיין טאָג־בוך די דאָזיגע פּאַסירונגען:

דער פאַלשער משיח האָט געמאַכט א פאַלשען חשבון. ער האָט פאַרשפּרייט צווישען אַלעמען, אז נחמיה הכהן, פון פּוילען איז א גרויסער נביא. ער האָט געהאָפט אז אזוי ווי

נחמיה זאָגט נביאות אז די גאולה איז נאָהנט, וועט ער איהם האַלטען פאר משיח און ער וועט איהם פערשאַפען נייע אנהענגער.

נחמיה איז געקומען צו איהם אין גאַליפּאָלי און איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כבוד פון שבתי צבי'ן מיט זיינע אנהענגער. נחמיה האָט זיך אָפּגעשלאָסען אויף דריי טעג מיט דריי נעכט מיט שבתי צבי'ן און גערעדט מיט איהם וועגען קבלה און די גאולה. זיי האָבען א סך געשפּאַרט זיך און נחמיה איז געבליבען איינגעשפּאַרט אז שבתי צבי איז נישט משיח, נאָר א פאַלשער, א פערפיהרער.

די באַנדע שווינדלער האָט זיך דערשראָקען. זיי האָבען גרויס געמאַכט דעם פּוילישען אידען, דערהויבען איהם צום הימעל און ער געהט ארויס אָפען און שרייט, אז שבתי צבי איז נישט אַן אויסלייזער נאָר אַן עוכר ישראל. ער וועט ברענגען א גרויס אומגליק.

האָבען די שווינדלער אָנגעהויבען זיך איבערווינקען איינער מיט'ן אנדערן און גע'סוד'עט זיך. נחמיה האָט מורא געהאַט אז זיי וועלען איהם טויטען, האָט ער אויפגעבראָכען די טיר און איז ארויס אין דרויסען, אראָפּגעוואָרפען דאָס שטריימעל און געשריגען:

— טוּט מיר אָן א טורבאן! איך וויל ווערען א מאכמעדאַנער!

די טערקען האָבען זיך דערפרעהט מיט איהם און איהם אָנגעטאָן א טורבאן און אויף זיין פערלאַנג אוועקגעפיהרט נאָך אדריאַנאָפּאָל צום גובערנאַטאָר מוסטאַפא. דער פרישגעבאַקענער טערק האָט דערצעהלט דעם גובערנאַטאָר, אז שבתי צבי גרייט צו א בונט קעגען סולטאַן.

דער גובערנאַטאָר האָט דאָס גלייך געלאָזט וויסען דעם סולטאַן. סולטאַן מהמד דער פירטער האָט גלייך ארויסגעגעבען א בעפעהל צו ברענגען שבתי צבי'ן געשמידט אין קייטען. סאָלדאַטען זענען געקומען און דערלאַנגט ביטערע קלעפּ די מאַסען וואָס האָבען איהם ארומגערינגעלט און זיי צוטריבען, און שבתי צבי'ן געשמידט אין קייטע און אוועקגעפיהרט נאָך אדריאַנאָפּאָל און איינגעזעצט אין געפענגניש פון סולטאַן'ס הויף.

איך בין נאכגעפאהרען זעהן דעם סוף. מארגען וועט מען איהם אריינפיהרען צום סולטאן. זיינע פערפיהרטע אנהענגער גלויבען, אז מארגען וועט ער בעווייזען זיין נס און ברענגען די גאולה.

כ'האב מורא אז די פערפיהרטע וועלען נישט זעהן דעם אמת אפילו נאך זיין טוידט. זיי וועלען גלויבען, אז נאך'ן טויט וועט ער זיך בעוויזען צו זיי. עס וועלען אויפשטעהן פאלשע נביאים. זיי וועלען שאפען א ניי גלויבען צו פערשטערען אונזער תורה.

עס איז נישט גוט ער זאל שטארבען. גוט וואלט געווען ווען ס'וואלט זיך געפינען א חכם וואס זאל איהם סטראשען מיט'ן טויט און איהם איבעררעדען ער זאל זיך שמד'ען. דאס וואלט געווען דאס בעסטע. אבער וואו קריגט מען דעם דאזיגען מענשען? נחמיה וואלט גוט געווען, איז ער אבער פערשוואונדען און מען ווייס נישט וואו ער איז.

איך וועל עס טאן. איך וועל זינדיגען צו גאט כדי צו קענען הייליגען גאט'ס נאמען און עפענען די אויגען פון מיינע פערפיהרטע ברידער.

---

צומארגענס אינדערפריה איז יהודה אוועק צום מופטי און געזאגט:

— לא אלא איל אלא!

— ומחמד ראסול אלא! — האט דער מופטי צוגעגעבען.

יהודה האט איהם געזאגט, אז ער וויל ווערען א מאכמעדאנער. דער מופטי האט זיך דערפרעהט מיט איהם. זיין פרייד איז געווארען גרעסער, ווען ער האט געהערט אז יהודה איז נישט א פראסטער, נאר א דאקטאר, א "חאכים".

זיי האבען זיך צורעדט און דער מופטי האט איהם דערצעהלט, אז מיט עטליכע טעג צוריק האט א געלערנטער איד פון פוילען זיך גע'שמד'ט און אז נאך היינט וועט שבתי צבי ווערען פער'משפט צום טויט.

— דאס טויג נישט — האט יהודה איהם דערקלערט — אז מען וועט איהם טויטען וועט ער ווערען פערהייליגט. זיינע אנהענגער וועלען ווייטער גלויבען אין איהם און אפילו א סך טערקען וועלען איהם פערגעטערן און ווערען נייע

שונאים פון דער רעגיערינג. דאָס בעסטע איז אָפּצו׳שמד׳ען איהם, וועלען איהם אַלע פערלאָזען און קיינער וועט נישט גלויבען אין איהם.

דאָס איז געפעלען דעם מופטי. ער האָט אָבער גע־צווייפעלט צי ס׳וועט געלינגען איהם איבערצורעדען. ווער ווייס דאָס זיך אונטערנעמען? און אַזעלכע לייט זענען דאָך גרייט צו שטאַרבען פאַר זייער אמונה.

האָט יהודה געזאָגט, אַז ער וועט זיך אונטערנעמען איהם איבערצורעדען אויב ער וועט ווערען אריינגעלאָזט צום סולטאַן ביים משפט.

דער מופטי איז געווען זעהר צופרידען און פאַר זיינע אויגען געשריבען צום גובערנאַטאָר ער זאָל ערלויבען דעם "כאַקים גידאָן" (פון יהודה האָט ער איבערגעמאַכט אויף גידאָן) צו זיין ביים משפט.

מיטאָג־צייט האָט מען איהם גערופען אין סולטאַנ׳ס הויף "עסקי סאַריי", אין אדריאנאָפּאָל. יהודה איז דורכגע־פיהרט געוואָרען דורך די יאַניטשאַרען און יעוונובען אין "דיאַאן זאַל" וואו סולטאַן מחמד דער פירטער מיט די ווי־זירען זענען געזעסען. אין צווייטען צימער איז שבתי צבי געשמידט אין קייטען געשטאַנען אַרומגערינגעלט פון סאָל־דאַטען.

אַ דערשראָקענער אויף טויט איז שבתי צבי געשטאַנען און געמורמעלט הייליגע שמות און געהאַלטען אין איין אויפ־הויבען די הענד, גלויבענדיג, אַז די קייטען וועלען צופאַלען אויף שטיקער. די אייזענע קייטען האָבען זיך אָבער ניט דער־שראָקען פאַר די שמות וואָס ער האָט דערמאָנט. ער האָט נישט געקענט איינשטעהן אויף די פיס און געציטערט פאַר מורא.

יהודה האָט דאָך געוואוסט אַז ער קען נישט קיין טערקיש איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט, אַז ער וועט זיין זיין איבערזעצער און ער האָט איהם אָנגעהויבען שרעקען אַז דער סולטאַן וועט איהם פריהער מורא׳דיג פייניגען איידער ער וועט איהם טויטען.

שבתי צבי איז שיער געשטאָרבען פאַר שרעק.

— דו האָסט דאָך אָנגעמאַכט אַ טומעל — האָט יהודה

איהם געזאָגט — האָסט זיך איינגערעדט, אז דו ביסט משיח. אויב דו קענסט בעווייזען א נס איז איצט די צייט. בעווייז א נס און דער סולטאַן וועט דיך אנערקענען פאר משיח און דיר אָנטאָן די קרוין. אויב דו קענסט קיין וואונדער נישט בעווייזען וועט ער דיר אָנטאָן שרעקליכע יסורים און דיך אומברענגען מיט א גרויזאַמען טויט און אלע אידען וועלען זיין אומגליקליך.

— ווי קען איך בעווייזען א נס ? — האָט שבתי צבי געזאָגט צובראָכען — גאָט האָט מיך פערלאָזט. איך רוף די מלאכים און זיי ענטפערן מיר נישט. וואָס זאָל איך טאָן, כ'האָב מיין האָפנונג פארלוירען !

— איך האָב פאר דיר אַן עצה — האָט יהודה געזאָגט — אויב גאָט האָט דיך פערלאָזט, פערלאָז דו איהם ! ווער א מאַכמעדאַנער, וועסטו ראַטעווען דיין לעבען.

שבתי צבי האָט אויפגעשוידערט און ביטער געזיפצט און פערצווייפעלט געזאָגט :

— א שלעכטע עצה, ווי קען איך לייקענען אין גאָט ? וואָס וועלען מענשען זאָגען ?

— וואָס ארט דיך וואָס מענשען וועלען זאָגען ? פון זייערע רייד וועסטו נישט שטארבען, דאָס לעבען איז דאָס טייערסטע. בעסער א לעבעדיגער הונט איידער א טויטער לייב.

שבתי צבי האָט געטראַכט א ווייל און געזאָגט :

— ביזט גערעכט. ווען איך וועל אריין אין דער קליפה וועל איך זי בעזיעגען.

ער האָט אראָפּגעוואָרפען די באַנעטא, דעם אידישען הוט. יהודה האָט געהייסען מען זאָל איהם אָנטאָן א טורבאַן און זיי זענען אריין צום סולטאַן. דער נייער מאַכמעדאַנער שבתי צבי איז צוגעגאַנגען צום סולטאַן און אנידערגעקניהט.

דער סולטאַן האָט געהייסען מען זאָל אראָפּנעמען די קייטען פון איהם און איהם דערלאַנגט זיין שוך ער זאָל א קוש טאָן און געזאָגט :

— איך פערגיב דיר, גלויביגער. פון היינט אָן זאָלסטו הייסען מחמד עפענדי אזוי ווי אונזער נביא, דיין צונאָמען זאָל זיין "קאפיגי באשי אוטראק", וועסט זיין מיין שוועל-

היטער. שטארק זיך אין דיין נייעם גלויבען און איך וועל דיך גוט בעלוינען.

אויפ'ן סולטאנ'ס בעפעהל האט מען איהם אנגעטאן ווי א טערק און איינגעהילט אין א קעניגליכען מאנטעל. ער האט בעקומען א שעהנע וואוינונג אין סולטאן'ס הויף מיט דינער און דינסטען.

מחמד עפענדי האט נישט אפגעלאזט יהודה'ן און איהם מיטגערופען צו זיך אין וואוינונג. אהן חשק איז יהודה מיט־געגאנגען. די דינער האבען געבראכט קאווע און זיס גע־בעקס און יהודה האט געגעסען מיט אפעטיט. ער האט א גאנצען טאג גארנישט געהאט אין מויל.

שבתי צבי האט זיך נישט צוגעריהרט און מיט גרויס אור־מעט געפרעגט:

— וואו איז מיין טייער ווייב שרה?

אויף דער פראגע האט ער נישט בעקומען קיין ענטפער.

ער האט געבעטען יהודה'ן ער זאל אנזאגען זיינע קנעכט אז זיי זאלען אריינלאזען צו איהם אלע אידען וואס וועלען קומען צו איהם.

מאסען אידען זענען געשטאנען אויפ'ן וועג צום פא־לאץ און געהאפט אויפ'ן נס וואס זייער משיח וועט בעוויי־זען. און פלוצלינג האבען זיי דערהערט אז ער האט זיך גע־שמד'ט. עס איז געפאלען א שרעקליכער פחד אויף זיי. א סך האבען געריסען קריעה און זיך אויסגעריסען די האר פון קאפ און געוויינט און געיאמערט. אנדערע האבען איהם גע־שאלטען מיט טויטע קללות. נאר די ווילדע פאנאטיקער הא־בען געוואלט אויסטייטשען זיין שמד אז ער האט דאס גע־טאן צוליעב דער גאולה.

עס איז אויסגעבראכען א מחלוקה צווישען די פאנאטיקער און די ענטוישטע און זיי האבען זיך אנגעהויבען שלאגען ביז מיליטער האט זיי צוטריבען.

יהודה מיט מחמד עפענדי זענען געשטאנען ביים פענס־טער און צוגעקוקט די ווילדע סצענעס. פלוצלינג האט די טיר זיך געעפענט און א פרוי איז אריינגעלאפען וויינענדיג מיט ביטערע טרערען. יהודה האט זי נישט דערקענט. די האר צולאזט, בלאס מיט רויטע געשוואלענע אויגען פון וויינען.

— וואָס האָסטו געטאָן, משומד! — האָט זי געשריגען
— האָסט מיך פערראומגליקט, גאָט זאָל זיך מיט דיר אָפּרעכע־נען פאַר מיין שאַנד!

שבתי צבי איז געוואָרען שרעקליך בלאַס און ציטערדיג געבעטען:

— בערוהיג זיך, שרה טייערע. איך האָב זיך נישט גע'שמד'ט. כ'האָב נאָר געראַטעוועט מיין לעבען. איך האָב עס נאָר געטאָן לפנים. איך בין אָבער אַ געטרייער איד.

— האַלט ס'מויל, דו נאַרישער פּחדן! — האָט די אונ־גליקליכע שרה געשריגען — אַזוי פיהרט זיך אַן עהרליכער איד? האָט מיין הייליגער פאָטער אַזוי געטאָן ווען דער חלף איז איהם געלעגען אויפ'ן האַלז? נאָר שוואַכהערציגע, וויי־ניג־גלויביגע טוען ווי דו האָסט געטאָן. איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דו ביזט משיח. איך האָב זיך אָבער נישט גערעכנט אויף דיר אַזאַ אומגליק. אין איין טאָג האָסטו זיך גע'שמד'ט? אַלע אידען האָבען געקוקט אויף דיר, האָבען דיך פערגעטערט, ביזט געווען זייער גאָט. און ווי גרויס איז איצט דער בראָך! זעה די חרפּה וואָס דו האָסט אונז אָנגע־טאָן! אידען שלאָגען איינס ס'אַנדערע איבער דיר. די סאָל־דאַטען שלאָגען זיי. אַלץ איבער דיר. ווער וועט היילען מיין צובראָכען לעבען? האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ קעניגין און איצט בין איך טיעף אין דער ערד. איצט בין איך אַ לעבעדיגע אַלמנה, עלענט און פאַרשטויסען צו שאַנד און שפּאָט.

— ניין, מיין טייער ווייב — האָט שבתי צבי געזאָגט געריהרט — ביזט נישט קיין עלענטע אַלמנה. וועסט זיין מיט מיר. איך וועל דיר זיין אייביג געטריי.

— שוויינ, משומד! — האָט זי געשטורמט — צוליעב דעם האָב איך איינגעשטעלט ס'לעבען און אַנטלאָפען פון קאַטאָלישען מאָנאַסטיר צו ווערען אַ טערקין? ווי קען איך גלויבען, אַז דו וועסט מיר זיין געטריי, אַז דו האָסט זיך גע'שמד'ט און פערראַטען אונזער גאָט? איך וועל דיר אָנ־שפּייען אַ פול פּנים, משומד! כ'וועל בעסער אויסשטעהן די גרעסטע בזיונות צווישען אידען איידער צו זיין אַ מלכה ביי דיר!

זי האָט אַראָפּגעריסען פון זיך די פּערל און די אוירינ־

גען און די טייערע קליידער, דאָס צירונג געשליידערט אין זיין פּנים און געשריגען:

— נאַ דיר צוריק דאָס וואָס דו האָסט גע'גזל'ט פון דיינע ברידער! אן אָרימע וועל איך בלייבען צווישען מיינע ברי־דער, וועל זיין א דינסט און זיך נישט שמד'ען.

זי האָט ביטער געוויינט. און פּלוצלונג זענען אריין אברהם יכיני מיט שמואל פּרימו'ן און דערזעהענדיג דאָס צירונג אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, האָבען זיי זיך אויס־געצויגען אויף אַלע פיער און אויפגעקליבען.

שמואל פּרימו, א געזונטער מיט א סך פעטס און ברייטע פּלייצעס מיט א ברייטע געלע באָרד און א גרויסען בויך און גרויע כיטרע פוקסען אויגען. אברהם יכיני איז געווען הויך און דאַר, הויט און ביינער, א דין שפּיציג בערדיל מיט אן איינגעפאַלען בייכעל און אַ נאָז ווי א שופר, א גרין פּנים מיט שווארצע שארפע אויגען.

עס איז געווען זעהר קאָמיש ווי די ביידע שווינדלער זע־נען געקראָכען אויף אַלע פיער אויפקלייבען דאָס צירונג און די צושאָטענע פּערעל. אז זיי זענען פארטיג געוואָרען האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט און מען האָט דערקענט אז זיי זענען צוטומעלט פון דעם שמד.

שרה האָט דערזעהן איהר ברודער שמואל פּרימו'ן איז זי ארויפגעפאַלען אויף איהם און געקלאָגט. באַלד האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן און איהם אָפּגעשטופּט מיט עקעל פון זיך און געשריגען:

— אוועק, שווינדלער! פערפיהרער! איהר האָט גע־בראכט דאָס אומגליק, גאָט זאָל אייך בעצאָהלען!

ווי שבתי צבי האָט דערזעהן זיינע נאָהענטסטע ראטגע־בער האָט ער בעקומען מוטה און געשריגען:

— אוי, דו נארישע אידענע! האָסט לאַנגע האָר און א קורצען שכל. ווי קענסטו פערשטעהן אזעלכע סודות? משיח מוז ווערען אויסגעמישט מיט די טערקען. יעקב אבינו האָט געמוזט געהן נאָך מצרים. משה איז געווען ביי פּרעה'ן און אין מדין. אסתר המלכה איז געוואָרען אכשורש'ס ווייב.

דאָס האָט געגעבען קוראַזש דעם שווינדלער אברהם יכיני'ן און ער האָט זיך אָנגערופען, אז זי בייזערט זיך אומ־

זיסט אויף משיח. אזוי מוז זיין ליינט קבלה און זי טאר איהם נישט פערלאזען.

— שוועסטער, דיר איז גרינג צו זאגען, וועסט איהם פערלאזען — האט שמואל פרימו זיך אריינגעמישט — ווייל דו פערשטעהסט נישט די טיעפע סודות וואס זענען פערבונדען מיט דער גאולה. וועסטו איהם פערלאזען, וועסטו מעכב זיין די גאולה...

שבתי צבי'ס אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א ליידענשאפטליך פייער. ער האט זי געבריהט מיט זיינע בליקען. זיינע קעניגליכע קליידער האבען איהם צוגעגעבען פיעל שעהנקייט און די רייד פון קבלה מיט סודות, וואס זי האט נישט פערשטאנען האבען געווירקט אויף איהר קראנקע פאנטאזיע.

א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהר צוועהטאגט הארץ און זי האט ארומגעכאפט שבתי צבי'ן און [illegible] ווילד.

זי איז געבליבען מיט איזום.

יהודית'ן איז געלונגען אראפפיהרען דעם פאלשען משיח פון וועג, דאס פאלק זאל זיך דערווייטערן פון איהם. ער האט אבער געבראכט אויף זיך צרות. ער האט שוין נישט געקענט פערבלייבען אין טערקיי. ער האט דאך נישט געקענט פיהרען זיך ווי א איד נאכדעם ווי ער איז לפנים געווארען א מוסלמאנער.

ער האט בעשלאסען צו פאהרען נאך אמסטערדאם, וואו זיין חבר שמואל רבי מנשה בן ישראל'ס זוהן וועט איהם זיין באהילפיג.

---

באלד צומארגענס נאך שבתי צבי'ס שמד האט דער שווינדלער שמואל פרימו צושיקט בריעף מיט אן ערקלערונג אז דער "קעניג" איז אריין אין דער קליפה און געווארען א טערק. אבער זיין הייליגקייט וועט פערברענען די טומאה. און דאס וואס דער "ערב רב" וועט געפינען א געלעגענהייט אויסצורעדען אויף דעם "צדיק" אלדאסבייז, דארף אונז נישט ארען. נתן האט שוין לאנג געזאגט, אז שבתי צבי וועט אבטאן ווילדע זאכען און די גאנצע וועלט וועט אויפהערען גלוי־

בען אין איהם. דאָס האָט ער אָבער אַלץ געטאָן מיט סודות צו פערניכטען די טומאה.

---

יהודה העלער האָט גלייך פערלאָזט טערקיי און ערב סוכות תכ"ז איז ער אָנגעקומען נאָך בודאפּעסט. ער איז אריינגע־גאַנגען צו דעם בעריהמטען דאָקטאָר ר' זכריה און זיך פאָר־געשטעלט ווער ער איז, האָט איהם דער דאָקטאָר געבעטען ער זאָל האַלטען יום־טוב ביי איהם.

ביינאַכט וועו זיי זענען געזעסען אין סוכה האָט יהודה דערצעהלט וואָס ער האָט איבערגעלעבט און אז ער האָט איצט געמוזט אנטלויפען פון טערקיי, ווייל ער האָט לפנים זיך גע־שמד'ט צו קענען איבעררעדען דעם משוגע'נעם שבתי צבי, וואָס האָט זיך איינגערעדט אז ער איז משיח, ער זאָל זיך שמד'ען און אידען זאָלען פטור ווערען פון א גרויס אומ־גליק.

אינדערפריה האָט יהודה געבעטען ר' זכריה'ן ער זאָל געהן מיט איהם אין דער גרויסער שול, ווייל ער וויל זעהן דעם רב ר' אפרים כהן וועמען ער האָט מיט ניינצעהן יאָהר צוריק אין יאָהר ת"ח געזעהן אין לובלין ביים "ועד ארבע ארצות". דעם רב'ס איידים יעקב אשכנזי, א גרויסער למדן און חסיד איז געווען גבאי פון שוהל. און ער איז געווען שבתי צבי'ס א פאַנאַטישער אנהענגער און גע'רודפ'ט אלעמען וואָס האָ־בען נישט געגלויבט אין דעם פאַלשען משיח.

דער רב האָט אָפּגעגעבען גרויס כבוד יהודה'ן, ווייל ער איז דאָך דעם תוספות יום־טוב'ס זוהן. און זיין איידים דער גבאי האָט איהם מכבד געווען מיט "רביעי" גלייך נאָכ'ן רב. ווען יהודה האָט געמאַכט די צווייטע ברכה האָט דער חזן גע־מאַכט א "מי־שברך" דעם "מלך משיח". דאָס האָט ער גע־טאָן אויף דעם גבאי'ס בעפעהל. יהודה האָט נישט געלאָזט מאַכען דעם "מי שברך" און געשריגען :

— וועמען מאַכט איהר א "מי שברך" ? דער רשע האָט זיך דאָך גע'שמד'ט !

דער גבאי איז געוואָרען שרעקליך בייז און אנגעהויבען שטורמען :

— רשע ! האָסט ווידערשפּעניגט איז מלכות ! דו ליי־

קענסט אין אידישען גאָט ! וועמען האָסטו געלעסטערט ? איך בין מתיר דיין בלוט ! ווער ס'וועט דיך הרג'ענען וועט זיין געבענטשט !

און איידער יהודה האָט געקענט אויסרעדען א וואָרט און דערקלערען דעם אמת, האָט ער פון עמיצען בעקומען מיט'ן שווערען קופּערנעם לייכטער אין הארצען און דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען זעצען פון זיין האלז און ער איז אומ־געפאַלען אָהן אטעם.

ר' זכריה איז אויפגעשפּרונגען און געמאַכט א געוואלד אויף דער רציחה. עס איז אָבער געווען אזא טומעל אז מען האָט איהם נישט געהערט. קיינער האָט נישט געוואָלט צו־געהן איהם העלפען אויפהויבען יהודה'ן. ער האָט איהם מיט די לעצטע קרעפטען ארויסגעטראָגען אין דרויסען און גע־דונגען עטליכע גוים זיי זאָלען איהם אוועקטראָגען אין זיין הויז.

ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס בלוט. אויף עטליכע מינוט איז יהודה צוריק געקומען צום בעוואוסטזיין און ער האָט בעשוואוירען ר' זכריה'ן ער זאָל דאָס לאָזען וויסען זיין חבר שמואל רבי מנשה בן ישראל'ס זוהן אין אמסטערדאם. באַלד האָט ווידער אָנגעהויבען געהן פון איהם בלוט. א גאנצע נאַכט האָט ער זיך געראַנגעלט מיט'ן מלאך המות און מיט'ן טאָג צוגלייך, דעם צווייטען טאָג סוכות איז ער געשטאָרבען.

די ווילדע פאַנאַטיקער האָבען נישט געוואָלט לאָזען בע־גראָבען יהודה'ן אויפ'ן בית עולם נאָר אין דרויסען פון גדר. ר' זכריה איז אויך געוואָרען אומרוהיג, זיי זאָלען זיך נישט נוקם זיין אן איהם, וואָס ער בעקלאָגט אזוי יהודה'ן.

ר' זכריה האָט זיך אָבער נישט גערעכענט דערמיט און שטאַרק געטרויערט אויף יהודה'ן און באַלד מוצאי יום־טוב האָט ער דאָס געלאָזט וויסען שמואל'ן רבי מנשה בן ישראל'ס זוהן.

---

אין אנדערהאלבען יאָהר ארום, ראש חדש אייר, תכ"ח האָבען די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רבנים מיט דעם חכם באשי בראש אוועקגעשיקט צו די דיינים פון ווענעדיג אן ערקלערונג:

וועגען שבתי צבי. די ערקלערונג איז צושפּרייט געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט.

„מיר האָבען באַלד אין אָנהויב געזאָגט", האָבען די רבנים געשריבען, „אַז מען זאָל זיך היטען פאַר דעם פערפיהרער שבתי צבי. איצט נאָך דעם סוף וואָס ער האָט געהאַט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איז שוין אודאי קלאָר ווי מען דאַרף זיך דערוווייטערן פון צו דערמאָנען אַ וואָרט וועגען איהם. נתן פון עזה איז אַ שווינדלער און מיר האָבען איהם אריינגעלייגט אין חרם. זאָלען אונזערע ברידער מעהר זיך נישט בענאַרישען און גלויבען אין פערפיהרער. זאָלען זיי אָפּהיטען די תורה. דער עיקר קיינער זאָל מעהר נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון פערפיהרער. און דער וואָס וועט עובר זיין אויף דעם איז ער אַ מורד אין דער תורה און אין מלכות און מען מוז איהם בעשטראָפען ביז ער וועט ווערען אונטערטעניג און טאָן תשובה אויף אַן אמת".

---

די מגלה האָט געשריבען שמואל רבי מנשה בן ישראל'ס זוהן, וואָס האָט געשטאַמט פון מלכות בית דוד, און ער האָט זי איבערגעלאָזט פאַר זיין פאַמיליע אויף דור דורות און ער האָט צוגעשריבען די דאָזיגע ווערטער:

אין מיין יוגענד בין איך שוין געוועזן נע־ונד, געפאָהרען אין פרעמדע, ווייטע לענדער. מיט מיין ווילען און קעגען מיין ווילען האָב איך געוואַנדערט אויף דער וועלט. איך האָב איבערגעלעבט שרעקליכע און שוידערליכע פּאַסירונגען, גרויסע צרות פון יחיד און פון כלל. און די איינציגע האָפנונג פטור צו ווערען פון די צרות איז אויף גאָט אַליין. גאָט זאָל זיך מרחם זיין און שיקען דעם אמת'ן גואל, משיח בן דוד און אויסלייזען זיין פאָלק ישראל פון גלות. אוי, ווי שווער איז דער גלות! ווי גרויס זענען די יסורים!

מיר האָבען געהאַט אַ פאַלשע האָפנונג. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל געוואָרען אָפּגענאַרט פון די פאַלשע משיחים. אָבער אונזער האָפנונג איז אַלץ פעסט און שטאַרק, אַז דער אויבערשטער וועט שיקען דעם ריכטיגען גואל, דעם אמת'ן אויסלייזער, דעם משיח בן דוד, וואָס וועט אויפקלייבען די צו־

זייטן און צושפרייטע און די אומקערען אהיים אין לאנד פון
די [illegible]

דאס זענען די רייד פון שמואל
רבי מנשה בן ישראל'ס זוהן,
פון דער פאמיליע אברבנאל,
**פון מלכות בית דוד.**

# די פראנצויזישע רעוואָלוציע

די ערגסטע אידישע שונאים זענען געווען אין דייטשלאנד, און די פערביסענסטע שונאי ישראל אין דייטשלאנד זענען געווען די עלזאסער. אָפט האבען זיי רויט געמאכט דעם רהיין און מייזעל פון אידישען בלוט וואס זיי האבען פערגאָסען.

אפילו נאכדעם ווען עלזאס איז אריבער צו פראנקרייך האבען די עלזאסער וועלף נישט געביטען זייער פעל און געבליבען די זעלבע פינסטערע אידען פערפאָלגער ווי אונטער דייטשלאנד.

די אידען האבען געמוזט לעבען איינגעשלאָסען אין געטאָ און צאָהלען שווערע צינזען. א איד האט נישט געטאָרט פערלאָזען זיין אָרט אָהן אן ערלויבניש און האט נישט געטאָרט קומען אין ערגיץ אָהן אן ערלויבניש.

דייטשלאנד איז צוטיילט אויף א סך מדינות. אומעטום איז דאָ א פירשט, א הערשער און איטליכער הערשער דריקט און שטיקט די אידען. א פירשט פון א מדינה'לע אזוי גרויס ווי טל ומטר אין א קליין סידור'ל איז געווען גרויס אין אידענפיינדשאפט ווי המן אין זיין צייט.

טאָמער איז א איד געקומען אויף אזא אָרט און נישט בעצאָהלט דעם לייב אָפּצאָהל, איז די קהלה בעשטראפט געוואָרען. דעריבער האבען די אידישע קהלות אוועקגעשטעלט וועכטער ביים טויער פון שטאָדט און געהיט די אידען געסט זאָלען זיך נישט ארויסדרעהען פון לייב אָפּצאָהל.

דאָרט וואו מען ערלויבט שוין דעם אידען אריינצוקומען הימ מען זיינע טריט. בייטאָג ציטערן די גוים ער זאָל נישט גנב'ענען א קריסטליך קינד אדער אריינטאָן גיפט אין די ברונימער און ביינאכט האבען זיי מורא, ער זאל זיי נישט אפטאן א כישוף.

אויסער דעם זענען דאָ פיעל געגענדען וואו א איד טאָר זיך נישט בעוויזען. אזוי ווילד און פינסטער זענען די דייטשען און די פינסטערסטע זענען די עלזאסער.

דער ריכטער מארטין העל, א שרעקליכער אידענפיינד, האט אנגעשריבען ביטערע אויפרופען קעגען אידען און עפענטליך געפּרעדיגט צו פערטיליגען די אידען און נישט איבערלאָזען קיינעם לעבעדיג.

דאס פעבעל איז געוואָרען צורייצט און א פּחד איז געפאלען אויף די עלזאסער קהלות, האבען זיי בעשלאָסען צו ווענדען זיך צום פראנצויזישען קעניג לודוויג דער זעכצעהנטער און בעטען שוץ.

די ביטע האָבען געשריבען משה דעסויער און דער אידענפריינד כריסטיאן ווילהעלם דאָהם. זיי האָבען אויך אָנגעשריבען אַ בוך ווי אזוי אָפּצושאפען די אידישע צרות און צו געבען זיי גלייכבערעכטיגונג. דאָס בוך האָט גע'חתמ'עט דאהם אליין, מען זאל נישט זאגען אז דער איד משה מענדעלסאָן פאָדערט אידישע רעכט און מען דארף זיך נישט צוהערען צו זיינע רייד.

דאס בוך האט געמאכט א שטורם אין דייטשלאנד. א סך זענען ארויסגעטראָטען פאר דעם פּלאַן און נאכמעהר אקעגען. די אידען זענען אבער אלץ נישט געהאָלפען געוואָרען.

האט משה ענסהיים, פון ענזעסהיים, עלזאס, בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך בערלין און זעהן וואס מען קען דאָרט אויפטאָן פאר אידישער גלייכבערעכטיגונג.

משה ענסהיים שטאמט פון גרעסטען אידישען יחוס. ער קומט ארויס פון ר' אליעזר פון מעץ, דער בעל תוספות, דעם רבנו תם'ס תלמיד און פון שמואל, ר' מנשה בן ישראל'ס זוהן, פון דער אברבנאל משפחהה וואס שטאמט פון מלכות בית דוד.

משה'ס פעטער ר' יהודה אברבנאל האט נישט געוואָלט בלייבען אין דייטשלאנד און ליידען פון די שונאי ישראל איז ער אוועק נאָך מאראקא און דארט געוואָרען רב.

משה'ס פאטער, ר' מאיר, האט זיך בעזעצט אין ענזעסהיים, און משה האָט, לויט דעם געזעץ, נישט געטאָרט חתונה האָבען ביי זיין פאטער'ס לעבען. די דייטשען האָבען נישט גע־

וואָלט אז די אידען זאָלען זיך פערמעהרען איז אומעטום גע־וועז א געזעץ אז א איד טאָר נישט נעמען קיין פרוי כל זמן זיין פאטער לעבט.

ווען משה האט בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך בערלין האט ער אבער קיין רעכט נישט געהאט דאָרט צו וואוינען. משה מענדעלסאָן איז איהם געקומען צו הילף און איהם בעשטימט פאר זיין הויז לעהרער, וואס דאס ערלויבט איהם צו וואוינען אין בערלין. און משה האט זיך אוועקגעלאָזט נאָך בערלין.

ווען משה איז געקומען נאָך בערלין האט מען איהם פער־האלטען אין "הקדש", די פאָליציי האט געמאכט אן אויס־פאָרשונג צי ס'איז אמת וואָס ער זאָגט און ער איז פער־בליבען מיט אלע אָנגעפאָהרענע, וואס האבען געווארט אויף דער ערלויבניש מען זאל זיי אריינלאָזען אין שטאָדט.

א גאנצען טאָג האבען זיי פערבראכט אין "הקדש". פאר־נאכט איז געקומען דער אידישער בעאמטער, דער סעקרעטער פון קהל מיט א ליכטע נעמען פון אנגעפאָהרענע וואס מעגען אריינפאָהרען און אנדערע וואס טאָרען נישט.

דער בעאמטער האט פאָרגעלייענט:

עס מעגען אריינפאָהרען: דער שדכן לייבעל פרישוויילער, וואָס קומט צום פרנס דניאל יפה איציג; דאָס מיידעלע צביה ענהיים, וואס איהר פאטער איז געשטאָרבען אין הקדש און נפתלי קאָכלעפעל אדאָפטירט זי פאר אן אייגען קינד.

אן אלטע אידענע וואס קומט אָפט אין הקדש און העלפט די קראנקע האט איבערגעשלאָגען דאָס לייענען און געזאָגט:

— דער אייבערשטער זאל בעצאָהלען נפתלי'ן פאר זיין גוט הארץ!

— אמן!—האבען אלע נאָכגעזאגט.

דאס יונגעל יוסף אנשפאך, א וועבער אין דוד סיימאנס פאבריק; דער בחור משה ענסהיים, משה דעסויער'ס הויז־לעהרער.

עס טאָרען נישט אריינקומען—האט דער בעאמטער גע־לייענט ווייטער—דער מדינה־געהער שמעיה פון שטאלאפין. און איידער ער האט נאָך געקענט איבערלייענען נאָך א נאָמען האט שמעיה געמאכט א גוואלד און אנגעהויבען שילטען די פרנסים מיט טויטע קללות.

שמעיה קבצן איז געווען א פערציגער, הויך, פעט און ברייט פלייציג מיט א פול פנים, רויט און געזונד, טונקעל גרויע אויגען און רויטליכע ברעמען. א לאנגע גראָבע קאַר־טאָפעל נאָז מיט א בלויען שפיץ. א געלע באָרד און א געלען קאָפ געמישט גרוי, אין לינקען אויער האט ער געהאט א רינ־געל, א צייכען אז ער איז געווען א בן יחיד, א געצערטעלטער ביי זיינע עלטערן.

גראָבע געלאַטעטע שיך מיט א מאָדנעם גלאַנץ האט ער געטראגען אויף זיינע משונה׳דיגע גרויסע פיס, שווארצע וואָלענע הויזען מיט א סאָלדאטסקען פאסעק פעסט צוגעצוי־גען. אויפ׳ן לאנגען ארבע כנפות האָט ער געטראָגען א קאַ־מעזעלקע ביז איבער די קניה מיט אפגעזילבערטע קנעפ און א לאנגע קאפאָטע פול לאַטעס ביז צו דער ערד.

— ווער זענען די פרנסים—האט ער געשריגען מיט זיין לייבען־קויל—וואס זיי מאכען גזרות? פייטעל אפרים דער שווינדלער? אָדער דניאל איציג וואס איז אָהן א גראָשען געקומען נאָך בערלין און פון פראָצענט געוואָרען אן עושר און א פרנס? וואס איז דאס יחוס מיט דניאל׳ן? וואס ער האט אן אייִדים פרידלענדער אן אפיקורס? אדער וואס זיינע טעכ־טער זענען חצופות און טאַנצען מיט שקצים? זיי זענען די ראשי הקהל? זאל א רוח אין זייער טאַטענס טאַטען! זאָלען זיי קומען אויף מיין ברויט וועלען זיי וויסען ווי צו מאכען גזרות אויף אָרימע לייט! איך, א קינד פון יחוס, אן אייניקעל פון א צדיק, זאָגען זיי, טאָר נישט אריינפאָהרען אין שטאָדט! מיט עטליכע יאהר צוריק האבען זיי נישט געוואָלט אריינ־לאָזען מיין חבר ר׳ שלמה מימון, א פוילישער יונגער מאַן, וואָס איז מיט מיר אינאיינעם געגאנגען איבער די הייזער. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען אז שלמה איז א גאון און דער פויזנער רב רב הירש חריף האָט איהם געטראָגען אויף די הענד.

דער שמש האט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיינע גע־שרייען און בעפוילען צוויי פאָליציאַנטען, זיי זאָלען רעווידי־רען זיין זאק און זעהען צי ער האָט נישט עפעס צונע׳גנב׳עט. זיי האָבען געעפענט די גרויסע טאָרבע און ארויסגענומען צוויי אַלטע חלות, רעטיך, כריין, ציבעלעס, קנאָבעל און

פעפער און גאָר פון אונטען צוויי זילבערנע לעפעל מיט'ן שטעמפעל פון הקדש.

— ווי קומען צו דיר די לעפעל?—האט דער שמש גע־פרעגט מיט כעס.

— דו קנעכט דו, ס'איז נישט דיין עסק!—האט שמעיה געענטפערט חוצפה'דיג — גאָט האָט מיר בעשערט א מציאה, און האב עס געקויפט זעהר ביליג.

—די לעפעל זענען דאָך פון הקדש, גנב, זיי מודה! אויב נישט וועט מע דיך איבערגעבען צום געריכט. מען וועט דיך שמייסען און פערטרייבען פון דאנען און וועסט זיך מעהר נישט טאָרען דאָ בעווייזען.

איך האב עס געטאָן פון גאָט'ס וועגען—האט שמעיה געזאָגט — די אויפזעהערין פון הקדש איז א חצופה, זי געהט נישט קיין טיכעל אויפ'ן קאָפ, ווי א כשר'ע אידישע טאָכ־טער. האב איך געטראכט אז איך וועל זיך נוקם זיין אן איהר. זי איז דאָך פעראנטווארטליך פאר די לעפעל, וועל איך זיי צונעמען און זי וועט מוזען בצאָהלען פאר זיי. אזא חצופה מוז דאָך ווערען בעשטראפט!

דער שמש האט צוגענומען די לעפעל און ארויסגעוואָרפען דעם קבצן.

אין די דייטשע געזעצען קעגען אידען זענען פאראן די דאָ־זיגע צוויי: פרעמדע אידען טאָרען נישט פערבלייבען אין שטאָדט מעהר פון פיער און צוואנציג שעה. אויב זיי בליי־בען לענגער מוזען זיי פאר יעדען טאָג בעצאָהלען א גאָלדע־נעם טאלער שטראף. די פרנסים מוזען אכטונג געבען אויף דעם. אויב נישט פערלירען זיי זייער וואוינרעכט.

נייע פאמיליעס אדער נייע בעדינטע ווערען אריינגעלאָ־זען נאָר אין פאל ווען א פאמיליע אדער א משרת שטאָרבט. אלע דריי מאָנאטען מוזען די פרנסים דערלאנגען א פינקטלי־כע רשימה פון די אידישע איינוואוינער צו דער רעגירונג.

איבער דעם לייב אָפּצאָהל וואס איטליכער אנגעפאָהרענער איד האָט געמוזט בעצאָהלען און די סכנה פון די וואס וועלען בעהאלטענערהייד זיך אויפהאלטען אין שטאָדט, האָט מען געמוזט מאכען א הויז ביים טויער פון שטאָדט, צו בעקו־קען די ערלויבנישען פון די רייזענדע אידען, צו נעמען דעם

לייב־אַבּצאָהל און בעטראַכטען איטליכען צי ער איז אַן אָרענטליכער.

דאס הויז האט מען גערופען "הקדש", ווייל דאס איז גע־בויט געוואָרען פון צדקה, און דארט האבען זיך אויפגעהאל־טען ארימע, קראנקע און היימלאָזע.

כמעט יעדע שטאָדט אין דייטשלאַנד האט געהאט אזא הקדש, אבער דאס בערלינער הקדש לעבען פרענצלויער טויער איז גרעסער ווי אומעטום, ווייל מאסען אידען ציהען נאָך בערלין.

משה האט דארט געטראָפען א רב און צוויי מלמדים פון פוילען, דאס לאַנד וואס שטעלט צו רבנים, מלמדים און אנ־דערע כלי קודש פאר דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד האָט מען אויפגעהערט לערנען איבער די גרויסע צרות, דערפאר מוזען די אידישע קהלות פון דייטשלאַנד אנקומען צו פוילען וואו מען זיצט און מען איז עוסק בתורה אויפ׳ן גרויסען שטייגער.

ער האט דארט געטראָפען א חזן פון בעהמען וואס איז געקומען אננעמען א שטעלע און דערווייל אונטערגעברומט א "ושמרו". דערווייל האט אין דער ווייבערישער אפטיילונג א פרוי געמאכט קולות, זי איז געגאנגען צו קינד.

לעבען טיש איז געזעסען א שעהנער זקן און אריינגעקוקט אין א ביכעל מיט נעמען. ער איז א בעקאַנטער שדכן. נישט ווייט פון איהם שטעהט א אידענע אין די מיטעלע יאָהרען, שווארץ און מיאוס מיט צוויי קינדער ביים פארטוך. זי קומט פון מזרח דייטשלאַנד, זי האָט חתונה געהאַט מיט א מלמד פון פוילען און נאכדעם ווי ער האָט געוואוינט מיט איהר עטליכע יאָהר איז ער פערשוואונדען. זי איז איצט אַן עגונה און זי זוכט איהם.

לעבען זיי שטעהט א משוגע׳נער אָנגעבונדען צים בעט און ער שרייט מיט בענומענע קולות, מען זאָל איהם לאָזען פליהען צו דער לבנה אויסזוכען אַן אָרט פאר די אידען. ער וועט אונטערצינדען די הייזער פון די אידען וואס וועלען נישט וועלען פערלאָזען דעם גלות און פליהען צו דער לבנה.

אין א ווינקעל זענען געזעסען אויף די פעקלעך פינף שעהנע אידישע מיידלעך, אָרימע יתומות פון דרום דייטש־

לאנד וואס זענען געקומען דינען אין די אידישע רייכע הייזער אין בערלין.

יעדע פון זיי האפט אז זי וועט געפינען מזל און א רייכער מאן וועט מיט איהר חתונה האבען און זי מאכען פאר א דאמע. די האפנונג איז נישט געווען א פוסטע. א סך רייכע דאמען זיינען טאקי געווען פריהער דינסטען.

אין הקדש איז געווען גרויס ענגשאפט און שמוץ. דערטומעל און געשרייען האבען געשפאלטען דעם מוח און דאריבער איז דאס ווארט הקדש געווארען א שרעקליך ווארט ביי אידען.

ווי משה האט דערהערט אז מען ערלויבט איהם אריינצופאהרען האט ער גלייך בעצאהלט דעם לייב אפצאהל און געדונגען א טרעגער, וואס זאל אוועקטראגען זיינע זאכען אין א אידישע אכסניה.

עס איז דארט געווען א צוועלף יעהריג מיידעל, א שעהן קינד, וואס איז ערשט אנגעקומען מיט איהר קראנקען פאטער און איידער דער דאקטאר איז געקומען איז איהר פאטער געשטארבען. דאס מיידעל האט שטארק געוויינט און משה האט איהר געגעבען אביסעל געלד, איידער ער איז ארויס פון הקדש.

---

עס איז געווען פריהלינג, ענדע אייר. עס איז געווען שטאק פינסטער און די לאמטערן אין גאס האבען קוים בעלויכטעט די פינסטערניש. אין דער אידענגאס האט משה גענומען א צימער און אז ער האט זיך ארומגעוואשען און איבערגעטאן איז ער אוועק אויף שפאנדוי גאס, נומער 68, וואו משה דעסויער האט געוואוינט.

ער האט אנגעקלונגען. די דינסט האט געעפענט די טיהר און איהם אריינגעפיהרט אין מענדעלסאן'ס ארבייטס צימער. א גרויס צימער, איינפאך מעבלירט. א קליין ספר'ל איז געלעגען אויפ'ן רונדען טיש, און אויף אן אויסגעבעטען שטוהל אפגעריבען פון זיצען איז געזעסען מענדעלסאן.

משה מענדעלסאן, א קליינער מיט א הויקער, דאר, מיט א בלייך קרענקליך פנים צוקנייטשט ווי ביי אן אלטען מאן. נאר זיין קאפ איז וואונדער שעהן. ווי א גריכישער פילאזאף.

זיין מויל איז פול חן און ליעבליך־הארציג. און זיינע אויגען ברענען מיט ליעבע און איבערגעבענהייט. זיין אויסטערליש הויכער שטערן מיט׳ן שווארצען קאפ האר און לאקען איז דורכגעוואָרפען גרוי. זיין באָרד איז ארומגעצוויקט מיט א שער, גרייכט נאָר ביז דער ברוסט. ער געהט אָנגעטאָן זעהר ריין מיט א ווייסען קאלנער צום העמד און א ברייטע קאמזעל מיט צוויי רייהען גרויסע קנעפ פערשפילעט ביז׳ן האלז. אויף דעם געהט ער אָנגעטאָן א לייכטען ברייטען שווארצען ראָק, וואס פערדעקט זיין הויקער.

ווענגען זיין הויקער און זיין חתונה דערצעהלט מען אן אינ־טערעסאנטע געשיכטע.

אין יאָהר תקכ״א איז דאס געווען. משה מענדעלסאָן איז געווען שטארק בעריהמט. לעסינג האט איהם שוין געהאט ארייגעפיהרט אין די הויכע געלערנטע קרייזען פון בערלין. ער האט שוין געהאט געדרוקט פילאָזאָפישע ביכער. און כאָטש ער האט געשטאמעלט האט ער אבער מיט זיינע קלוגע רייד געוואונען די הערצער פון די יונגע פרויען און א סך בערלינער גבירים האבען איהם געוואלט נעמען פאר אן איידים.

אבער ער האט זיך נישט געאיילט. ער האט שטארק גע־זוכט א מיידעל וואס זאָל איהם זיין צום הארצען. אז ער איז שוין געווען צוויי און דרייסיג יאָהר האט ער געפונען אזא מיידעל אין האמבורג, דעם סוחר אברהם גוגענהיים׳ס טאָכ־טער פרומעט.

ער האט זיך געטראָפען מיט אברהם גוגענהיים׳ען אין א קוראָרט. גוגענהיים האט איהם דערצעהלט אז ער האט זעה־ א געראָטענע טאָכטער, וואס האט געלייענט זיינע ווערק און זי האלט פון איהם א וועלט. אויב ער וואָלט געוואלט ווערען זיין איידעם, וואָלט ער געווען דער גליקליכסטער.

משה מענדעלסאָן האט גענומען זיין אדרעס און בעשלאָ־ סען פאָהרען נאָך האמבורג זעהן פרומעט׳ן. אברהם גוגענהיים האט זיך שטארק דערפרעהט ווען משה מענדעלסאָן איז אריין צו איהם און איהם פאָרגעשטעלט פאר זיין טאָכטער. ווי זי האט אבער דערזעהן זיין הויקער האט זי זיך אוועקגעדרעהט און איהם מעהר נישט געוואָלט זעהן.

מענדעלסאָן איז אָבער פערכאַפּט געוואָרען פון איהר שעהנקייט און תמימות'דיגקייט און ער האָט זיך פערליעבט אין איהר. צומאָרגענס האָט ער געבעטען איהר פאָטער, ער זאָל פועל'ן ביי איהר זי זאָל איהם זעהן פאר'ן פאָהרען. ער וויל זיך געזעגענען מיט איהר.

ער איז אריין אין איהר צימער און זי געטראָפען זיצען ביים פענסטער און אויסנייהען. ער האָט זיך צורעדט מיט איהר און זי האָט געהאַט גרויס הנאה פון זיינע רייד. פּלוצלינג האָט ער זי געפרעגט:

— איהר גלויבט אז אַ זיווג איז פון הימעל?

— אודאי גלויב איך. כ'האָב דאָס געלייענט אין די הייליגע ספרים — האָט פרומעט געענטפערט.

— אויב אזוי וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה וואָס איז געשעהן איידער איהר זענט בעשאַפען געוואָרען. עס איז דעמאָלט ארויס אַ בת־קול אז איהר זענט מיין זיווג. און אז איהר וועט האָבען אַ גרויסען הויקער. ווען מיין נשמה האָט דאָס דערהערט האָט זי געהאַט רחמנות אויף אייך און געפּאַלען פאר'ן רבונו של עולם און געבעטען מיט טרערען:

— רבונו של עולם! איך וויל בעסער האָבען דעם הויקער! אַ פרוי מיט אַ הויקער האָט אַ ביטער לעבען. איך וועל בעסער האָבען דעם הויקער אנשטאַט איהר. מיר, אַ מאַן, וועט זיין גרינגער צו טראָגען אַ הויקער.

גאָט האָט צוגעהערט מיין געבעט און דערפילט מיין בקשה. דעם הויקער וואָס איהר זעהט אויף מיין רוקען האָב איך אָפּגעבעטען ביי גאָט איהר זאָלט איהם נישט האָבען.

פרומעט איז געוואָרען שטארק גערירט און מיט טרערען האָט זי געשוואוירען אז זי וועט איהם ליעבען און זיין געטריי איהר גאַנץ לעבען. אינגיכען האָבען זיי חתונה געהאַט.

---

משה עגסהיים האָט איהם איבערגעגעבען אַ בריעף פון בעריהמטע אידען אין עלזאַס און ער האָט איהם אויפגענומען פריינדליך. משה האָט איהם דערצעהלט אז ער נויטיגט זיך נישט אין קיין שטיצע. ער האָט גענוג אויף זיין געברויך. ער איז גיכער געקומען אליין זיך לערנען איידער לערנען מיט

אנדערע. ער האָפט אז ער וועט געלערנטערהייט קענען זיין צו הילף זיין פאָלק.

מענדעלסאָן איז געווען גאָר צופרידען און האָט איהם געהייסען קומען מאָרגען, וועט ער איהם פאָרשטעלען פאר זיין הויזגעזינד און וויזען וואָס ער זאָל לערנען מיט זיינע קינדער און ער וועט מיט איהם אויך לערנען.

---

צומאָרגענס. משה ענסהיים איז געזעסען אין זיין צימער און געוואַרט דער זייגער זאָל געהן גיכער, ער זאָל שוין קענען זיין ביי מענדעלסאָנען, האָט מען אָנגעקלאפט אין טיר. ער האָט געעפענט די טיר און ער האָט דערזעהן א איד, עט־ליכע דרייסיג יאָהר אַלט שטעהט און וואַרט. א הויכער, ברייטביינינגער, שלאַנקער מאַן מיט א געקרייזעלטען קאָפּ האָר און געל בערדיל. די אויגען אומעטיגע מיט פערלאַכטונג צו דער וועלט, א קרומע נאָז זי א שופר און זשוואַווע און ריהרעוודיג, קענטיג א פוילישער איד, וואָס האָט טאָג און נאַכט געקנייטשט זיך איבער דער גמרא און איצט לעבט ער פון ווינד.

— שלום עליכם! — האָט דער מאַן געזאָגט אין זיין פוילישער אויסשפּראַך און איהם דערלאַנגט די האַנד.

אומצופרידען האָט משה איהם דערלאַנגט די האַנד, נישט וויסענדיג ווער ער איז און וואָס ער וויל פון איהם.

— איך בין נפתלי קאַכלעפעל — האָט דער מאַן זיך פאָרגעשטעלט — איך בעט אויף אידישע שמחות און בין א בדחן און דערפרעה אידישע הערצער אויף חתונות.

— דער נאָמען איז מיר נישט ברעמד — האָט געזאָגט משה — אויב כ׳מאַך נישט קיין טעות, האָט איהר צוגענומען די יתומה פון הקדש.

— יאָ. — האָט נפתלי געזאָגט מיט א ליכטיגע מינע — איך וועל זי אָבער נישט קענען האַלטען. איך וועל געפינען פאר איהר אן ארנטליכע פאַמיליע אָהן קינדער, וואָס וועלען זי האַלטען ווי אן אייגען קינד. זי איז די טאָכטער פון רב פון מיין שטאָדט, פון עהנהיים אין עלזאַס. דער פאָטער איז געשטאָרבען איידער דער דאָקטאָר איז געקומען, איז דאָס

קינד געבליבען ווי אויפ'ן וואסער, האב איך זי גענומען אויף מיין אחריות. איצט זוך איך פאר איהר א גוטע היים.

— ווי עס זאל נישט זיין האט איהר געטאן א גוטע זאך — האט משה געזאגט — איך ווינש אייך אלדאסגוטס דערפאר.

— איך בין נישט געקומען איהר זאלט מיר ווינשען — האט נפתלי איהם איבערגעשלאגען — כ'בין נאר געקומען אייך לאזען וויסען אז נישט אומזיסט איז מיין נאמען קאבלעפעל. איך בין אומעטום. וואו א חתונה, א ברית, א סיום, א סעודה דארט בין איך. איך קען אלעמען און אלע קענען מיך. איך מיש זיך אומעטום ווי א קאכלעפעל. איהר זענט מיר געפעלען, ווייל איהר האט נעכטען געגעבען געלד דער ארימער יתומה. אזוי ווי איהר זענט דא פרעמד און ווילט דאך וויסען וואס דא טוט זיך, בין איך געקומען אייך אלין זאגען. פרעגט וואס איהר ווילט. וואויל איז אייך וואס איהר זענט אנגעקומען אין מענדעלסאנ'ס הויז, ער איז א זעלטענער מענש מיט א גאלדען הארץ. אבער יעדע רויז האט דערנער, היט זיך פאר די דערנער!

משה האט עפּיס געוואלט זאגען, נאר קאכלעפעל האט איהם נישט געלאָזט עפענען ס'מויל און ווייטער גערעדט:

— דער גרויסער פילאזאף און דענקער איז אבער זעהר נאאיוו און ער קען נישט די מענשען וואס רינגלען איהם ארום. ער איז אן עהרליכער איד און זיינע לייט זענען אויסגעלאסען, בעלי עברה'ניקעס און מאכען זיין נאמען צו שאנד און שפאט. ער האט געהאט א לעהרער פאר זיין עלטסטען זוהן יוסף, וואס האט אראפגעפיהרט זיין קינד פון אידישען וועג. מענ־עלסאן וויים נישט דערפון. אזוי וויים ער אויך נישט, אז זיין עלטסטע טאכטער בריינדעל, וואס ער האט געלאזט ארומגעהן מיט די גוים איז אוועק פון אידישען שורש און זי האסט איהר מאן שמעון פייט, זי קען איהם נישט אנקוקען, ווייל ער קען נישט פראנצעזען ווי די שקצים. זיינע יונגערע טעכטער זענען אויך פערדארבען ווי בריינדיל און אזוי אלע רייכע מיידלעך, וואס פיהרען זיך ארום מיט גוים, לייענען אויסגעלאסענע פראנצויזישע ראמאנען און פון אידישקייט ווייסען זיי גארנישט. דערפאר

האלטען זיי די זיהן אפגעריסען פון דער לעבעדיגער וועלט. גיבען זיי קיין בילדונג נישט. און אז אזא בחור האט חתונה מיט א געבילדעטע מיידעל, וויל איהם דאס ווייב נישט אנ־קוקען.

— נעמען מיר, למשל, פייטעל אפרים'ס טאכטער — — האט קאבלעפעל ווייטער גערעדט — זי איז שעהן און קלוג און געבילדעט און איהר אידישער נאמען שטעהט איהר שוין נישט אן, זי האט זיך א נאמען געגעבען אדעלא, ווי א שיקסע. איהר פאטער איז א פרנס. און פערפאלגט איטליכען וואס ריהרט צו א שער צו זיין בארד און זיין טאכטער ליעבט זיך מיט אזוי פיעל און ווער וויים, וואו זי וועט פערקריכען? אזוי זענען זיי אלע. מענדעלסאן וויים גארנישט וואס עס טוט זיך ארום איהם. שלמה מיימון, מיין לאנדסמאן פער־שאפט איהם אויך געגנוג חרפה. איך זאג אייך דאס, איהר זאלט זיך היטען פאר זיי. א גוטען טאג!

ער איז גלייך אוועק. משה איז געבליבען צוטומעלט און ער האט געגלויבט נפתלי'ן, וויסענדיג פון זיין נעכטיגע־טאט אז ער איז א גוטער מענש.

---

זעקס פארנאכט איז משה אוועק צו מענדעלסאנען. ער איז פארגעשטעלט געווארען פאר'ן הויזגעזינד. בריינדעל מיט איהר מאן שמעון פייט, רעכעל און הענע די יונגערע טעכטער און זיינע דריי זיהן יוסף, אברהם און נתן, א פיער־יעהריגער וועמען אלע האבען גערופען "נתן דער חכם".

מענדעלסאן האט איהם געזאגט, אויב ער וויל זיין זיין הויזלעהרער זאל ער מיט אברהם'ן לערנען חומש און מיט נתן'ען אנהויבען אלף־בית. און אויב ער וויל לערנען ביי איהם זאל ער קומען גאנץ פריה, וועט ער צוזאמען מיט זיין הויז־געזינד הערען זיינע לעקציעס אין פילאזאפיע.

פרומעט, די בעל־הבית'טע, איז געווען אן אמת אידישע פרוי אין איהר גאנג און פיהרונג. א קליינע און דארע מיט א שייטעל אויפ'ן קאפ, בלויע עהרליכע, קלוגע און גוטע אוי־גען, אמת אידישער חן אין פנים וואס האט אנגעהויבען איינ־שרומפען.

בריינדעל, די אויסגעגעבענע טאכטער, איז געווען זיבע־

צעהן יאָהר אַלט. הויך און פול, מיט גרויסע הענד און פיס און גראָבע ליידענשאַפטליכע ליפּען, א פליישיגע צורה. אָבער איהרע שוואַרצע האָר זענען געווען זעלטען שעהן ווי טייערער וויכער זייד און איהרע אויגען זענען געווען פול צויבער, דער זעלבער צויבער פון פאָטער'ס אויגען. א ליעבע וואַרימקייט פליסט פון זיי און אָפּט שפּריצען זיי פייער. נאָר די עלטערן האָבען זי גערופען ברײנדיל. אַלע איבריגע האָבען זי גערופען דאראטעא.

די צווייטע טאָכטער, די עלטערן האָבען זי גערופען רחל און אַלע — רעקא, איז געווען שענער, צו איהרע פופצעהן יאָהר האָט זי געהאַט שכל פון פופציג און א צונג געשליפען מיט שאַרפען וויץ.

די דריטע, הענע, הענריעטא, איז געווען קליין און חויקערדיג ווי דער פאָטער, נאָר איהר פערשטאַנד האָט פערדעקט איהר מום. דער עלטסטער זוהן יוסף איז געווען א שעהנער יונג מיט א שטאַרקען כאראַקטער און זעהר פעהיג.

דאָס גלעקיל האָט געקלונגען און עס זענען אריינגעקומען געסט, קריסטען צווישען זיי, דער שטאַאַטסראַט פאָן דאהם וואָס שטעלט זיך איין פאַר אידען. מענדעלסאָן האָט זיי אויפגענומען און מען האָט דערלאַנגט כיבוד און רעקא האָט זיך געוויצעלט און געפרעגט דער מוטער צי זי האָט איבערגעצעהלט די נים וואָס זי האָט דערלאַנגט צום טיש ?

דאָס גלעקיל האָט ווידער געקלונגען און א פרישע גרופּע איז אריין, צווישען זיי מיימון. ברײנדעל האָט געגעבען א געשריי :

— מאַמע ! אן אומגליק ! ער וועט אַלץ אויפעסען !

נאָר אז זי האָט געזעהן ווי די מוטער איז ברוגז וואָס זיי דערמאָנען איהר שפּאַרזאַמקייט, איז זי צוגעשפּרונגען צו איהר און זי געקושט אין פּנים און די הענד און געזאָגט :

— מיין טייערע, גוטע, ליעבע מאַמע !

זיי האָבען גערעדט וועגען דעם בעריהמטען דיכטער געטע און געמאַכט ס'געשפּעט פון מיימונ'ען.

באַלד איז אריין א וואונדער שעהנע פרוי און זיך ארומגעכאַפּט מיט אַלעמען. מענדעלסאָנ'ס טעכטער האָבען געזאָגט וויצען איבער אידישע באַנקירען און דאָס האָט פער-

דראָסען משה'ן, וואָס אידישע טעכטער זאָלען לאָכען פון אידען און ער האָט זיך ארייננעמישט מיט אַ שאַרף וואָרט.
זיי האָבען איהם פאָרגעשטעלט פאר דער שעהנער דאמע



משה מענדעלסאָן

און געזאָגט, אז ער איז דער נייער הויז־לעהרער. און די דאַ־מע, האָבען זיי איהם געזאָגט, איז הענריעטא הערץ.
— הלואי זאָלט איהר זיין פון אונזערע מענשען ווי דער פריהעריגער לעהרער — האָט הענריעטא הערץ געזאָגט — ביי מיר אין הויז איז פערגרעסערט די פאמיליע איצט. קאָב־לעפעל האָט געבראכט א יתומה פון הקדש. א שעהן קינד. נאָר אין אָרימקייט איז זי געוועזן נישט שעהן. איך האָב זי אָנגעטאָן לייטיש, לייכט זי. מיין מאַן דער קאָרגער איז אויך גוט צו איהר.
— איך בין צופרידען וואָס די אָרימע יתומה איז ביי אייך — האָט משה געזאָגט.
— פון וואַנען קענט איהר די יתומה ? — האָט זי גע־פרעגט.

— איך האָב זי געזעהן אין הקדש.

— דאָס קינד געפעלט מיר זעהר — האָט הענריעטא געזאָגט — איך וועל לערנען מיט איהר. זי איז זעהר פעהיג.

— איך וועל זי לערנען העברעאיש — האָט משה פאַרגעלייגט — איך האָב צייט גענוג. איך בין נאָר פערנומען די עטליכע שעה אין דעם הויז.

— איך דאַנק אייך — האָט הענריעטא געזאָגט — איהר זענט אַ גוטער. איצט פערשטעה איך אז איהר זענט דאָס דער בחור וועמען זי ריהמט אַזוי. איהר וועט אַזוי גוט זיין און קומען צו אונז, וועל איך אייך בעקענען מיט מיין ארנטליכען מאַן און איהר וועט זיין אונזער הויז־פריינד. יעדער וואָס איז אין מענדעלסאָנ׳ס הויז איז מיר ליעב.

ער האָט זיך פערנייגט דאַנקענדיג און אַלע זענען אריין אין מענדעלסאָנ׳ס קאַבינעט. עטליכע שעה האָבען זיי פערבראַכט אין אַ פילאָזאָפישען שמועס און גערעדט וועגען די אידישע צרות. שפּעט ביינאַכט זענען זיי זיך צוגאַנגען.

---

צומאָרגענס, פרייטאָג פאַרנאַכט האָט משה ענסהיים זיך אָנגעטאָן שבת׳דיג און אוועק אין שוהל אויף היידערייטערגאַס. אין הויף האָט ער געטראָפען גרופּען אידען שטעהן און שמועסען.

אַ גרופּע אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט לאַנגע פּאות און בערד, מלמדים פון חדרים און ישיבות, האָבען גערעדט בייז וועגען משה מענדעלסאָן און איהם געשאָלטען מיט ביטערע קללות.

— ער זאָל איינעמען אַ מיתה משונה דער דעסויער אפּיקורס! — האָט איינער געשריגען — ער קוילעט דאָך אונזערע קינדער! ער האָט געהייסען די גבירים ארויסנעמען די קינדער פון די חדרים און צונעמען פאַר זיי לעהרער אפּיקורסים, וואָס לערנען זיי שפּראַכען, ער פּלאַנצט איין אפּיקורסות און מאַכט אַלעמען אומגליקליך.

— נישט נאָר גוי׳שע לשונות זענען אַן אומגליק — האָט אַן אַנדער פּוילישער מלמד געשריגען — נאָר אפילו תנ״ך שרייט דער נודע ביהודה זאָל לעבען, אז מען טאָר נישט לערנען!

— און ער מיט נאך גאונים האבען ארייגעלייגט אין תום יעדען וואס וועט לערנען דעם דעסויער׳ס "ביאור".

— איהר ווייסט נישט וואס איהר רעדט — האט זיך ארייגעמישט נפתלי קאכלעפעל, וואס איז פלוצלינג אויס־געוואקסען — מענדעלסאן איז אן עהרליכער איד און שטעלט זיך איין פאר אונז מיר זאלען נישט ליידען אזעלכע צרות. דער היגער רב האט געגעבען זיין הסכמה אויף זיין איבער־זעצונג און אויך פיער גאונים פון פוילען און ליטא האבען איהם געגעבען א הסכמה. דו ביזט דאך א פראצענטניק ! — האט ער געזאגט צום ערשטען שרייער, דו ביזט אן אומגליק פאר אונז !

עס איז געווארען שטיל. זיי האבען געקריצט מיט די צייהן, זיי וואלטען איהם צוריסען. זיי האבען אבער מורא געהאט פאר די עשירים וואס זענען געשטאנען נישט ווייט. די גבירים, אידען מיט גרויסע בייכער, מיט גאלדענע קייטען איבער די קאמזוילען און דריי שפיציגע היט אויף זייערע פארוקען מיט די לאנגע צעפ, זענען געשטאנען און גערעדט פריי אידיש, וואס אין שטוב קענען זיי דאס נישט טאן, זיי ברעכען זיך די צייהן אין הויז צו רעדען דייטש איבער זייערע געבילדעטע טעכטער.

דאס טויער האט זיך געעפענט און דער רב ר׳ הירשעל לעווין איז אריין אין שוהל און אלע זענען נאכגעגאנגען.

---

מענדעלסאן איז נישט געווען אין שוהל איבער די קריסט־ליכע געסט וואס זענען געקומען צו איהם. משה ענס־היים איז געווען פערבעטען צו זיין טיש. אז ער איז ארייגעגע־קומען האט ער געטראפען די געסט פערברענגען אהן מענ־דעלסאנ׳ען, וואס איז אריין אין א בעזונדער צימער דאווענען.

אז ער האט אפגעדאווענט האבען די קינדער זיך אויס־געשטעלט אין א רייה און ער האט אויף יעדען ארויפגעלייגט די הענד און זיי געבענטשט, ווי דער מנהג אין אידישע היי־זער. די געסט האבען זיך געזעגענט און אוועק און מען איז געגאנגען צום טיש.

איידער זיי האבען אפגעגעסען זענען אריינגעקומען די

משכילים פערברענגען מיט מענדעלסאָנ'ען און ביז נאָך האַלבע נאַכט האָבען זיי געשמועסט.

---

שבת נאכמיטאג איז משה ענסהיים אריין צו דאָקטאָר מאַרקוס הערץ זעהן וואָס מאַכט די יתומה צביה. זי האָט אויסגעזעהן גאָר אַנדערש ווי אין הקדש. הענריעטא הערץ האָט איהר אנגעטאָן א נישקשה'דיג קליידעל, וואָס זי האָט גענומען ביי איהר שוועסטער. דער שאָטען פון טרויער אויף איהר פנים האָט איהר צוגעגעבען פיעל חן.

— מאדאַם הערץ, וועט איהר מיר ערלויבען קויפען אַ ביי קלייד פאַר צביה'ן? — האָט משה געבעטען.

זי האָט איינגעשטימט. איהר איז נישט גרינג געווען צו קויפען נייע קליידער פאַר'ן מיידעלע, ווייל זי האָט געהאַט גרויסע הוצאות געבענדיג אָפטע סעודות פאַר די הויכע געסט, וואָס זענען געקומען פערברענגען מיט איהר און מיט איהר געלערנטען מאַן.

פאַרנאַכט איז דאָקטאָר הערץ אהיימגעקומען פון זיינע וויזיטען און זיי זענען ארום שפאַצירען "אונטער די לינ־דען", די נייע גאַס, וואו עס זענען געווען די קעניגליכע פאַ־לאַצען צוזאַמען מיט די אַרימסטע הייזלעך.

דאָקטאָר מאַרקוס הערץ און זיין פרוי הענריעטא זענען נישט געווען קיין גלייך פאָרפאָלק. ער איז געווען זעהר קליין און מיאוס. און הענריעטא איז געווען הויך און שלאַנק און וואונדער שעהן. זי איז אַלט געווען נײנצעהן יאָהר און ער באַלד צווייטאָל אזויפיעל — פינף און דרייסיג.

זיי האָבען נישט חתונה געהאַט ווייל זיי האָבען זיך גע־וואָלט, נאָר ווייל זייערע עלטערן האָבען געוואָלט דעם שידוך. אין דעם האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע וואָס לויט דעם געזעץ האָט א אידישער בחור נישט געטאָרט חתונה האָבען ביים פאָטער'ס לעבען. א בחור וואָס זאָל מעגען חתונה האָ־בען איז געווען א זעלטענהייט, א סך מיידלעך זענען דורכגע־פערזעסען ביז'ן גרויען צאָפּ אריין, דעריבער האָבען א סך מיידלעך חתונה געהאַט נישט איבערקלייבענדיג.

די זון האָט אָנגעהויבען זיך אראָפּלאָזען. די פייער באַלעב האָט אראָפּגענידערט נידריגער און נידריגער. דער מערב האָט

זיך אַנגעצונדען און געוואָרפען רויטע כוואַליעס אויף די לינדענביימער. און עס איז געווען אזוי גוט צו שפּאַצירען.

פלוצלינג האָט צביה זיך צוואווינט.

— וואָס וויינסטו ? האָבען זיי געפרעגט.

— ווייל מען שמייסט איצט מיין טאַטע מיט גליהענדע ריטער.

— שבת שמייסט מען נישט אפילו די רשעים — האָט משה זי געטרייסט.

— ס'איז דאָך אָבער באַלד אויס שבת ! און מען רופט די רשעים אין גיהנום אריין.

— פונוואַנעט ווייסטו דאָס ?

— אזוי שטעהט געשריבען. צוועלף חדשים איז יעדע נשמה אין גיהנם, דערפאַר זאָגט מען קדיש אויסצולייזען די נשמה פון די בייזע מלאכים. און דער טאַטע האָט נישט אי־בערגעלאָזט קיין קדיש.

— דיין טאַטע איז געווען א צדיק — האָט משה געזאָגט

— בייזע מלאכים האָבען נישט קיין שליטה אויף איהם.

— ניין, אפילו א צדיק מוז אויך זיין אין גיהנם. מיין טאַטע איז אודאי א צדיק, ער איז א קדוש. ער איז געשטאָר־בען אויף קידוש השם — האָט צביה געזאָגט.

זיי האָבען זי געבעטען צו דערצעהלען ווי ס'איז געשעהן.

—דער טאַטע איז געווען רב אין ענהיים. זיין געהאַלט איז קוים גענוג געווען פאַר איהם מיט מיר אויף עסען. נאָך איידער כ'בין געוואָרען פינף יאָהר, בין איך שוין געווען א יתומה נאָך מיין מאַמע, וואָס א מערדער האָט גע'הרג'עט

דער טאַטע האָט מיך געלערנט דאַווענען און אידישקייט. איז ביי אונז דאָ א שרעקליכער שונא ישראל מאַרטין העל, ער איז א המן. האָט ער אָנגערייצט די גוים פאַר־א־יאָהרען אום פּאַסכא און זיי זענען בעפאַלען די אידען און זיי האָבען גע'הרג'עט און געשלאָגען און אויסגערויבט אַלדאָס גוטס.

דאָס איז דעם המן נאָך געווען ווינציג, האָט ער געהייסען די מערדער זיי זאָלען אונטערצינדען די שוהל. ווען די שוהל האָט געברענט איז דער טאַטע ארויסגעלאָפען פון בעהעלטע־ניש און אריינגעשפרונגען אין פייער און ארויסגעראַטעוועט צוויי ספר תורה'ס.

ווי מארטין העל האָט דערזעהן דעם טאַטען מיט די הייליגע ספרים האָט ער געגעבען א געשריי צו די רוצחים:

— בעראַרפט איהם מיט שטיינער!

עס האָבען אָנגעהויבען פליהען שטיינער פון אלע זייטען און דער טאַטע איז אומגעפאַלען. די פיינד האָבען געכאַפּט די ספרים און צוריסען און צוטראָטען און דער טאַטע איז געבליבען ליגען אָהן אטעם.

ווען די מערדער זענען אוועק האָבען די אידען אויפגעהויבען דעם טאַטען און איהם דערמינטערט. ער האָט געהאַט שווידערליכע ווייטאָגען און איז אָפּגעלעגען א חודש צייט. ס'איז איהם אָבער נישט געוואָרען בעסער ווען ער האָט אָנגעהויבען ארומגעהן. זיי האָבען איהם אָפּגעריסען דאַס הארץ און ער האָט געשפּיגען מיט בלוט און פון טאָג צו־טאָג געוואָרען שוואַכער.

די אָרימע קהלה האָט גערופען אן אסיפה און געזאמעלט א ביסעל געלד דער טאַטע זאָל פאָהרען נאָך בערלין זיך היילען. ער האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטען די שווערע רייזע און באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין הקדש איז ער קראַנק געוואָרען און גלייך געשטאָרבען.

משה איז געווען געריהרט פון איהר טרויעריגע געשיכטע און בעשלאָסען צו זיין איהר בּאהילפיג ווי ווייט ער וועט קענען.

---

משה איז שוין געווען עטליכע חדשים אין בערלין. ער איז געווען ביי מענדעלסאָהנען הויז־לעהרער און אליין געלערנט הערענדיג מענדעלסאָנ'ס לעקציעס און דאָקטאָר הערץ'ס בעלערנדע שמועסען. הענריעטא הערץ איז אויך געווען א געטרייע שילערין, איהר מאַנ'ס. זי איז געווען הויךגעבילדעט. האָט געקענט א סך שפּראַכען און אויך גוט העברעאיש.

צביה האָט זיך אויך גוט געלערנט. הענריעטא האָט זיך מיט איהר אָפּגעגעבען. און משה האָט זי געלערנט שטאַרק געטריי. א ביסעל העברעאיש האָט זי געקענט. איז ער אין פערלויף פון דריי חדשים איבערגעגאַנגען מיט איהר גאַנץ

תורה און א טייל נביאים. און זי האָט שוין אָנגעהויבען פערגעסען איהר גרויס אומגליק.

איין זונטאג, ווען משה איז געגאנגען לערנען מיט צביה'ן, האָט ער זי געטראָפען אין דרויסען ווארטען אויף איהם. זי איז געגאנגען אָנגעטאָן דאָס ערשטע מאָל אין נייען קלייד וואס הענריעטא האָט איהר געקויפט פאר זיין געלד. א ווייס וואלען קליידעל מיט שווארצע שפרינקעלעך. געפּאסט צום לייב און איהר יונגער קערפּער האָט אָנגעהויבען זיך אויס־פילען און רונדען, דער אָנהויב פון ווערען א פרוי.

זי האָט אויסגעזעהן וואונדערשעהן. ווי א רויז וואָס הויבט אָן בליהען. א קאָפּ האָר און ברעמען ראָבען־שווארץ. א לויטערער שטערן און פון איהר קלאָר ווייס פּנים האָבען ארויסגעפּלאָקערט פּעך־שווארצע אויגען. צוויי גליהענדע רויטע רויזען אויף די איידעלע באַקען און קליינע רויטע ליפּען מיט אזא ליעבען, גליקליכען און עהרליכען שמייכעל פאר איהם.

ער האָט איהר ס'ערשטע מאָל דערלאנגט די האנד און זי האָט זי געכאפּט צום מויל און היים געקושט. זי האָט גע־זאָגט אויסגעצייכענט איהר לעקציע און אָפט געקוקט אויף איהם מיט א ליעבען שמייכעל.

— האָסט הנאה פון נייען קלייד? — האָט ער געזאָגט — און שמייכעלסט.

— יא, אָבער נישט איבער דעם שמייכעל איך. איבער עפּיס אנדערש.

— וואָס איז?

— איבער א חלום. מיך האָט גע'חלום'ט זעהר א גוטער חלום.

— דערצעהל!

— עס האָט מיך גע'חלום'ט, כ'בין א קליין מיידעלע. טאטע־מאמע טראָגען מיך אויף די הענד. פלוצלינג פערוואָל־קענט זיך דער הימעל, עס הויבט אָן דונערן און בליצען, ס'רע־גענט מיט פייער. א שטורמווינד רייסט מיך ארויס פון טאַ־טע־מאַמעס ארעמס און טראָגט מיך אין דער הויך, איבער די פינסטערע וואָלקענס.

איך בין שוין אין הימעל. גאָט, זעה איך, זיצט אויף

א הויכען פרעכטיגען שטול, איינגעהילט אין פורפור, א פייער־ברענט ארום. איך ליג ביי גאָט'ס פוס־בענקיל און ציטער פאר שרעק און קעלט.

שפריים גאָט אויס די פּאָלע פון זיין מאַנטעל אויף מיר. עס ווערט מיר אזוי ווארים, אזוי גוט. איך האָב אזא פערגע־ניגען אז איך גיה שיער אוים.

הויב איך אויף די אויגען מיט דאנק און ליוב צו גאָט און... איך האָב דערזעהן אייער פנים... איך האָב געוואָלט עפּים זאָגען און כ'האָב זיך אויפגעכאפּט. אוי, וואָס פאר א גוטער חלום!

משה האָט פערשטאַנען אז זי טראַכט פון איהם בייטאָג, חלום'ט זי דערפאר ביינאַכט. זי איז אָבער א יונג קינד, האָט ער געשוויגען און מעהר נישט גערעדט דערפון. ער האָט דאָס אָבער אריינגענומען אין זינען.

---

אין עטליכע חדשים ארום האָט מען זיך געגרייט אין מענ־דעלסאָנ'ס הויז פאר דעם חתן בערנארד עשקעלעש פון וויען וואָס קומט אָנקוקען רחל'ען. דער שדכן וואָס האָט גערעדט דעם שידוך איז געגאַנגען פון מענדעלסאָנען צו דניאל איציג און ביידען גערעדט דעם שידוך.

ביי מענדעלסאָנ'ען איז געווען יחוס, כבוד און בעריהמט־קייט. ביי דניאל איציג'ען איז געווען עשירות. דער שדכן האָט געהאַלטען דעם שטריק ביי ביידע עקען. וועט נישט ווע־רען דאָ, זאָל ווערען דאָרט. אבי ער איז זיכער מיט שדכנות־געלד.

וועגען דעם חתן האָט מען דערצעהלט גאַר חידושים. א שעהנער, א געבילדעטער און א רייכער. רחל האָט זיך אויס־געפוצט און מענדעלסאָן האָט איהם אויך דערוואַרט מיט אומגעדולד.

— דער חתן געהט! — האָט דער שדכן אָנגעזאָגט.

אז בערנארד איז אריינגעקומען האָט ער אלעמען איבער־ראשט. א זעלטען שעהנער יונגערמאַן. הויך און שלאַנק מיט איידעלע הענד און א מילך־ווייסע הויט. א קאָפּ בלאָנדע לאָקען און א טונקעל בלאָנדע באָרד. א הויכער גלאַטער שטערן, א געמאַקטע נאָז און בלויע אויגען. ליכטיגע און

גוטע. אן אמת'ער אריסטאָקראַט פון דורות אויסגעקנאַטען אין איידעלען יחוס און רייכקייט. ער איז אלט געווען א יאָהר דרייסיג.

מענדעלסאָן האָט איהם אויפגענומען מיט פרייד און אָנגעהויבען שמועסען מיט איהם. ער האָט געענטפער'ט אויף אידיש און גערעדט שעהן און אינטערעסאַנט און ארויסגעוויזען גרויס בעקאנטשאפט אין לערנען און וועלטזאַכען.

אין פערלויף פון שמועס האָט בערנארד דערצעהלט א מאָדנע געשיכטע וואָס עס האָט אַנומעלטען מיט איהם געטראָפען.

— דער טאַטע איז מיר געקומען צו חלום — האָט ער געזאָגט — איך האָב איהם נישט געקענט, איך הייס נאָך איהם. ער האָט מיר אָבער געזאָגט אז ער איז מיין טאַטע און מיך געהייסען פאָהרען נאָך בערלין און ארייננגעהן צו איינעם וואָס זיין נאָמען הויבט זיך אָן מיט א דאַלעד. איך וועל דאָרט געפינען וואָס איך זוך. דער טאַטע האָט געמיינט אודאי משה "דעסויער". איך האַלט נישט פון חלומות, דאָס מאָל וויל איך אָבער גלויבען אין חלום.

רחל האָט דערלאַנגט שווארצע קאַווע און צובייכעכץ און איהר פנים האָט געפלאַמט און די הענד האָבען שרעקליך געציטערט. איהר עלטערע שוועסטער האָט אויך געפלאַמט קוקענדיג אויף דעם שעהנעם בערנאַרד.

מענדעלסאָן האָט געזאָגט א תירוץ און איז ארויס פון צימער. אַלע זענען מיטגעגאַנגען, נאָר בערנארד מיט רחל'ען זענען געבליבען. און באַלד זענען זיי ארויס שפּאַצירען "אונטער די לינדען".

אין אַ שעה ארום זענען זיי צוריקגעקומען און נאָך געשמועסט אַביסעל. בערנאַרד האָט זיך געזעגנט און געזאָגט אַז ער וועט שרייבען פון וויען.

רחל איז געווען שטאַרק צורודערט. זי האָט דערצעהלט אַז זי האָט געהאַט עגמת נפש. ער האָט גערעדט אידיש זעהר הויך און זי האָט זיך געשעמט פאַר די אַדעללייט און אָפּיצירען וואָס זענען פערבייגעגאַנגען און געהערט. זי האָט איהם געפרעגט צו וואָס ער וועט זיך נעמען נאָך דער חתונה. און

ער האָט געזאָגט אַז ער וועט זיין אַ באַנקיר. זי האָט געמאַכט אַ קרומע מינע און געזאָגט:

—אַלס טאָכטער פון אַ פילאָזאָף קען איך ניט מסכים זיין דערצו. באַנק האַנדעל איז אַ מיאוס׳ע זאַך, זאָל ער בעסער לערנען מעדיצין.

ער האָט זיך אבער איינגעשפּאַרט. מעדיצין איז אַ פאַך נישט קיין חכמה און פון אַ פאַך קען מען נישט ווערען רייך. דער איד מוז זיין רייך אַז נישט האָט ער קיין ווערטה נישט.

דאָס האָט רחל׳ן באַנג געטאָן. זי האָט מורא געהאַט אַז איבער דעם וועט ער זי נישט וועלען. מענדעלסאָן איז אויך געוועזן אומצופרידען וואס ער האָט אָפּגעלייגט די תשובה ביז ער וועט זיין אין וויען.

רחל איז אוועקגעגאַנגען פערטראַכט און אומעטיג. זי האָט נישט געקענט פערגעסען בערנאַרד׳ן און מורא געהאַט אַז ער וועט זי נישט וועלען.

אין עטליכע טעג ארום האָבען זיי געוואָהר געוואָרען אַז בערנאַרד איז געוועזן ביי דניאל איציג׳ן און לאַנג פערבראַכט מיט זיין טאָכטער צעציליע און ער האָט זיי פערזיכערט אַז פון וויען וועט ער זיי שרייבען. מענדעלסאָן האָט פערלוירען די האָפנונג אויפ׳ן שידוך.

אין צוויי חדשים ארום איז בערנאַרד געוואָרען אַ חתן מיט צעציליא׳ן. ער האָט געקראָגען דרייסיג טויזענד טאַלער נדן און טייערע מתנות. איציג׳ס איידעם ארנשטיין האָט איהם אריינגענומען פאַר אַ שותף אין זיין באַנק. איינגיבען איז געוועזן די חתונה און בערלין איז געגאַנגען אויף רעדליך. עס איז געוועזן די שענסטע חתונה וואָס בערלין האָט געזעהן.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז דער חלום איז געוועזן ריכטיג. דניאל איציג, וואס זיין נאָמען הויבט זיך אָן מיט אַ "דאַלעד" איז טאַקי געוואָרען זיין שווער.

רחל האָט אבער נישט געקענט פערגעסען בערנאַרד׳ן און זי איז פון צרות קראַנק געוואָרען. פיבערנדיג האָט זי נאָר גערעדט פון איהם. דאָ האָט זי געריהמט זיין שעהנקייט און דאָ איהם געזידעלט און גערופען דער נבזה׳דיגער איד וואס דאַרשט נאָך געלד. אָט האָט זי געבעטען ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר און זי ליעב האָבען און אָט האָט זי געשאָל־

טען איהר חבר'טע צעציליע וואס האט מיט כשוף צוגענומען איהר חתן. א גאנצען חודש איז זי געלעגען אין פיבער און געשוועבט צווישען לעבען און טויט. נאר די בעריהמטע דאקטוירים מארקוס הערץ און אליעזר בלאך האבען נישט אבגעטראטען פון איהר און זי געראטעוועט.

אז זי איז אויפגעשטאנען פון בעט האט מענדעלסאן זיך געלייגט. פאר די לעצטע דרייצעהן יאהר איז ער געווען נישט געזונד. איצט איז ער געווארען שוואכער און די ראיה איז איהם געווארען קאליע.

אין א יאהר ארום האט מענדעלסאן זיך משדך געווען מיט זיינס א פריינד, א באנקיר. ער האט נישט געפרעגט רחל'ען צי זי וויל דעם חתן אזוי ווי ער האט נישט געפרעגט זיין עלטערע טאכטער בריינדעל וואס האט טאקי נישט גע־קענט אנקוקען איהר מאן שמעון פייט. רחל האט אויך נישט געוואלט איהר חתן נאר זי האט מורא געהאט אויפצורעגען איהר קראנקען פאטער, האט זי חתונה געהאט און געווארט אויף דער מינוט, ווען זי וועט פטור ווערען פון איהר פער־האסטען מאן.

משה ענסהיים איז געווען א שטענדיגער איינגעהער ביי הענריעטא הערץ, וואס איז געווען זעהר בעריהמט און די גרעסטע קריסטליכע געלעהרטע און אדעללייט פלעגען קומען צו איהר.

ער האט דארט אפט געזעהן איהרע שעהנע אידישע חבר'טעס. זיי זענען געווען די שענסטע, קלוגסטע און גע־בילדעסטע פרויען. נאר די גוים האבען געהאט א שעדליכען איינפלוס אויף זיי. די אדעללייט און אפיצירען פון קעניגלי־כען הויף האבען נישט געקענט קוקען אויף די אומגעלומפער־טע נארישע דייטשע שיקסעס און בעסער געקומען פערברענ־גען מיט די רייכע, קלוגע, וואונדערשעהנע און געלערנטע אידישע דאמען.

די פרומע אידישע טאטעס האבען דאס צוגעקוקט און זיך געפרעגעלט פאר פערגניגען, וואס די קריסטליכע גרויסע הערען קומען צו זיי און זייערע געבילדעטע טעכטער רעדען מיט זיי פראנצויזיש.

עטליכע טעג נאך בערנארד עשקעלעש'ס חתונה איז נפתלי

קאָכלעפעל געקומען צו משה ענסהיים'ן און איהם שטאַרק געדאַנקט וואס ער איז אזוי איבערגעגעבען צביה'ן און ער האָט געזאגט:

— איך האב נאָר מורא זי זאל נישט קאַליע ווערען ביי הענריעטא הערץ. זי טרעפט זיך דארט מיט לייכטזיניגע גוים און זיי קענען זי פערפיהרען.

— צביה איז א געטריי אידיש קינד — האָט משה איהם בערוהיגט — זי האָט ליעב דעם תנ"ך און איז זעהר פרום און גלויביג. זי וועט זיך נישט לאָזען אראפפיהרען פון גוטען וועג.

— נאכדעם ווי בערנארד האט זי נישט געוואלט—האט קאכלעפעל פלוצלונג זיך אנגערופען—קען רחל נישט קוקען אויף א אידען... מענדעלסאָן האט גרויס עגמת נפש דערפון, ער זעהט אוים זעהר שלעכט און ער איז שטאַרק פערזאָרגט. און אז מען פרעגט איהם וואס ער זאָרגט, זאגט ער, אז ער פיהלט זיין סוף איז נאָהנט און זיין פרוי און קינדער וועלע־בלייבען ווי אויפ'ן וואסער.

---

נאָך חנוכה האט הענריעטא הערץ געפייערט איהר גע־בורטס טאָג און זי האט איינגעלאדען משה ענסהיימען. אז ער איז געקומען האט ער שוין געפונען איהרע פערעהרער, די גרעסטע לייט, א ביסעל אידען און די מעהרסטע קריסטען. באַראָנען, גראפען און בעריהמטע שטאאטסלייט. עס זענען אויך געקומען עטליכע פרינצען. גראף מיראבא דער פראנ־צויזישער באָטשאַפטער איז אויך געווען. ער איז אלט געווען זעקס און דרייסיג יאהר, הויך און פעסט מיט א ברייט פנים פול שטופלען, א לאנגע נאָז און א גרויס ברייט מויל מיט גראָבע ליפען. א העסליכער מאנספערשוין. ער איז אבער בע־קאנט געווען אלס דער ערפאָלגרייכסטער צווישען פרויען. קיין פרוי קען איהם נישט ביישטעהן אויב ער וואַרפט אויף איהר אן אויג. ער דאַרף נאָר אנהויבען רעדען בעצוי־בערט ער אלעמען.

דער שמועס איז אנגעגאנגען וועגען די לעצטע ערפינ־דונגען און ענטדעקונגען און איז שטילערהייט איבערגעריסען געוואָרען, ווען עטליכע קריסטליכע יונגע לייט האָבע געמאכט

קאָמפּלימענטען די שעהנע אידישע דאַמען און רחל האָט געזאָגט, אז זי האָט פיינט איהר מאַן דעם איד און זי וועט זיך נישט לאַנג האַלטען מיט איהם.

— מען וואָלט גערארפט ערפינדען א בריק איבער דעם גרויסען תהום וואס צושיידט מענשען און פעלקער— האט זיך אנגערופען אדעלא אפרים—אלע מענשען זאלען זיין גלייך.

—אזא בריק וועט זיך נישט האַלטען—האָט רחל מענדעלסאָן געזאגט—אזוי פיעל מענשען וועלען זיך אריבערלאָזען איבער דעם בריק אז זי וועט איינפאלען...

גראף מיראבא האט עפּעס שטיל גערעדט מיט הענריעטא הערץ. איהר מאַן מארקוס הערץ איז נישט געווען אייפערזיכטיג. איך בין זיכער מיט איהר—האט ער געזאגט.

גראף מיראבא האט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און געזאגט:

—באַלד וועט זיין די וואונדערליכע בריק. די פרייהייט! די פרייהייט וועט אראפּנעמען דעם יאָך פון די מענשען און אלע וועלען ווערען גלייך. עס וועט נישט זיין קיין אונטערשיד צווישען מענש און מענש. נישט קיין הערען און נישט קיין קנעכט. נישט קיין רייכע און נישט קיין ארימע, נישט קיין הויכע און נישט קיין נידריגע. איך וועל דער ערשטער זיך אפּזאגען פון מיין טיטול גראף. א בירגער מיט אלעמען גלייך וועל איך זיין!

די ווערטער האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק און מען האט לאַנג גערעדט וועגען דעם.

דאס יונגוואַרג איז אריין אין צווייטען צימער. די אָפּיצירען האבען זיך גענומען די מיידלעך און אָנגעהויבען שפּילען אין פאנדען. דער וואס האט געמאכט א טעות אין שפּיל איז געוואָרען בעשטראָפט. די שטראָף איז אָפט געווען צו קושען א מיידעל. זיי האבען זיך אָפענבאר געקושט, געהוליעט, געלאכט און געמאכט ווילדע שטיק.

נאָר איין מיידעל איז געזעסען רוהיג לעבען משה ענסהיים. דאס איז געווען צביה. די מיידלעך האבען זי געשלעפּט אין שפּיעל אריין. די אָפּיצירען האָבען זי געבעטען, זי זאָל נישט זיצען שטיל. זי האט זיך אבער נישט געוואָלט אריינמישען.

זי איז שוין געווען פולע פופצעהן יאהר און געבלענדט מיט איהר רייצענדער שעהנקייט. די יונגע אפיצירען האבען זי געשלונגען מיט די אויגען, זי האט אבער נישט אפגעטראָ־טען פון משה'ן.

ער האט דעמאָלט אנגעהויבען לערנען מיט איהר רות. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער שטעלע וואו רות ליגט בועז'ן צופוסענס און זי זאָגט: "איך בין דיין דינסטמויד רות, שפרייט אויס דיינע פליגעל אויף דיין דינסט, ווייל דו ביזט דער אויסלייזער". האָט צביה א ציטער געטאָן, איהר פנים האָט זיך אָנגעצונדען אין די האָר אריין און זי האָט שטיל געמורמעלט:

— דער גוטער אויסלייזער... דער גוטער... אויסלייזער... די פאָלע פון מאנטעל...

איהרע אויגען האבען געפלאקערט און איהר הארץ האט זיך אזוי געוואָרפען. משה האט פערשטאַנען אז דאס טראַכט זי פון איהר חלום, אז ער האט מיט דער פאָלע פון זיין מאנ־טעל זי געראַטעוועט... שטיל האט ער זיך אויפגעהויבען און אריינגענומען איהר שעהנעם קאָפּ אין די הענד און זי גע־קושט אין שטערן.

ווי זיינע ליפּען האבען זיך נאָר צוגעריהרט צו איהר איז זי אויפגעשפרונגען ווי א סאַרנע און איהם א כאַפּ געטאָן אין איהרע הייסע הענד און געהאַלטען ווי מיט צוואַנגען און איהם שטאַרק געקושט.

באַלד איז זי אפּגעשפרונגען, פערדעקט ס'פנים מיט די הענד און זיך צואווינט שטיל. מען האט נישט געהערט קיין געוויין נאָר די טרערען האבען גערונען דורך איהרע איידעלע פינגער.

— וואס וויינסטו, צביה? — האט ער זי געפרעגט צי־טערנדיג.

— זיי מיר מוחל — האט זי געוויינט — איך האב זיך נישט געקענט איינהאַלטען...

— קינד! איך האב דאָך דער ערשטער דיך געקושט! ביזט מיר זעהר טייער. איך האב שוין לאנג דיך ליעב. היינט האט גאָט בעשערט דו זאָלסט וויסען. ביזט איצט מיין כלה. ווילסט

מיך גליקליך מאכען, זאג אז דו ווילסט מיך!—האט ער זיך געבעטען.

— אוי, מיין חלום ווערט מקוים!—האט צביה אויסגעשריגען גליקליך—זייט איך האב דיך געזעהן אין "הקדש" ביזטו געוואָרען מיין הייליגער. איך טרוים אלע מאָל פון דיר. איך בין נאָר נישט געוועזן זיכער צי דו ווערסט מיך ווען.

זיי האבען זיך ארומגענומען און זיך הארציג צוקושט.

---

אז הענריעטא האט דאס געוואָהר געוואָרען איז זי געווען זעהר צופרידען, זי האט שוין געווארט אויף דעם, האט זי געזאָגט. עס איז איהר געלונגען נאָך שתדלנות ביי די מיניסטאָרען צו קריגען פאר משה'ן אן ערלויבניש אויף פינף יאהר צו וואוינען אין פרייסען. זי האט אויך געקראגען פאר איהם אן ערלויבניש חתונה צו האבען נאכדעם ווי ער האט געקויפט א סך ביליג פאָרצעליי־געפעס פון דער קעניגליכער פאבריק פאר א טייערן פרייז.

חתן כלה זענען זיי געוואָרען ווען זיי האבען געלערענט רות, און אז זיי האבען אפגעלערענט שיר השירים האבען זיי חתונה געהאט. זיי האבען געמאכט א שעהנע חתונה. הערץ'ס און מענדעלסאָנס בעקאנטע זענען געקומען. און נפתלי קאָבלעפעל האט זיך געפיהלט אויפ'ן זיבעטען הימעל.

די שמחה פון זייער חתונה איז אבער געוואָרען פערשטערט איבער מענדעלסאָנ'ס טויט. שבת צו אויפרופעגס איז ער קראנק געוואָרען און מיטוואָך איז ער איינגעשלאָפען ווי א היהנדעל מיט א קלוגען רוהיגען שמייכעל.

בערלין האט שטארק געטרויערט אויף איהם. אידען און קריסטען האבען איהם בעקלאָגט. די ראשי הקהל האבען ארויסגעגעבען א בעפעהל אז ביז נאָך דער לויה זאל קיינער נישט ארבייטען און די געשעפטען זאָלען זיין געשלאָסען

---

דאכזעלבע יאהר איז געשטאָרבען קעניג פרידריך דער צווייטער, דער בימערער אידענפיינד. אז זיין פלימעניק פרידריך ווילהעלם דער צווייטער איז ארויף אויפ'ן טראָהן, האבען אידען געהאָפט אויף בעסערע צייטען.

זיי האבען דערלאנגט א ביטע צום קעניג אפצושאפען די

אידישע בעגרענצונגען, און דער קעניג האט געהייסען די אר־ דען אויסקלייבען צוויי פערטרעטער מיט וועמען ער זאָל בערהאנדלען וועגען דער אידען פראגע.

דניאל איציג מיט זיין איידים דוד פרידלענדער זענען אויסגעקליבען געוואָרען דערצו. זיי האבען אבער כמעט גאָר נישט גע׳פּועל׳ט. אלע גזרות זענען געבליבען. נאָר די גזרות אז אידען מוזען קויפען די ביליגע פּאָרצעלייַ געפעס און דער לייב־אָבצאָהל זענען אפּגעשאפט געוואָרען. אין דער זעלבער צייט איז די גזרה פון לייב־אָפּצאָהל שוין לאנג געוואָרען בטל אין עסטרייך און פראנקרייך.

עטליכע רייכע אידען האָבען אויך בעקומען בירגער־ רעכט. ווייטער זענען די גזרות געבליבען ווי פריהער.

אבער דאס וואס די רעגירונג האט נישט געוואָלט טאָן האבען די בירגער געטאָן אדער די אידען האבען זיך דאס רעכט אליין גענומען. די דייטשען האבען זיך דערנענטערט צו די אידען און דער אידישער מיטעלקלאס—צו זיי. זיי הא־ בען זיך געגעבען א נייען נאָמען:

״דייטשען פון משה׳ס גלויבען״. דאס הייסט זיי זענען ריכטיגע דייטשען נאָר זיי גלויבען אין דעם גלויבען וואס משה רבנו האָט געגעבען.

א סך אידען האבען געוואָלט פערבאָרגען זייער שטאַם און געביטען זייערע נעמען אויף דייטשע, זיי האבען זיך גע־ וואָלט אויסמישען מיט די גוים און ווערן גלייך מיט זיי. די רייכע אידען האבען דאס אנגעהויבען און אלע האבען זיי נאכגעטאָן. זיי האָבען פערלאָזט אידישקייט און געמיהט זיך צו ווערען דייטשען.

די אידישע טעכטער האָבען אוועקגעוואָרפען דאס צניעות און זיך אריינגעלאָזט אין ווילדע ליעבעס און אויסגעלאַסענ־ הייט. עס זענען פאָרגעקומען א סך גט׳ן, געמישטע התונות, מיידלעך זענען אנטלאָפען מיט שקצים, ווייבער האבען אי־ בערגעלאָזט די מענער. דאס אידישע צניעות איז געוואָרען אויסגעלאסען און אין די אידישע הייזער האט זיך אריינ־ געכאפּט לייכטזיניגקייט און שאנד.

---

אָנגעהויבען האָט עס זיך פון דעם באנקיר משה יצחק׳ס

הויז. זיינע צוויי טעכטער האָבען זיך גע׳שמד׳ט און חתונה געהאט מיט אָפיצירען. דער פאָטער האָט זיי דערפאַר מעביר נחלה געווען. ער האָט זיין פערמעגען פערשריבען די קינדער וואָס זענען געבליבען אידען.

נאָך זיין טויט האָבען זיינע צוויי גוי׳שע איידימעס אָנ־גענעבען אין געריכט און געפאָדערט ירושה. א לאַנגער שווע־רער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען. די קירכע האָט געהאַלטען מיט די גע׳שמד׳טע טעכטער.

אזא פּראָצעס איז אויך אָנגעגאַנגען צווישען דעם דימאַנ־טען הענדלער בייטעל היינע אפרים׳ס קינדער. אפרים האָט ביים לעבען אויפגעבויט א גרויסע ישיבה און זיינע טעכטער האָבען זיך גע׳שמד׳ט. אין א סך אידישע פאַמיליעס האָבען די ברידער זיך גע׳שמד׳ט מיט זייערע גע׳שמד׳טע שוועס־טערן.

דניאל איציג האָט כמעט געהאט נאָך זיין טוידט זאָלען זיינע קינדער נישט דאַרפען האָבען אזא פּראָצעס, איז ער אַוועק צום קעניג און געבעטען איהם צו בעשטעטיגען זיין צוואה.

דאָס וואָס די רייכע אידישע טעכטער האָבען געטאָן האָבען נאָכגעטאָן די אָרימע סוביעקטען פון געשעפטען און די דינסטמוידען. ווען די פרומע קהלה פיהרער האָבען זיי אויס־גע׳מוסר׳ט, וואָס זיי פיהרען זיך אויסגעלאַסען, זענען זיי גלייך אוועק צום גלח און זיך גע׳שמד׳ט. עס איז געוואָרען א שמד מגפה. ערשט נאָך גרויס מיה איז געלונגען צו פּועל׳ן אז די סוביעקטען און דינסטען טאָרען זיך נישט שמד׳ען אין בערלין. זיי מוזען אהיימפאָהרען אין זייערע געבורטס־שטעדט.

---

עס איז אויסגעבראָכען א שאַרפער קאַמף צווישען די משכילים און דיפּ רומע אידען. דער קאַמף האָט זיך לאַנג געצויגען. די משכילים האָבען אָפט פער׳מסר׳ט די פרומע אידען ביי דער רעגירונג און דער סוף איז געווען אז זיי האָבען גע׳פּועל׳ט די פרנסים זאָלען נישט האָבען קיין דעה איבער די אידען, יעדער איז געוואָרען פריי צו טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט.

דער אַלטער רב ר׳ הירש לעווין וואָס האָט אַלץ געוואָלט אויסמיידען אַ שפּאַלטונג, האָט ענדליך בעשלאָסען זיך אָפּ־זאָגען פון רבנות. ער האָט געשריבען צו די פּרנסים, זיי זאָלען זיך מרחם זיין אויף זיין עלטער און איהם בעפרייען פון רבנות, ווייל "די עמי־הארצים האָבען זיך פערמעהרט און טוען שרעקליכע זאַכען, זיי דערצערנען גאָט, די שאָף ווערען צוזייט און צושפּרייט און אויף די פּאַסטוכער איז דער צאָרן... און דאָס וואָס גאָט דאַרף משפּט'ען טוען גאָר משפּט'ען גוים, ערלים אָדער אידען מיט פערשטאָפּטע הערצער. ווער וויים, וואו דאָס וועט דערגעהן ? זיי זענען שטאַרקער פון מיר"...

און די פּרנסים האָבען נאָך אַ סך בקשות זיך איינגעבעטען ביי איהם ער זאָל בלייבען, בערלין זאָל ניט בלייבען אָהן אַ רב. ער איז געבליבען און פון די משכילים געהאָט גרוים צער און וויטאָג.

דער פיהרער פון די משכילים איז געווען דוד פרידלענדער. ער האָט געגרינדעט אַ פרייע שולע און גענומען איינפיהרען רעפאָרמען אין אידישקייט. משה האָט זיך געטראָפען מיט פרידלענדער'ן ביי הענריעטא הערץ און ער האָט איהם פאַרגעוואָרפען די אַלע שרעקליכע זאַכען, וואָס די משכילים טוען אָפּ.

— דאָס אַלץ האָט געוואָלט מענדעלסאָן ! — האָט פרידלענדער געזאָגט.

— ס'איז נישט אמת ! — האָט משה זיך געבייזערט — מענדעלסאָן איז געווען אַ געטרייער איד און אָפּגעהיטען אַלע מצוות. ער האָט געזאָגט, אַז אַלע דינים און מנהגים זענען קדש קדשים.

— פערצעהן יאָהר בין איך געווען לעבען איהם — האָט פרידלענדער געזאָגט — און איך האָב איהם גוט געקענט. ער האָט גאָר נישט געהאַלטען פון די אַלע זאַכען. ער האָט עס געטאָן נאָר פון געוועהנהייט כדי מען זאָל זיך נישט דערוויטערן פון איהם.

זיי האָבען זיך לאַנג געשפּאַרט. משה האָט געזעהן אַז פרידלענדער איז אַ משכיל אַ פאַנאַטיקער און ער וועט נישט ווירקען אויף איהם, האָט ער איהם נאָר געוואָרנט, ער זאָל

נישט שפעטער חרטה האָבען, וואָס ער צושטערט דאָס אי־דישע לעבען און ער האָט נישט וואָס צו בויען.

---

א סך אידישע טעכטער וואָס האָבען מורא געהאַט צו שמד'ען זיך ביים פאָטער'ס לעבען, האָבען זיך גע'שמד'ט גלייך נאָך זייער פאָטער'ס טויט. רחל מענדעלסאָן האָט זיך גע'גט מיט איהר מאַן און נישט געשווינט איהר אַלטע מאַמע, וואָס האָט געהאַט גרויס צער דערפון. ברײינדעל האָט זיך אויך געוואָלט גט'ען.

דערנאָך האָט א גרופּע פון די משכילים, אונטער פריד־לענדער'ס איינפלוס, זיך געווענדעט צו א גלח, ער זאָל זיי שמד'ען אָבער מיט'ן תנאי זיי זאָלען נישט מוזען אַלע געזעצען פון דער נייער רעליגיע אָפּהיטען. דער גלח האָט זיי גע־ענטפערט, אז קיין האַלבע זאַכען אין א רעליגיע איז נישטאָ. דער גלח האָט פערשטאַנען, אז זיי זענען נישט געוואָרען אנ־הענגער פון קריסטענטום, נאָר זיי ווילען מיט דעם שמד גע־ווינען בירגער־רעכט און פּטור ווערען פון די אידישע גזרות. ער האָט זיי נישט געוואָלט שמד'ען. די מיאוס'ע געשיכטע האָט געמאַכט זעהר א שווערען איינדרוק אויף די בערלינער אידען און זיי האָבען געערגערט דערפון מיט גרויס צער.

---

צוויי יאָהר זענען אוועק זייט משה מיט צביה'ן האָבען חתונה געהאַט און קיין נייעס איז ביי זיי נישט געווען. זי האָט נישט געהאַט קיין קינד, זיי האָבען זיך אָבער ליעב געהאַט ווי דעם ערשטען טאָג פון זייער חתונה.

ער האָט געגעבען לעקציעס אין די רייכע הייזער און זיי האָבען שעהן געלעבט. צביה האָט נישט געוואָלט ארייננעמען א דינסט, די אויסגאַבען זאָלען נישט ווערען גרויס און זי האָט אליין געפיהרט דאָס באַלעבאַטישקייט.

איין טאָג, משה איז אהיימגעקומען פון די לעקציעס עסען מיטאָג, האָט ער געפונען צביה'ן א פערווײנטע אויפ'ן בעט און קאָבלעפּעל שטעהט לעבען איהר און בערוהיגט זי. דער־שראָקען האָט ער געפרעגט וואָס איז געשעהן ? און צביה האָט איהם דערצעהלט די דאָזיגע געשיכטע :

נעכטען אוועגד איז זי געווען ביי העגריעטא הערץ און

גראף מיראבא האָט פאָרגעשטעלט פאר זיי א פראנצויז, גע־ריהמט איהם און געזאָגט, אז ער קען גוט העברעאיש. צביה האָט זיך נישט צוגעהערט צום שמועס, זי האָט גערעדט מיט הענריעטא׳ס יונגערע שוועסטער.

ווי זי האָט איהם דערזעהן האָט זי אויפגעציטערט, ער איז איהר געווען בעקאַנט און ער האָט זיך אויך אָפגערוקט און א ציטער געטאָן. זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען וואו זי האָט איהם געזעהן. דער גאַסט איז געווען צוטומעלט, איז געוואָרען ווייס און בלייך און זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט.

ווען משה איז צעהן א זייגער געקומען נאָך איהר, האָט זי איהם דאָס דערציהלט. ער האָט געלאַכט און געזאָגט, עס דאכט זיך איהר. ס׳איז גאָרנישט. זי האָט זיך בערוהיגט און היינט געוואָלט ארויסגעהן איינקויפען אויף מיטאָג. די טיר האָט זיך פּלוצלינג געעפענט און דער פראנצויז איז אריין און געזאָגט אויפגערעגט:

— ווער זענט איהר?

צביה האָט זיך דערשראָקען און געזאָגט:

— איך בין דעם רב׳ס טאָכטער פון עהנהיים אין עלזאַס.

— איצט ווייס איך! — האָט ער אויסגערופען צופרי־דען — דו ביזט בלימכען׳ס טאָכטער! בלימכען האָט מיך פיינט געהאַט און ווען איך האָב אין מיין ליעבע צו איהר זיך צוגעריהרט צו איהר, איז זי בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין דער רגע האָט צביה איהם דערקענט. מאַרטין העל דער אידענפיינד פון עלזאַס.

— ארויס פון דאַנען, דו פיינד! — האָט צביה געשריגען — מיין מאַמע האָסטו געבראַכט צום טויט און מיין פאָטער האָסטו געטויט מיט דיינע הענד!

— איך האָב דיין מאַמע נישט געטויט — האָט ער גע־זאָגט — איך האָב זי ליעב געהאַט און געהיט איהרע טריט. שבת, ווען איהר מיאוס׳ער מאַן איז געגאַנגען אין שוהל אריין, בין איך אריין צו איהר. זי האָט געגרייט צום טיש. איך האָב זי געבעטען זי זאָל זיך איבערגעבען צו מיר. זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערען, האָב איך זי גענומען מיט געוואַלט. זי האָט זיך געוואָלט ארויסרייסען און נישט געקענט. אז זי

האָט געזעהן אז איך וועל זי בייקומען, האָט זי געכאַפּט אַ מעסער און זיך אריינגעשטאָכען אין הארצען און געפאַלען אויפ׳ן פּנים. פון קלאַפּ איז דאָס מעסער טיעפער אריין אין איהר הארץ. ווען איך האָב זי אָנגעכאַפּט נאָכאַמאָל איז זי שוין געווען טויט אין אַ טייך בלוט.

איך האָב געשאָלטען זי און איהר פאָלק און ארויסגעלאָפען. ס׳איז שוין עלף יאהר אוועק און דאָס פייער אין מיין הארץ וויל נישט איינשטילען. איך האָב עס געלאָשען מיט אידיש בלוט און עס וויל נישט ווערען פערלאָשען.

פּלוצלינג האָב איך דיך דערזעהן. און בלימכען איז אויפגעשוואומען פאר מיינע אויגען. זעהסט אויס ווי זי, אָבער ביזט אַ סך שענער. ביזט יונגער פאר איהר, לעבסט בעסער. דו בליהסט.

פאָלג מיך, קום צו מיר, דיין מאַמע האָט נישט געוואָלט האָבען מיין ליעבע, נעם דו מיין גרויסע ליעבע. די אידישע מיידלעך שמד׳ען זיך דאָך, שמד זיך און קום מיט מיר. וואָס וועט דיר ארויסקומען פון לעבען מיט דיין שמוציג פאָלק ?

איך בין בעריהמט, קען נעמען די רייכסטע פרוי פון מיינס גלייכען, איך וויל אָבער דיך. איך וועל דיך מאַכען גרויס און בעריהמט.

ער האָט געציטערט ווילד ווען ער האָט דאָס גערעדט. צביה האָט איהם אָנגעשפּיגען אין פּנים און געזאָגט :

— ווען איך האָב מיין מאַמעס מעסער ! איך וואָלט עס נישט אריינגעשטאָכען אין מיין הארצען, נאָר אין דיין מערדעריש הארץ. ארויס, מערדער ! איך וועל מאַכען אַ געוואלד וועלען מיינע פריינד קומען און זיך אָפּרעכענען מיט דיר.

— דיין כעס ארט מיך נישט — האָט ער געזאָגט — בייזערהייט ביזטו שענער. אויב דו וועסט מיך נישט פאָלגען מיט גוטען וועל איך דיך נעמען מיט בייזען.

— וועסט פריהער צוברעכען הענד און פיס איידער דו וועסט זיך צוריהרען צו מיר ! קום נישט נעהנטער, איך וועל דיך טויטען !

— לאָמיר זעהן ווער ס׳איז שטארקער — האָט דער מנובל׳דיגער מערדער געזאָגט הייזעריג — קיין מעסער האָסטו דאָך נישט.

ווי אַ ווילדע חיה האָט ער זיך געוואָרפען אויף איהר, זי געכאַפּט אין זיינע אייזענע הענד, פערשטאָפּט ס'מויל און זי געוואָלט אומוואַרפען. זי האָט איהם צוביסען די האנד און צובלוטיגט. זי האָט אָבער פערלוירען די קרעפטען און גע־בענדיג אַ מורא'דיג געשריי איז זי געפאלען פער'חלש'ט.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ גרויסער פּאַטש און דערנאָך קלעפּ ווי האַגעל. מארטין העל איז צוטומעלט געוואָרען פון די קלעפּ און אומגעפאַלען. דאָס איז נפתלי קאָכ־לעפעל אריין און ער האָט איהם צו'ממית'ט און ארויסגע־וואָרפען.

עס האָט לאנג געדויערט ביז ער האָט זי דערמינ־טערט. אַז זי איז געקומען צו זיך האָט זי ביטער געוויינט און ער האָט זי בערוהיגט.

משה איז גלייך אוועק צו מיראבאַ'ן און איהם אַלץ דער־צעהלט. דעם זעלבען טאָג האָט ער איהם געשמידט אין קייטען און אָפּגעשיקט נאָך פראנקרייך.

אין עטליכע חדשים ארום איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז אין פראנקרייך טומעלט זיך. די פראנצויזען מאַכען אַ רע־וואָלוציע און פּאַריז איז אומרוהיג. מיראבאַ האָט גלייך פער־לאָזט בערלין און זיך אומגעקערט נאָך פראנקרייך העלפען די רעוואָלוציאָנערען.

— פון דער רעוואָלוציע וועט ארויסקומען אַ ישועה פאַר די עלזאַס'ער אידען — האָט געזאָגט קאָכלעפעל — זיי וועלען קריגען גלייכבערעכטיגונג.

צביה האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער בשורה. אלע צרות וואָס זי האָט געליטען אין איהר געבורטסלאנד האָבען עס נישט ארויסגעריסען פון איהר הארצען. זי האָט אַלץ גע־בענקט אהיים און זי האָט זיך אָנגערופען:

— מיר'ן זיך אומקערען נאָך עלזאַס. וואָס האָבען מיר צו טאָן אין דער פערשייטער בערלין? אונזערע בעקאַנטע פיהרען זיך נישט צו אונזער הארצען, לאָמיר פאָהרען נאָך עלזאַס, דו ביזט בעפריינדעט מיט גראַף מיראבאַ, וועסט ווער־קען אויף איהם, ער זאָל העלפען אונזערע ברידער.

— זי איז גערעכט — האָט קאָכלעפעל געזאָגט — בער־לין איז צולאָזען. מיט יעדען טאָג מעהרען זיך די משומדים.

פאהרט נאך עלזאס. מיר איז שווער צו שיידען זיך מיט אייך. איהר זענט מיינע קינדער. אבער אייער גליק איז מיר ליבער.

זיי האבען בעשלאסען די זעלבע וואך צו פאהרען נאך עלזאס. זיי האבען זיך צוגעגרייט צו דער רייזע און אוועק אויפ'ן בית-עולם וואו צביה האט זיך געזעגענט מיט איהר פאטער'ס קבר. זיי האבען זיך געזעגענט מיט אלע גוטע פריינד און זיך געלאזט אין וועג אריין.

---

די אומצופרידענהייט ביים פראנצויזישען פאלק האט זיך נאך אנגעהויבען אין די צייטען פון לודוויג דעם פערצעהנ־טען. די מלחמות וואס ער האט געפיהרט און די הילטייסט־וועס פון זיין הויף האבען אויסגעליידיגט די מלוכה קאסע און אנגעמאכט גרויסע שווערע חובות.

אין די צייטען פון לודוויג דעם פופצעהנטען, ווען די קורטיזאנקעס האבען רעגירט, זענען די חובות געווארען נאך גרעסער. ווען לודוויג דער זעכצעהנטער איז ארויף אויפ'ן טראהן, א שוואכלינג און מוטלאזער, האט ער פערלוירען דעם קאפ און זיך נישט געקענט קיין עצה געבען.

די מלחמה וואס פראנקרייך האט געהאט מיט ענג־לאנד העלפענדיג אמעריקא צו בעפרייען זיך פון ענגלאנד האט אנגעמאכט נייע חובות. די שולדען זענען געווען אזוי גרויס, אז דאס פראצענט אליין האט אויפגעגעסען א העלפט פון דער רעגירונגס הכנסות.

די גאנצע לאסט איז געלעגען אויף די ארימע פלייצעס פון פראסטען פאלק. די צוויי פריווילעגירטע קלאסען, די פריצים און די גלחים זענען געווען בעפרייט פון צאהלען טאקסעס. די טאקסע מאהנער האבען אויסגעזויגען דאס בלוט און מארך פון פאלק.

דאס פאלק וואס האט געטראגען דעם שווערען יאך איז געווען רעכטלאז. מען האט זיי גענומען צום מיליטער אין עלטער פון זעכצעהן ביז פערציג יאהר. און קיין שום אמט האבען זיי נישט געקענט בעקומען. נאר די פריצים און גלחים האבען געהאט עמטער. דאס פאלק האט לאנג געליטען און געשוויגען, ביז זיין געדולד האט געפלאצט.

אמעריקא איז געווארען א מוסטער פאר זיי. אזוי ווי אמע־

ריקא האָט זיך בעפרייט פון די ענגלישע אונטערדריקער, האָבען זיי זיך אָנגענומען מיט מוטה צו בעפרייען זיך פון זייערע אייגענע אונטערדריקער.

פראנקרייך האָט געקאָכט און געזידט מיט דעם רעוואָלוציע פייער. ווי א וואולקאן האָט דאָס פראנצויזישע פאָלק זיך געטראָגען אויף זיינע הערשער.

דער קעניג האָט געזעהן עס האַלט שלעכט, האָט ער אויף דער עצה פון פינאַנץ־מיניסטער דערלויבט עס זאָלען זיך צוזאַמענקומען פערטרעטער פון פאָלק און צוזאמען מיט די גלחים און פריצים זאָלען זיי ארויספיהרען דאָס לאנד פון דעם אומאָרדנונג און די חובות. זיי זאָלען אויך איינטיילען די טאַקסעס אזוי אז די גלחים מיט די פריצים זאָלען מוזען צאָהלען שטייערן גלייך מיט'ן פאָלק.

די פאָלקס־פערטרעטער האָבען געהאַט א מעהרהייט. נאָר די גלחים מיט די פריצים האָבען געוואָלט, אז די שטימען זאָלען געצעהלט ווערען לויט קלאַסען. אזוי ווי די גלחים און פריצים זענען צוויי קלאַסען און די פאָלקס־פערטרעטער נאָר איינע, קומט זיי די מעהרהייט.

די פאָלקס־פערטרעטער האָבען דערפאר זיך דערקלערט פאר די "נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג". פיעל נידריגע גלחים און עהרליכע פריצים זענען צוגעשטאַנען צו די פאָלקס פערטרעטער.

מיראבא האָט זיך תיכף אָפּגעזאָגט פון זיין טיטול און זיך דערקלערט אלס בירגער גלייך מיט אַלע.

נאָר די הויכע גלחים און פערביסענע פריצים האָבען גע־ווירקט אויפ'ן קעניג, ער זאָל ארויסגעבען א בעפעהל אז די פאָלקספערטרעטער האָבען קיין רעכט נישט צו פערזאמלען זיך. דער קעניג איז דער איינציגער בעל־דעה.

ווען די פאָלקס־פערטרעטער זענען געקומען זיך פערזאַמ־לען אין פאַלאַץ האָבען זיי געפונען די טירען פערשלאָסען. זענען זיי צוזאַמענגעקומען ערגעץ אַנדערש און בעשלאָסען אָפּצושאַפען אַלע פערעלטערטע דעספאָטישע געזעצע. אָפּגע־שאַפט דעם אונטערשיעד צווישען רייכע און אָרימע, צווישען הערען און קנעכט. אַלע בירגער זענען גלייכבערעכטיגט. יעד־

דער מוז טראָגען דעם יאָך פון דער מדינה און געניסען פון אלע פּריווילעגיעס.

אז דער קעניג האָט דאָס דערהערט האָט ער געשיקט זיין פּערטרעטער צו דער נאַציאָנאַלער פערזאמלונג מיט א בעפעהל, זיי זאָלען גלייך זיך פונאַנדערגעהן. האָט מיראבא זיך אויפגעהויבען און אויסגעשריגען צום קעניג'ס פּערטרעטער:

— געה, זאָג דעם וואָס האָט דיך געשיקט, אז מיר האָבען זיך דאָ פערזאמעלט לויט דעם פאָלקס ווילען און בעפעהל. און נאָר מיט שווערדען ועט איהר קענען צוטרייבען די פאָלקס־פּערטרעטער. מיר בלייבען דאָ!

דער שוואכער ווילענלאָזער קעניג האָט מורא געהאט צו נוצען געוואלט קעגען די פאָלקס־פּערטרעטער און האָט נאָך געהייסען די גלחים מיט די פּריצים צוריקגעהן אין דער נאַציאָנאַלער פערזאמלונג. און די נאַציאָנאַלע פערזאמלונג האָט געטאָן וואָס זי האָט געוואָלט.

דאָס האָט ווידער אויפגערייצט דעם קעניג און ער האָט אראָפּגעזעצט דעם פינאנס־מיניסטער וואָס האָט איהם געגעבען די עצה צוזאמענצורופען די פערזאמלונג און געבראכט דרייסיג טויזענד סאָלדאַטען צו דער הויפּט־שטאָדט צו זיין גרייט אויף א קאמף מיט'ן פאָלק.

ווען דאָס פאָלק האָט דאָס געוואָהר געוואָרען האָט עס מעהר נישט געקענט איינרוהען. אלע איינאיינעם זענען זיי בעפאלען די געוועהר־סקלאדעס און אויסגערויבט. דערנאָך האָבען זיי געשטורמט די באסטיל, די אלטע פעסטונג, די שרעקליכער טורמע וואו דער וואָס איז אריין איז שוין נישט ארויס לעבעדיג.

זיי האָבען איינגענומען די באסטיל, געטויט די וואך און ארויסגעלאָזט די ארעסטירטע אויף דער פריי. דעם באסטיל הויפּטמאַן האָבען זיי אָפּגעהאקט דעם קאָפּ און ארומגעטראָגען אויף די גאַסען. פּאריז האָט געקאכט ווי אין א קעסעלגרוב. קיינער איז נישט געווען זיכער מיט'ן לעבען. טונקעלע בעשעפענישען זענען ארויסגעקראָכען פון די לעכער און גערויבט און געמאָרדעט.

דער קעניג האָט געזעהן אז ער מוז עפּעס טאָן צו בערוהיגען די אויפגערעגטע געמיטער ער האָט בעפוילען דאָס מיליטער

זאָל אוועק ווייט פון שטאָדט און ער האָט צוריקגערופען דעם אראָפּגעזעצטען פינאַנץ־מיניסטער, וואָס איז געווען בע־ליעבט ביים פאָלק.

דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען. פאַריז איז נישט געוואָ־רען רוהיג. פון גאַנץ פראנקרייך זענען אָנגעלאָפען אין דער הויפּשטאָדט אלע אויפגערעגטע און היציגע לייט און בע־שלאָסען נעמען נקמה אָן זייערע אונטערדריקער די פּריצים און אריסטאָקראטען. א סך אריסטאָקראטען זענען אויפגע־האנגען געוואָרען אויף די גאַס־לאָמטערנס. ווי זיי האָבען געכאַפּט אַן אריסטאָקראט האָט זיך גלייך געטראָגען א גע־שריי:

— אויפ'ן לאָמטער! אויפ'ן לאָמטער!

ווי דער ים פון די ברעגען האָט דאָס פראנצויזישע פאָלק זיך ארויסגעריסען פון זיין קנעכטשאַפט און פערגעסען אלע גרעניצען. ווער עס איז ארייגעפאלען אין זייערע הענד אריין איז נישט ארויס לעבעדיג.

די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג האָט אָפּגעשאַפט אלע פּריי־ווילעגיעס פון די גלחים און פּריצים און אלע שלעכטע גע־זעצען. און געשאַפען נייע, גלייך פאַר אלע איינוואוינער פון לאַנד. דאָס פראנצויזישע פאָלק האָט זיך געפרייט מיט דער געוואונענער פרייהייט און די אידען האָבען געהאָפט אז זיי וועלען אויך געווינען מענשליכע רעכט גלייך מיט אלע.

---

דער קעניג איז נישט געווען שלעכט צו אידען. ווען די אי־דען פון עלזאס לאָטרינגען האָבען זיך בעקלאָגט פאַר'ן קעניג אויף זייערע געברענטע ליידען, האָט דער קעניג בעפוילען אויסצוקלייבען א אידישען קאָמיטעט, וואָס זאָל איינאיינעמ מיט די מיניסטאָרען אויסארבייטען א פּלאַן ווי צו פערבעסע־רען די אידישע לאַגע.

בראש פון דעם אידישען קאָמיטעט איז געשטאַנען דער גביר נפתלי הערץ עדעלסהיים, וואָס מען האָט איהם גערופען "צערף בער". ער האָט זיך נאָך בעריהמט געמאַכט מיט זיין טעטיגקייט אין לודוויג דעם פופצעהנטעס צייטען. בשעת דער זיבען־יאָהריגער מלחמה, ווען ער האָט געראטעוועט דאָס לאַנד פון הונגער.

ער האָט בעקומען אן ערלויבניש צו בעזעצען זיך אין שטראסבורג, וואו אידען האָבען נישט געטאָרט וואוינען. ער האָט צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דער ארמעע. און געהאַט גרויס איינפלוס. מיט איהם איז אויך געוועזן אין קאָמיטעט דער געלערנטער און עסקן יצחק בער פון נאנסי. זיי האָבען פערלאַנגט אז די רבנים זאָלען האָבען דאָס רעכט צו משפּט'ען צווישען אידען. נאָר די איבעריגע קאָמיטעטלייט זענען געווען קעגענדעם. דער קאָמיטעט האָט גע'פּועל'ט דער קעניג זאָל אָפּשאַפען דעם לייב־אָבצאָהל וואָס די אידען פון עלזאס לאָט־רינגען האָבען געמוזט צאָהלען.

ווען מיראבא איז צוריקגעקומען פון בערלין נאָך פאריז, זייענדיג אונטער'ן איינפלוס פון משה מענדעלסאָן, האָט ער געשריבען אַ ווערק לטובת אידען, געריהמט דאָס אידישע פאָלק מיט זיינע גרויסע מעלות און דערצעהלט די פראנצויזען די ליידען וואָס אידען שטעהן אויס אין דעם לאַנגען ביי־טערן גלות.

אומעטום האָט מען גערעדט וועגען דער אידישער פראגע. די אידען האָבען זיך בעקלאַגט אויף זייערע צרות, און די שונאי־ישראל, איבערהויפּט די דייטשען פון עלזאס, האָבען געשריבען גיפטיגע ארטיקלען און ביכער קעגען אידען. אַ פראַנצויזישער איד, ישעיה ביוג איז ארויס מיט אַ שאַרפע אנקלאַגע קעגען די שונאי־ישראל און האָט זיי דערמאָנט אז אין דער צייט, ווען זייערע זיידעס די גאלען און גערמאַנער זענען געווען ווילדע געצענדינער האָבען די אידען געהאַט די גרעסטע גייסטער. מיר ווילען נישט קיין גענאָד, מיר ווילען נישט קיין פּריווילעגיעס, האָט ער געשטורמט, מיר ווילען גלייכהייט מיט אַלעמען. מיר זאָלען מעגען וואוינען אומעטום, טאָן וואָס מיר ווילען גלייך מיט אַלע בירגער, מיר זאָלען האָ־בען שולעס צום לערנען און געניסען פון די אַלע פערדינסטען ארבייטענדיג פאַר'ן לאַנד און דער רעגירונג.

עס האָט געקאָכט אין לאַנד מיט דער אידישער פראַגע. די קעניגליכע וויסענשאַפטליכע אַקאַדעמיע האָט בעשטימט אַ פּרייז פאַר דעם וואָס וועט ריכטיג פערענטפערן די פראַגע ווי צו פערבעסערן די אידישע לאַגע אין פראַנקרייך פאַר זייער גליק און פאַר'ן נוצען פון דער מדינה.

דריי געלעהרטע האָבען זיך אָפּגערופען, דער גלח גרעגואר, דער אַדוואָקאַט טיערי און שלמה זאלקינד הורוויץ, א געבוי־רענער פון קאָוונא, ליטא. גרעגואר, דער גלח, האָט זיך אמייס־טען אויסגעצייכענט. ער איז געווען בעקאַנט מיט משה ענס־היים און געקראָגען פון איהם א סך מאַטעריאַל פאַר דער אר־בייט. איין זאך האָט ער אפילו בפירוש געבראכט אין משה ענסהיים׳ס נאָמען. נאכדעם ווי ער האָט צוקלאַפּט אַלע טענות פון די אידען־פיינד האָט ער אויפגעפאָדערט די פראנ־צויזען צו פערבעסערען די אידישע לאגע און אויסגערופען צו אלע פעלקער :

”אכצעהן הונדערט יאָהר ווערען די אידען געטרעטען פון אייך. וואָס ווילט איהר פון די אידען ? איהר לאָזט זיי לעבען און דערלאָזט נישט זיי זאָלען האָבען פונוואנעט צו לעבען ! עפענט אייערע טויערן פאר דעם אומגליקליכען פאָלק, זאל עס האָבען א רוהיג אָרט וואו אנצושפּארען דעם קאָפּ. איך, דער קריסט, וועל דער ערשטער ארויסגעהן אַקעגען די אידען און דריקען צום הארצען דעם ערשטען אידען וואָס איך וועל טרעפען, און איהם אויפנעמען ווי א פריינד און א ברודער“.

---

מיראבא און גרעגואר זענען געווען מיטגלידער פון דער נאַציאָנאלער פערזאמלונג. דעמאָלט האָט דאָס פאָלק געהאַט איין דעוויז : צושטערען די פּאלאצען און די הייזער פון די אָרימע נישט אָנצוריהרען.

פיעל פּאלאצען זענען אוועק אויפ׳ן פייער. מאָנאסטירען אויסגערויבט און צושטערט. און מאסען אריסטאָקראטען אויסגעקוילעט. אין עלזאס איז די רעוואָלוציע אויך געווען זעהר שטאַרק.

פליצלינג האָט א פערבאָרגענע האנד אָפּגעקירעוועט די רעוואָלוציאָנערען פון די אַריסטאָקראַטען און זיי אנגעשיקט אויף די אידען. און באלד זענען די אידען געוואָרען די קרבנות.

די ערשטע נאכט האָבען משה מיט צביה׳ן איבערגענעכ־טיגט אין ענזעסהיים און אינדערפריה האָבען זיי דערזעהן ־אָם אומגליק. ווילדע געשרייען האָבען זיי אויפגעריסען פון

שלאַף. דערשראָקענע האָבען זיי זיך אָנגעטאָן און צוגעשפּרונ־
גען צום פענסטער. און, אוי, אַ ווילדע שרעק!

די גלעקער קלינגען ווי ביי א פייער. מאסען מענשען שטופּען זיך און טומלען, לאַבוזעס לויפען פרעהליך, רויבער־שפּרינגען מיט געלעכטער און ברעכען טירען און פענסטער. צושמעטערן מעבעל, צורייסען דעקען און קישענס און לאָזען פליהען די פעדערן. און די אידען וויינען, קלאגען און יאָמערן. די געשרייען פון די צושלאָגענע אידען געהן ביז'ן הימעל. די שטאָדט איז פול מיט געטויטע אידען. די באנדעס לויפען און שרייען: שלאָגט די אידען! שלאָגט אָהן רחמנות!" און די הילפלאָזע אידען קלאגען און בעטען די מערדער זאָלען האָ־בען רחמנות.

משה מיט צביה'ן האָבען זיך דערשראָקען. ער האָט זי א כאפּ געטאָן און אראָפּ מיט איהר אין קעלער. א גאנצען טאָג זענען זיי געלעגען אין פינסטערן קעלער. זיי האָבען נישט געפיהלט קיין הונגער און קיין דורשט.

צו זייער גליק זענען די מערדער נישט אריין אין זיין הויז. עטליכע יאָהר איז דאָס הויז געווען פערשלאָסען, משה איז דאָך געווען אין בערלין. די גוים האָבען נישט געוואוסט, אז די נאַכט צופריהער איז ער געקומען. נאָר פערבייגעהענדיג האָבען זיי אויסגעהאקט די שויבען. ווי קענען זיי איבערלאָזען אידישע פענסטער מיט גאנצע שויבען?

פּאַרנאַכט איז געוואָרען רוהיגער. משה האָט אָבער מורא געהאַט די פּאָגראָמשטשיקעס זאָלען נישט מאָרגען רעניוען זייערע מערדערייען, האָט ער בעשלאָסען שפּעט ביינאַכט ארויסצוכאַפּען זיך פון שטאָדט און פאָהרען נאָך פּאריז.

אין דער פינסטער זענען משה מיט צביה'ן ארויס פון הויז. געגאַנגען שטיל איבער צוהאקטע געפעס, צובראָכען מע־בעל און אין קופּה'ס פעדערן, וואָס האָבען בעדעקט די גאַס ווי אַ טיפער שניי. אָפט האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אָן טויטע. זיי האָבען געהערט קרעכצען פון פערוואונדעטע. זיי האָבען געוואוסט אז דאָס קרעכצען אידען. זייערע הערצער האָבען שטיל געוויינט אויף דעם אומגליק. זיי האָבען זיך אָבער נישט געקענט העלפען. און זיי האָבען זיך געאיילט וואס גיכער צו זיין אויסער'ן שטאָדט. דאָרט האָבען זיי זיך

נישט געקענט איינהאַלטען און אויסגעבראָכען אין א גרויס געוויין. בעוויינט די טויטע, די צורויבטע, געקלאגט אויפ'ן אידישען בראָך וואָס איז גרעסער ווי דער ים און אויף די צרות, וואָס האָבען נישט קיין סוף.

אויפ'ן וועג האָבען זיי געוואָהר געוואָרען אז ענזעסהיים איז נישט קיין אויסנאַם. אין גאַנץ עלזאַס איז דאס אומגליק. יעדע אידישע קהלה האָט געהאַט א פּאָגראָם. פיעל אידען זענען אַנטלאָפען נאָך באַזעל, שווייץ, זיך ראַטעווען. אידען טאָרען נישט וואוינען אין באַזעל, דאָך האָבען די דאָרטיגע קריסטען נישט פערשטויסען די אידען וואָס זענען געקומען ראַטעווען זיך ביי זיי. זיי האָבען אריינגעלאָזט די אידען, זיי נעגעבען עסען און אויפגעהאַלטען ביז די ווילדע עלזאַסער האָבען אויפגעהערט מאַכען פּאָגראָמען.

די אידען פון דער גאַנצער וועלט האָבען שטאַרק געלויבט די באַזעלער איינוואוינער, וואָס האָבען בעהאַנדעלט מענשליך די אנטרינענע אידען.

משה מיט צביה'ן זענען אָנגעקומען נאָך פּאַריז און ער איז גלייך אוועק צו מיראַבאָ'ן מיט גרעגואר'ן און זיי דערצעהלט פון די פּאָגראָמען אין עלזאַס. זיי האָבען גלייך אויפגעהויבען די פראגע אין דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג און געפאָדערט, אז די נבלה זאָל ווערען אָפּגעשטעלט און די אידען זאָלען ווערען געראַטעוועט.

---

דעמאָלט איז געווען די צייט פאַר דער אידישער פראגע. די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג האָט דאָך אויסגעאַרבייט נייע געזעצען. און עס איז אָנגענומען געוואָרען דאָס געזעץ פון גלייכהייט פאַר אַלע מענשען. די אריסטאָקראַטען פון דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פּריווילעגיעס. דאָס פראנצויזישע פאָלק איז בעפרייט געוואָרען פון די קייטען וואָס האָבען עס געהאַלטען געשמידט הינדערטער יאָהרען. אַלע צינזען און אָפּצאָהלען קערפּערליכע און מאַטעריעלע פון די פויערן, וואָס האָבען געוואוינט אויף די פעלדער פון די גלחים און פריצים זענען געוואָרען בטל. און איטליכער וואָס וועט זיין פעהיג וועט קענען קריגען אַן אַמט.

דער קעניג האָט בעשטעטיגט די געזעצען און געוואונען צוריק די ליעבע פון פאָלק. אַלע האָבען זיך געפרייט מיט איהם און דער טאָג איז געווען א גרויסער יום־טוב, דער יום־טוב פון דער בעפרייאונג.

מארקיז לאַפאיעט וואס האָט געוויזען העלדישקייט אין דער מלחמה צווישען אמעריקא און ענגלאַנד און וואָס איז געווען פול מיט דעם גייסט פון דער בעפרייטער אמעריקא, האָט זיך אומגעקערט אלס זיעגער אין זיין פאטערלאַנד.

פיעל אידען זענען אריינגעטראָטען אין דער נאציאָנאַלער גוואַרדיע און זיך שטאַרק אויסגעצייכענט און דערדינט זיך צו העכערע ראנגען אין דער גוואַרדיע. דאָס האָט אָבער נישט געווירקט אויף די קאטאָלישע פאַנאַטיקער אין דער נאציאָנאַלער פערזאמלונג און זיי האָבען נישט געוואָלט געבען גלייכבערעכטיגונג צו נישט־קאטאָליקען, צו אידען.

מיראבא און נאָך פערטרעטער האָבען געשטורמט קעגען די פאַנאַטיקער. עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. די אידען האָבען נישט געקראָגען קיין גלייכע רעכט מיט אלעמען. עס איז נאָר אָנגענומען געוואָרען א געזעץ נישט צו שטערען זיי, מען זאָל זיי לאָזען צורוה.

די אידען זענען געווען צופרידען מיט דעם. אבי זיכער פון פאָגראָמען. און געהאָפט אז שפעטער וועלען זיי בעקומען גלייכע רעכט.

מעהר האָט די נאציאָנאַלע פערזאמלונג זיך נישט גע־קענט אָפגעבען מיט אידען. די אריסטאָקראטען וואָס האָבען זיך אָפגעזאָגט פון זייערע פריווילעגיעם האָבען חרטה גע־האַט, א סך פרינצען, גענעראַלען און הויכע גלחים האָבען פערלאָזט פראַנקרייך און אין אויסלאַנד געפּלאַנעוועט שטי־לערהייט צו בעפאַלען פאַריז, מיט דער הילף פון פרעמד מי־ליטער, און דערשטיקען די רעוואָלוציע און צוריקנעמען אלע געווינסען פון פאָלק.

ווען די פראנצויזען האָבען דאָס געוואָהר געוואָרען זענען זיי געוואָרען אויפגעקאָכט. צו דעם האָט דער קעניג בעפוילען א פאָלק סאָלדאטען צו געהן נאָך ווערסאיל, זיי זאָלען איהם בעשיצען. די אָפיצירען האָבען געמאַכט א באַל און אנגע־

טרינקענערהייט געזידעלט די "קנעכט וואָס האָבען געמאַכט אן אויפשטאנד קעגען זייערע הערען".

איז פּאַריז ווייטער געוואָרען שטאַרק אומרוהיג. עס איז אויך געווען זעהר אַ שלעכטע צייט. נישט געווען וואָס צו עסען. און די הונגעריגע ארימע זענען בעפאָלען מיט שטורם דעם "האָטעל דע וויל", די שטאָדט־רעגירונג און בערויבט אַלעמען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען.

אַלע אומצופרידענע זענען צוגעשטאַנען צו זיי און צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע בעוואפענט זענען זיי אוועק נאָך ווערסאַיל, וואו דער קעניג איז געווען, צו פערטרייבען זיין שויץ־פאָלק און ברענגען דעם קעניג מיט דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג נאָך פּאַריז.

לאַפאַיעט האָט שטאַרק געארבייט צו פערמיידען דעם שריט. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט העלפען, און איז נאָך געווען געצוואונגען צו געהן בראש פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע נאָך ווערסאַיל.

די מאַרק־ווייבער, די הענדלערקעס זענען געווען שרעקליך ווילד. זיי זענען געלאָפען פאָראויס. און צוקומענדיג צום קעניגליכען פּאַלאַץ אין ווערסאַיל האָבען זיי געמאַכט אַזא טומעל אז דער קעניג האָט זיך דערשראָקען צום טויט. ער האָט גלייך געהייסען זיינע סאָלדאַטען אָפּטרעטען פון פּאַלאַץ און לאַפאַיעט האָט אויסגעשטעלט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע ארום פּאַלאַץ און געמיינט אַז דערמיט איז אַלץ געענדיגט.

פאַרטאָג האָבען זיך די רעוואָלוציאָנערן אריינגעריסען אין פּאַלאַץ און געטויט דעם קעניג'ס לייב־היטער און זיך אריינגעריסען אין די קעניגליכע צימערן. דער קעניג מיט דער קעניגין זענען ארויס אויפ'ן באַלקאָן און געבעטען די אָנפאַלער נישט צו טויטען די סאָלדאַטען. און פּלוצלינג האָבען די אָנפאַלער אָנגעהויבען שרייען:

— עס זאָל לעבען דער קעניג! עס זאָל לעבען די קעניגין!

אין דער מינוט האָבען זיי זיך געביטען. לאַפאַיעט האָט אָנגענומען דער קעניגינ'ס האַנד און געקושט און ווידער האָט די מאַסע געשריגען:

— עס זאָל לעבען די קעניגין ! עס זאָל לעבען אונזער פיהרער פון דער נאציאָנאַל גווארדיע !

דער דערשראָקענער קעניג האָט איינגעשטימט אריבער פאָהרען נאָך פאריז. פאראויס האָבען די רעוואָלוציאָנער־ען געטראָגען די אָפּגעהאַקטע קעפּ פון דעם קעניג'ס לייבהיטער. די קעניגין מיט איהרע צוויי קינדער זענען געפאָהרען אין א קעניגליכער קארעטע און נאָך זיי די איבערגעבליבענע קעניגליכע סאָלדאַטען ווי געפאנגענע. דער עולם האָט זיך גע־מאכט לוסטיג איבער זיי און געשריגען :

—"אַט פיהרט מען דעם בעקער מיט זיינע העלפער, ווע־לען זיי באַקען פאר אונז ברויט צו דערזאַט !"

---

באַלד נאָך דעם טומעל האָבען צוויי הונדערט מיטגלידער פון דער נאציאָנאַלער פערזאַמלונג זיך צוריקגעצויגען אַלס פּראָטעסט קעגען דעם ווילדען אויסברוך. די איבריגע זענען אריבערגעפאָהרען נאָך פאריז און אָפּגעהאַלטען די זיצונגען אין קעניגליכען פּאַלאַץ פון דער הויפּטשטאָדט.

די מעסיגע האָבען זיך געזעצט רעכטס און די עקסטרימע לינקס. עס זענען געשאַפען געוואָרען עטליכע פּארטייען. די עקסטרימע פרייהייטס קעמפער האָבען זיך גערופען "יאקאָ־בינער", ווייל זיי האָבען געהאַט זייערע פערזאַמלונגען אין קלויסטער פון "הייליגען יאקאָב". זיי האָבען געטראָגען רויטע היט אַלס צייכען פון זייער פּארטיי.

די מאַסען זיינען צוגעשטאַנען צו זיי און וואס זיי האָבען געוואָלט האָבען זיי אויסגעפיהרט. זיי האָבען געווירקט אז אַלע מאָנאַסטירען זאָלען ווערען פערמאַכט, די גלחים געזעל־שאַפטען אויפגעלייזט און די רייכטימער פון דער רעגירונג און קירכע זענען געוואָרען קאָנפיסקירט אין דערקלערט פאר נאַ־ציאָנאַלען אייגענטום. און ווער עס האָט געוואָלט האָט דאס געקענט קויפען.

דעם קעניג האָבען זיי איבערגעלאָזט עטליכע גיטער און בעשטימט פאר איהם א געהאַלט אויף זיין בעדערפניס. די פּריווילעגיעס און טיטולען פון דעם אדעל זענען געוואָרען אָפּגעשאַפט און יעדער איינער אָהן אונטערשיד זאָל זיך נאָר רופען בירגער.

עס איז אבער אלץ נישט גענוג געווען צו שטילען דעם הונגער פון די ארימע. האבען פיעל בירגער בייגעשטייערט געלד פון זייער קעשענע אויף דעם פאָנד פאר די הונגעריגע. האָבען זיך די אידען אויסגעצייכענט מעהר פון די קריס־טען. זיי האבען געגעבען גרויסע סומען געלד, און דער גע־לערענטער איד זאלקינד הורוויץ, וואס איז געוואָרען פער־וואלטער פון דער רעגירונגס ביבליאָטעק אין בעקומען א קליין געהאלט, האט אוועקגעשאָנקען א פערט־חלק דערפון פאר די אָרימע. אין דערזעלבער צייט איז ער מיט נאָך אידען אריין אין דער נאציאָנאלער גוואַרדיע.

אז די אידישע גוואַרדיסטען האבען געזעהן אז זייער מיה און איבערגעגעבענקייט העלפט נישט די אידען זאָלען ווע־רען גלייכע בירגער, האבען זיי אויסגעקליבען פופציג גוואר־דיסטען מיט זאלקינד הורוויץ בראש און זיי געשיקט צו דער נאציאָנאלער פערזאמלונג פאָדערן זייער רעכט.

די בירגער פון אידישען קווארטאל אין פאריז האבען גע־האלטען מיט די אידען. עס האט אבער אלץ נישט געהאָלפען. צופיעל שונאי ישראל זענען געזעסען אין דער נאציאָנאָלער פערזאמלונג און זיי האבען נישט דערלאָזט גלייכבערעכטיגען די אידען.

עס האָט אויך נישט געהאָלפען וואָס דער גלח גרעגואר האט זיך איינגעשטעלט פאר אידען. אומזיסט האט מיראבא פינף מאָל פרובירט אויפהויבען די אידישע פראגע אין דער נאציאָנאלער פערזאמלונג און ער האט נישט אויסגעפיהרט.

פלוצלונג אינמיטען א רעדע האָט מיראבא בעקומען די אפּאָפּלעקציע, זעקס טעג האָט ער געקרענקט און געשטאָרבען. אין זיין טויט האָבען אידען פערלוירען א גרויסען פריינד אין די האָפנונג צו ווערען גלייכבערעכטיגט. אזא הייסען פער־טיידיגער ווי מיראבא האבען אידען אין דער נאציאָנאלער פערזאמלונג נישט געהאט מעהר.

די אידישע אומאייניגקייט האט אויך געטאָן פיעל שאַ־דען. די פּאָרטוגעזישע אידען פון באָרדא, אוויניאן און אנ־דערע שטעדט, וואָס שטאמען פון די מאראנען, האָבען זיך איינגערעדט אז זיי שטעהען העכער פון די אשכנזישע אידען. די פּאָרטוגעזישע גבירים וואס זענען געווען אין קאָמי־

טעט וואס דער קעניג האט גלייך אין אנהויב נאך בעשטימט וועגען דער אידישער פראגע, אברהם פארטאדא, דוד גראדעס, לופעס דובעק, אברהם לופעס לאגאנא און יצחק ראדריגעז פערארא האבען זיך משתדל געווען ביי דער נאציאנאלער פערזאמלונג נאך פאר די פארטוגעזישע אידען. פאר די אשכנזישע אידען האבען זיי זיך נישט איינגעשטעלט. זיי האבען נאך געזאגט אז די אשכנזישע אידען פערדינען נישט צו ווערען גלייכבערעכטיגטע בירגער.

די פארטוגעזישע רייכע אידען האבען שרעקליך פיינט געהאט די אשכנזישע אידען און נישט געוואלט זיך משדך זיין מיט זיי. און מ'אמער האט א מאל א פארטוגעזי־שער איד חתונה געהאט מיט אן אשכנזיש מיידעל האבען זיינע עלטערן זיך געזעצט "שבעה" נאך איהם ווי נאך א טויטען אדער נאך א משומד.

די פארטוגעזישע אידען האבען ארויסגעוויזען זייער שנאה צו די אשכנזישע אידען נאך אין לודוויג דעם פופצעהנטענס צייטען. עטליכע אשכנזישע אידען האבען זיך בזעצט אין בארדא, האבען די דארטיגע פארטוגעזישע אידען זיך משתדל געווען ביים קעניג ער זאל זיי ארויסטרייבען.

ווען וואלטעיר איז ארויסגעטראטען קעגען אידען האט יצחק פינטא, א רייכער פארטוגעז פון בארדא איהם געענט־פערט און געשריבען אז דער איד פון בארדא שטעהט העכער פון דעם איד פון מעץ אזוי ווי דער הימעל איבער דער ערד. און ווען א ספרדי פערשוועכט זיין כבוד, האט ער געשריבען, און נעמט אן אשכנזיש מיידעל פאר א ווייב ווערט ער אויס־געשלאסען פון דער קהלה און נאכ'ן טויט קריגט ער נישט קיין קבר אויפ'ן בית עולם. א ספרדישער איד איז נישט אזוי נידריג, האט יצחק פינטא געשריבען אין זיין ענטפער צו וואלטעיר'ן, ער זאל לייהען געלד אויף פראצענט און רייך ווערען פון די רואינירטע קריסטען ווי עס טוען דאס די אשכנזישע אידען.

זיינע רייד האבען געווירקט אויף וואלטעיר'ן און ער האט צוגעגעבען אז ער האט געמאכט א טעות מעסטענדיג גלייך די ספרדישע מיט די אשכנזישע אידען.

איצט ווען די פארטוגעזישע גבירים זענען געקומען צו

דער נאציאָנאלער פערזאמלונג פראטעסטירען, וואס זיי זענען נאָך נישט קיין גלייכבערעכטיגטע בירגער האבען זיי גע־טענה'ט אז ס'איז א פערברעכען צו האלטען זיי, די פארטו־געזישע אידען, גלייך מיט די אשכנזישע, וואס זיי האבען זיי פונקט אזוי פיינט ווי די קריסטען האסען זיי.

זייער פערלאנג איז געוואָרען דערפילט. עס איז אנגענו־מען געוואָרען א געזעץ אז די פאָרטוגעזישע אידען זענען ביר־גער. דער קעניג האָט אונטערגעשריבען דאָס געזעץ און די אשכנזישע אידען זענען געבליבען ווייטער רעכטלאָז.

א בעריהמטער שתדלן, ר' יצחק בער, האָט זיך שטארק געמיהט פאר דער נאציאָנאלער פערזאמלונג די אשכנזישע אידען זאלען אויך בעקומען בירגער רעכט. פארוואס זאלען זיי זיין אנדערש פון די פאָרטוגעזען, זיי האבען דאָך איין אמונה, האָט ער גע'טענה'ט, זיין מיה איז אָבער געווען אומ־זיסט. די אידען־פיינד האבען דאס נישט דערלאָזט. די על־זאסער זענען געווען שטרענג געגען דעם און די איבעריגע שונאי ישראל האבען מיט זיי מיטגעהאלטען.

אויב מיר וועלען דאס טאָן, האבען זיי געזאגט, וועלען די קריסטען בעפאלען די אידען און זיי אויסקוילען און עס וועט זיין אן אונגליק פאר דער נאציאָנאלער פערזאמלונג.

דער קעניג איז געווען שטארק בעוואכט און ער האָט זיך געפיהלט ווי א געפאנגענער. האָט ער בעשלאָסען צו אנט־לויפען איבער דער גרעניץ צו זיינע לייט וואָס זענען שוין פריהער אנטלאָפען און געפיהרט פערהאנדלונגען מיט פער־שידענע קעניגען, זיי זאָלען געהן מיט א גרויסע ארמעע אויף פאריז און דערשטיקען די רעוואָלוציע. דער קעניג מיט זיין פאמיליע האבען זיך ארויסגע'גנב'עט און אנטלאָפען.

די יאקאבינער האָבען דאָס געוואָהר געוואָרען האָבען זיי איהם נאָכגעיאָגט און געכאַפט און מיט שאַנד צוריקגע־בראכט נאָך פאַריז. דערמיט איז בעוויזען געוואָרען אז דער קעניג ברעכט זיין שבועה, וואָס ער האָט געגעבען דער נאַ־ציאָנאלער פערזאמלונג. ער איז א פאָלקס־פיינד. ער וויל ברענגען פרעמדע סאָלדאטען צו פערגיסען פראנצויזיש בלוט.

א פייערדיגע שנאה האָט אויסגעבראָכען אויפ'ן קעניג. די היציגע יאקאבינער אָנגעפיהרט פון ראבעספיער, מאראט,

ד׳אנטאן, העבער, סט. יאסט, קאטאן און אנדערע האָבען בע־קומען די מאכט און זיי האָבען אָהן רחמנות זיך אָפּגערע־כענט מיט די אַלע וואָס זיי האָבען חושד געווען אז זיי זענען קעגען דער רעוואָלוציע.

די רעכטע מיטגלידער פון דער נאציאָנאַלער פערזאַמלונג, וואָס זענען געווען קעגען דער רעוואָלוציע זענען דערוואַיטערט געוואָרען. א סך זענען אַליין ארויסגעטראָטען און א סך האָ־בען פערלוירען די קעפּ. זיי זענען געווען די הויפּט־געגנער פון דער אידישער גלייכבערעכטיגונג.

באַלד איז די פראגע פון דער אידישער גלייכבערעכטיגונג ווידער אויפגעהויבען געוואָרען אין דער נאציאָנאַלער פער־זאמלונג, און אָהן די שונאי ישראל אינמיטען, איז אָנגענומען געוואָרען צוויי טעג איידער די פערזאמלונג איז צוגאַנגען, א געזעץ אז אַלע אידען זענען גלייכע בירגער מיט די קריס־טען.

די אידען האָבען אָפּגעגעבען א שבועה צו זיין געטרייע בירגער און דער קעניג האָט אונטערגעשריבען דאָס געזעץ.

די אשכנזישע אידען האָבען אָנגעטאָן אויף די הי‌טלען די דריי פארביגע קאקארדע — דער צייכען פון פראנצויזישער בירגערשאפט. א היבשע צאָהל האָט אָנגעטאָן רויטע היט, זענען צוגעשטאנען צו די יאקאבינער, וואָס האָבען געוואָלט אראָפּזעצען דעם קעניג און גרינדען א רעפּובליק.

די מעהרסטע גלחים האָבען אָבער נישט געוואָלט שווערען טרייהייט דער קאָנסטיטוציע. זיי האָבען נישט גע־וואָלט אָפּזאָגען זיך פון זייערע פריווילעגיעס. דער פּויבסט האָט זיי צוגעגעבען מוט און ארייגעלייגט אין חרם די גלחים וואָס האָבען יא זיך אונטערגעגעבען דער נייער אָרדנונג. די פערביסענע גלחים האָבען געהעצט די גלויביגע קעגען די פרייהייטס־קעמפּפער. און דער קעניג, א פאנאַטישער קאַטאָליק, האָט געפּאָלגט דעם פּויבסט און דערוואַיטערט די פרייערע גלחים און זיך ארומגערינגעלט נאָר מיט די שונאים פון פרייהייט.

דאָס האָט אויפגעבראכט נאכמעהר די פראנצויזען אויף׳ן קעניג מיט די פאנאַטישע גלחים. צו דעם איז ענטדעקט גע־וואָרען א פערשווערונג פון די אדעללייט אין פראנקרייך מיט

די אנטלאָפענע רעאקציאָנערען צו בעפאלען מיט מאַכט פאריז און אָפּשאפען די פרייהייט.

האָבען די יאקאבינער פיהרער פון קאנווענט, וואָס האָט פערטראָטען דאָס ארט פון דער נאציאָנאלער פערזאמלונג, ארויסגעגעבען א בעפעהל צו ארעסטירען אלע גלחים, וואָס ווילען נישט שווערען טרייהייט דער נייער אָרדנונג אלס פעררעטער. די אנטלאָפענע אדעללייט זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען תיכף זיך אומצוקערען נאָך פראנקרייך. אויב זיי וועלען בלייבען אין אויסלאנד וועט זייער אייגענטום ווערען קאָנפיסקירט און זיי וועלען אלס פעררעטער ווערען פעך־משפט צום טויט.

דער קעניג האָט אָבער נישט געוואָלט אונטערשרייבען דאָס שטרענגע געזעץ. ער האָט נישט געוואָלט בעשטעטיגען אזא שווערען אורטייל אויף זיינע גוטע פריינד, וואָס פער־טיידיגען זיין טראָהן און אומבעגרעניצטע הערשאפט.

די יאקאבינער האָבען זיך ארייננגעריסען אין קעניג׳ס פאלאץ און איהם געוואָלט צווינגען אונטערשרייבען. ער האָט אויסגעהערט די דראָהונגס־געשרייען און זידלערייען רוהיג און אלץ נישט געוואָלט אונטערשרייבען. די אויפגערעגטע מאַסע וואָלט איהם צוריסען, נאָר די קאנווענט מיטגלידער זענען געקומען און איהם געראטעוועט.

דער קעניג מיט דער קעניגין האָבען געפאָלגט און אוועק אין קאנווענט. די פערזאמעלטע האָבען זיך נישט אויפגע־שטעלט פון זייער כבוד וועגען, און מען האָט זיי אויך נישט געגעבען דאָס פלאץ וואָס געהערט דעם קעניג צו זיצען.

און זייענדיג דאָ האָבען זיי געהערט ווי מען פערהאנ־דעלט אָפּצושאפען די מאָנארכיע און איינפיהרען א רעפובּ־ליק. מען האָט שוין נישט ערלויבט דעם קעניג מיט דער קע־ניגין זיך אומקערען אין פאלאץ, נאָר זיי ארעסטירט און איינגעזעצט.

---

דערווייל האָבען די אייראָפעאישע הערשער מיט דעם עסטרייכישען קייזער און פרייסישען קעניג בראש ארייננגע־שיקט אן ארמעע נאָך פראנקרייך אונטערצודריקען די רעוואָ־לוציע און צוריקגעבען דעם קעניג זיין מאַכט.

ווי די ארמעע איז אריבער דער גרעניץ האָט דאָס פראַנ־צויזישע פאָלק זיך מאָביליזירט אַרויסצוטרעטען קעגען פרעמ־דען שונא און אויך קעגען דעם אינוויינגסטען. נישט האָ־בענדיג געגוג געוועהר האָבען זיי געכאַפּט העק און היי־גאָפּ־לען און זיך געגרייט צו אַ ווידערשטאַנד.

אַלע איינגעשפּאַרטע גלחים און אדעלליט זענען געוואָ־רען ארעסטירט. אומעטום האָבען זיי געזוכט די געגנער. וואו נאָר אַ פערדעכטיגטער איז געוואָרען געכאַפּט איז ער אריינ־געשליידערט געוואָרען אין געפענגניש. מאַסען זענען גע־טויט געוואָרען אָהן אַ משפּט.

דעמאָלט האָבען זיי אוועקגעשטעלט די גיליאָטינע און געשניטען קעפּ אָהן אַ שיעור. זיי זענען מיעד געוואָרען פון קוילען מענשען.

דער קעניג איז געצוואונגען געוואָרען צו דערקלערען קריעג צו עסטרייך. דער הערצאָג פון ברוינשווייג האָט גע־פיהרט זיין ארמעע אויף פּאַריז. ער האָט געוואָרנט פריהער די פראַנצויזען זיי זאָלען אומקערען דעם קעניג די מאַכט, אויב נישט וועט ער מאַכען אַ חורבן אין פראַנקרייך און נישט לאָזען אַ ציגעל אויף אַ ציגעל אין פּאַריז.

אין אָנהויב האָט ער געהאַט עטליכע זיעגען און פערנומען פראַנצויזישע פעסטונגען. שפּעטער האָבען אָבער די פראַנ־צויזען געוואונען און פערטריבען דעם שונא פון פראַנקרייך.

די יאַקאָבינער האָבען בעשלאָסען צו משפּט'ען דעם קעניג אַלס פעררעטער. זיי האָבען געפונען בעהאַלטען דאָקומענטען, וואָס האָבען בעוויזען, אז דער קעניג האָט געהאַט אַ האַנד אין דעם אָנפאַל אויף פראַנקרייך.

---

זיי האָבען אָפּגעזונדערט דעם קעניג פון זיין פאַמיליע און געהאַלטען אין אַן איינצעל קאַמער. פינף און צוואַנציג טעג האָט געדויערט דער משפּט איבער'ן קעניג. ענדליך איז דער אורטייל גענומען געוואָרען צו אַן אָפּשטימונג און מיט אַ מעהרהייט פון זעקס שטימען איז דער קעניג פער'משפּט גע־וואָרען צום טויט.

דאָס איז געווען דעם זיבעצעהנטען יאַנואַר 1793. ער

האָט בעקומען דאָס רעכט צו זעהן די פאמיליע פאר'ן טויט און ארויפגעהן אויף דער גיליאטינע בעגלייט פון א גלח.

מורא'דיג איז געווען די סצענע ווען דער קעניג האָט, נאָך א לאַנגער צייט אָפּגעשיידט פון דער קעניגין און דער פאַמיליע זיך ווידער געזעהן מיט זיי. דאָס איז געווען דער טאָג פאר'ן טויט.

אלע האָבען שרעקליך געוויינט. און דער קעניג האָט זיי בערוהיגט און פערזיכערט אז מאָרגען, איידער ער וועט זיך צושיידען מיט זיי אויף אייביג וועט ער זיי ווידער זעהן. דער גלח האָט איהם אָבער צומאָרגענס נישט געלאָזט געהן זעהן זיך מיט זיי, ער זאָל נישט שווערער מאַכען זייער טרויער.

דעם איין און צוואנציגסטען יאנואר, צעהן אינדערפריה, איז דער קעניג אוועקגעפיהרט געוואָרען אין א קארעטע צו דער גיליאטינע. טויזענטער האָבען איהם ארומגערינגעלט און נאכגעגאנגען.

דער קעניג איז אַרויף אויף דער גיליאטינע און דער הענקער האָט איהם געוואָלט אויסטאָן. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט אָנריהרען און אליין אראָבגענומען דעם מאנטעל און אויפגעדעקט דעם האַלז.

די הענקער האָבען איהם געוואָלט בינדען די הענד אהינטער, האָט ער געזאָגט מיט כעס:

— טוט וואָס איהר דארפט, אָבער וואגט נישט מיך בינדען!

די הענקער האָבען איהם אָבער געכאַפּט מיט געוואלט בינדען. ער האָט געוואָלט זיך קעגענשטעלען. האָט דער גלח איהם געבעטען, ער זאָל נאָך נעמען אויף זיך די שאַנד, עס איז א גזרה פון הימעל.

אז זיי האָבען איהם געבונדען האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו דער מאַסע און אויסגעשריגען:

— פראנצויזען! הערט, איך שטאַרב אומשולדיג. איך בין מוחל די וואָס פערגיסען מיין בלוט און בעט גאָט ער זאָל זיך נישט נוקם זיין אן מיין לאַנד פראנקרייך. און דו, מיין אומגליקליך פאָלק! — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מעהר האָט מען נישט געהערט קיין וואָרט. זיין שטימע

איז אָפּגעהאַקט געוואָרען אינמיטען. די פּויקען האָבען גע־פּויקט. די הענקער האָבען איהם אוועקגעלעגט. דאָס שאַר־פע מעסער איז געפאַלען אויף זיין האַלז און דער אָפּגעהאַק־טער קאָפּ האָט זיך אוועקגעקייקעלט.

א הענקער האָט גענומען דעם קאָפּ, אויפגעהויבען אינ־דערהויך, געוויזען אַלעמען און א מעכטיג געשריי האָט זיך געטראָגען הויך:

— עס זאָל לעבען דאָס פאָלק! עס זאָל לעבען די פריי־הייט!

דעם זעכצעהנטען אָקטאָבער, דאָס זעלבע יאָהר, איז אויך די קעניגין, מאַריע אנטואַנעטא אומגעקומען אויף דער גי־ליאָטינע. זי איז נאָך מיט מעהר שאַנד געפיהרט געוואָרען צום טויט. די הענד פערבונדען אהינטער אויף אַן אָפּענעם וואָגען האָבען זיי זי געפיהרט. די גאַנצע קעניגליכע פאַמיליע מיט איהרע אנהענגער האָבען אויך געהאַט דעם זעלבען גורל.

כדי דאָס פאָלק זאָל האָבען אַן אומבעגרעניצטע פרייהייט האָט דער קאָנווענט אָפּגעשאַפט אַלע אמונות און גלויבען אין גאָט. זיי האָבען מבטל געווען די קריסטליכע צייט־רעכ־נונג און אָנגעהויבען דאַטירען פון דעם געבורט פון דער רע־פּובליק. זיי האָבען געענדערט די נעמען פון די מאָנאַטען און אנשטאַט א וואָך פון זיבען טעג האָבען זיי איינגעפיהרט צו צעהן טעג און יעדער צעהנטער טאָג איז א רוה־טאָג. זיי האָ־בען איינגעפיהרט זעקס און דרייסיג נייע פייערטעג אין יאָהר אזוי ווי ביי די אַמאָליגע געצענדינער. דאָס גלויבען איז נאָר אין פערנונפט. און דער וואָס וועט גלויבען אין גאָט וועט בעשטראָפט ווערען מיט׳ן טויט.

דאָס האָט געוואָרפען א שרעק אויך אויף אידען. א סך פרומע אידען זענען אומגעקומען און גאַכמעהר זענען אַנט־לאָפען. די פרייהייט איז פאַר זיי געווען ערגער פון דער ערגסטער קנעכטשאַפט.

א רייכער פּאָרטוגעזישער איד קאַרל פּייקסאָטא הלוי איז אַרעסטירט געוואָרען ווייל מען האָט נעזאָגט, אז ער יחוס׳ט זיך וואָס ער שטאַמט פון שבט לוי. פאַר יחוס׳ען זיך איז אויך געקומען טויט שטראָף.

אין דער צייט האָבען די ריכטער נישט געמאַכט קיין

שהיות מיט די ארעסטירטע. אָהן שום אויספאָרשונג, אָהן עדות אָדער פערטיידיגונג גלייך געשיקט צו דער גיליאטינע. ער וואָלט אויך געוועז אומגעקומען. א האָר האָט געפעהלט און זיי וואָלטען איהם גיליאטינירט.

די ריכטער האָבען אָבער געדענקט איהם זיין איבערגעבענקייט צו דער רעפובליק. ער האָט אָפּגעקויפט פאר גרויסע סומען געלד קאָנפיסקירטע גיטער און דערמיט געגעבען דער רעגירונג א סך געלד. האָבען זיי איהם געשאָנקען דאָס לעבען. נאָר ארויפגעלייגט אויף איהם א שרעקליך שווערע שטראָף.

ער האָט געמוזט בעצאָהלען א מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענט פראַנק אויסלייז־געלד. א צייט־לאַנג איז ער געזעסען אין געפענגניש ביז זיין פאמיליע האָט בעצאָהלט די שטראָף.

אַזוי זענען נאָך אַ סך אידען פון בארדא בעשטראָפט געוואָרען מיט אומגעהייערע סומען געלד. ווען די יאקאבינער וואָלטען נאָך געוואוסט אַז פיעל פּאָרטוגעזישע אידען יחוס'ען זיך אַז זיי שטאַמען פון דער אידישער קעניגליכער פאַמיליע, פון מלכות בית דוד, וואָלט קיין שום געלד־שטראָף נישט געהאָלפען. זיי וואָלטען געמוזט שטאַרבען אויף דער גיליאַטינע.

---

משה ענסהיים מיט צביה'ן האָבען געוואוינט אויפ'ן פערטען שטאָק, אין אן ארים געסעל. דאָרטען האָבען געוואוינט אָרימע ארבייטער, נייטאָרינס און וועשערינס. עס איז געוועזן נישט ווייט פון שאמפּ עליזעע און זיי האָבען אָפט שפּאַצירט דאָרט און געהאַט פרישע לופט.

עס איז געוואָרען פריהלינג. די בוימער האָבען אָנגעהויבען גרינען. די פייגעל זינגען. און די אידען האָבען זיך געגרייט מיט שמחה צו פסח. אַ טאָפּעלטע פרייד איז דער פסח. די אידען זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים און איצט, אין פראַנקרייך, געוואָרען פרייע בירגער.

ערב פסח אינדערפריה האָט צביה נעהייסען משה'ן ארויסגעהן אין גאַס, זי זאָל קענען אויפרוימען. ער איז אוועק אין לואוור פערבעטען זיין חבר זאלקינד הורוויץ צום סדר.

ער איז געווען זיכער אז די שכנים וועלען איהם נישט פער׳מסר׳ן ביי די יאקאבינער אז ער האלט פסח.

זאלקינד הורוויץ איז געווען צופרידען וואָס ער וועט האָבען א סדר. ער האָט זיך אָנגעטאָן זיין אוניפאָרם. ער איז געווען פערוואלטער פון דער נאציאָנאלער ביבליאָטעק און מיטגליעד פון דער גווארדי. ער האָט זיך אויך אָנגעטאָן זיין געוועהר און פארנאכט אוועק מיט משה׳ן אין זיין אָרימע וואוינונג צו פרייען זיך מיט׳ן יום־טוב.

אין דעם אָרימען שטיבעל האָט געבלאנקט אין אלע ווינקעלעך. דער טיש איז שוין געווען פול געגרייט צום סדר מיט מצות און מרור און חרוסת. די ליכט האָבען געלויכטען יום־טוב׳דיג, און געשפיגעלט זיך אין רויטען בארדא וויין פאר די כוסות.

אלץ האָט געשיינט און געלויכטען, נאָר צביה איז געווען אומעטיג.

— וואָס ביזטו טרויריג? — האָט משה זי געפרעגט מיט שרעק.

— ס׳הארץ קלאפט מיר. ס׳אהנט מיך עפעס אן אומגליק — האָט צביה געזאָגט.

— וואָס איז פלוצלונג?

— געהענדיג אין גאס איינקויפען פרוכטען האָב איך געטראָפען דעם מערדער מאר׳טין העל!

— ס׳האָט זיך דיר געדאכט — האָט ער זי בערוהיגט.

— ניין, טייערער. כ׳האָב נישט קיין טעות. ער געהט אָנגעטאָן ווי א יאקאבינער און קאָמאנדירט א גווארדיע רעגימענט. ער האָט מיך אויך גלייך דערקענט. זיין פנים האָט זיך געענדערט און די אויגען געשפריצט פייער. איך האָב אָנגעהויבען לויפען אהיים. און איידער איך בין אריין אין הויז האָב איך זיך אומגעקוקט און געזעהן ווי ער שטעהט און קוקט מיר נאָך. גאָט וויים וואָס מיט אונז וועט נאָך געשעהן!

— פערלאָז זיך אויף גאָט, צביה׳לע, האָב נישט מורא — האָט משה זי בערוהיגט — אונזערע שכנים זענען גוטע מענשען. מיר זענען דאָך בירגער. די געזעצען בעשיצען אונז. ווער וועט וואגען אונז טאָן בייז?

אויך זאַלקינד הורוויץ האָט זי בערוהיגט און זי האָט ענדליך געזאָגט :

— נו, דאַווענט מעריב און מיר'ן זיך זעצען צום סדר. זאָל גאָט אונז ביישטעהן.

זיי האָבען געדאַווענט מעריב און זיך געזעצט צום סדר. אָפּקעמאַכט קידוש און אָנגעהויבען זאָגען "כהא לחמא עניא", האָט זיך געעפּענט די טיר און עס איז אריין א יאַקאָבינער און מיט אַן עלזאַסישען אַקצענט געפרעגט :

— וואוינט דאָ די אלמנה מאַנסאַניע ?

— ניין, בירגער, זי וואוינט אויפ'ן דריטען שטאָק אונ־טער אונז — האָט צביה געזאָגט און געוואָרען בלאַס.

— דאָס איז העל'ס א שפּיאָן — האָט צביה געזאָגט ווי ער איז אַרויס.

— פאַר שרעק דאכט זיך דיר דאָס ערגסטע. אפשר דאַרף ער טאַקי די אלמנה ? — האָט משה געזאָגט.

— הלואי זאָלען מיר אָפּקומען מיט בלויסע שרעק — האָט צביה נאָכגעגעבען.

זיי האָבען ווייטער געזאָגט די הגדה. ווען זיי האָבען גע־האַלטען ביי "והיא שעמדה לאבותינו" האָבען זיי דערהערט שווערע טריט און שווערדען געקלימפּער אויף די שטיגען. די טיר איז געוואָרען אויפגעריסען און א בעאַמטער מיט צעהן בעוואָפענטע גוואַרדיסטען אונטער דער אנפיהרונג פון א יאַקאָבינער זענען אריין. משה האָט פון צביה'ס שרעק פער־שטאַנען אז דער יאַקאָבינער איז דער מערדער מאַרטין העל.

— זעהסט, בירגער — האָט דער יאַקאָבינער געזאָגט צום בעאַמטען — אָט האָבען זיי דעם הייליגען וויין און די מצות, זייער האַלטען יום־טוב.

— קומט מיט מיר — האָט דער בעאַמטער בעפוילען — איהר בעגעהט א פערברעכען קעגען דער רעפּובליק, היטענדיג אייער רעליגיע.

— איך בין א בעאַמטער אין אונזער רעפּובליק — האָט זאַלקינד הורוויץ זיך אָנגערופען — אָט איז מיין צייגניס, אז איך בין אַן עלטסטער אין דער גוואַרדיע. געהט איצט אהיים, בירגער, לאָזט אונז צורוה. אויב איהר דענקט אז מיר בע־

געהן א פערברעכען וועט איהר אונז רופען צום געריכט און מיר וועלען אליין קומען.

— איך האב א העכערען ראנג — האט מארטין העל געזאגט — און איך הייס אייך גלייך געהן מיט מיר. אויב איהר ווילט נישט וועט איהר געהן מיט ס'גוואלט.

זיי האבען זיך נישט געקענט קעגענשטעלען און זיך אויפגעשטעלט. די גווארדיסטען האבען זיי ארומגערינגעלט און מארטין העל האט געגעבען א בעפעהל:

— אין קאנסערזשערי!

זיי האבען אויפגעציטערט הערענדיג וואו ער הייסט זיי אוועקפיהרען. דאס איז געוועזן די טורמע וואס האט געהייסען דאס "טויער פון גיליאטינא". נאר צום טויט פעראורטיילטע האט מען דארט איינגעזעצט. איין נאכט האבען די פער'משפט'ע דארט איבערגענעכטיגט און מיט'ן טאג צוגלייך האט מען זיי געפיהרט צום טויט.

צביה'ס שרעק איז נישט געוועזן אומזיסט, האבען זיי געטראכט.

מען האט זיי געבראכט אין געפענגניש און פערשריבען זייערע נעמען אין דער אויפזעהער האט געהייסען זיי איינ־זעצען אין דרייען.

— די פרוי זאלט איהר איינזעצען אין אן איינצעל קא־מער — האט העל געזאגט — זי איז א שווערע פערברעכע־רין. אז זי וועט זיצען אינאיינעם מיט די מענער וועלען זיי זי לערנען וואס צו טענה'ן.

— איך קען דאס נישט טאן, בירגער — האט דער אויפ־זעהער געזאגט — די קאמערן זענען איבערגעפאקט נישטא קיין ארט. ווי לאנג וועלען זיי דען זיצען? מען וועט זיי באלד שטעלען צום געריכט.

מארטין העל איז געוועזן אומצופרידען וואס ס'איז איהם נישט געלונגען איינזעצען צביה'ן בעזונדער, ער זאל זי קענען פייניגען.

דורך א לאנגען קארידאר האט מען זיי געפיהרט אין קא־מער. איז פלוצלינג פערבייגעגאנגען א הויכער מאן און גע־זאגט אויף העברעאיש:

— האט נישט מורא, איך בעשיץ אייך!...

דאָס קול איז זיי געווען בעקאַנט. אין דער פינסטער האָ־בען זיי אָבער נישט געוואוסט ווער דאָס איז.

---

איין שעה זענען זיי געזעסען אין קאמער און מען האָט זיי באַלד געפיהרט צום משפט. ווידער זענען זיי געגאַנגען דורך דעם לאַנגען קאָרידאָר און דורך אַן אונטערערדישע־הייהל צום געריכטהויז. אין געריכט זענען געזעסען פינף ריכ־טער. דער הויפּטריכטער איז געווען סט. יאסט דער בלוט־דאָרשטיגער וואָס פּאַריז ציטערט פאר איהם. לעבען איהם דער הויפּט־גלח פון נייעם גלויבען, דער ערצבישאָף גאבע און נאָך דריי פאַנאַטישע יאקאבינער.

זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט ביז מען וועט זיי צו־רופען. איז פערבייגעגאַנגען דער הויכער מאַן וואָס האָט זיי פריהער געטרייסט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ רויטען הוט און די לינקע האַנד הענגענדיג אויף אַ טיכעל אָנגעבונדען אויפ׳ן האַלז. זיי האָבען זיך איינגעקוקט אין איהם — ס׳איז קאָבלעפּעל !

ס׳איז זיי געוואָרען גרינגער. זיי האָבען אפילו נישט געוואוסט ווי אַזוי ער וועט זיי העלפען. זיי האָבען אָבער געהאָפט אַז זיין שאַרפער קאָפּ וועט שוין געפינען אַ וועג.

ער איז נישט צוגעגאַנגען צו זיי. מען טאָר נישט צו־געהן צו אַנגעקלאַגטע. פונוויטענס האָט ער אָבער געווינקען צו זיי, זיי זאָלען זיך האַלטען רוהיג.

פינף אַרעסטירטע זענען אַרויסגעפיהרט געוואָרען. זיי זענען פער׳משפט געוואָרען צו שטאַרבען. עס האָט זיך ד׳ער־הערט אַ קלונג און מען האָט אַריינגעפיהרט משה, צביה׳ן און זאַלקינד־הורוויץ׳ען.

קאָבלעפּעל איז גלייך צוגעגאַנגען צום הויפּטריכטער סט. יאסט.

— וואָס פערלאַנגט בירגער קאָבלעפּעל ? — האָט פריינד־ליך געפרעגט דער הויפּט־ריכטער.

— איך האָב געבראַכט די אַנגעקלאַגטע היט — האָט קאָבלעפּעל געענטפערט — זיי זענען פּלוצלינג געוואָרען בע־פאַלען און אוועקגעפיהרט אָהן די היט. ס׳איז נישט ריכטיג אַז טרייע בירגער זאָלען דאָ שטעהן אָהן זייערע היט.

ער האָט זיי דערלאַנגט דריי רויטע היט, זיי האָבען זיי אָנגעטאָן און אויסגעזעהן ווי יאַקאָבינער.

— וואָס געהערט איהר זיך אָן מיט זיי? — האָט דער הויפּט־ריכטער געפרעגט.

— זיי זענען מיינע אייגענע. די בירגערין איז מיין פּלי־מעניצע, די טאָכטער פון מיין איינציגע שוועסטער וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבען. דער בירגער איז איהר מאַן און דער צווייטער איז זייער הויזפריינד, אַלע טרייע רעפּובלי־קאַנער.

— איך בין אַן עלטסטער אין דער גוואַרדיע — האָט זאַלקינד הורוויץ זיך אָנגערופען — איך בין אויך פּערוואַל־טער פון דער אזיאַטישער אָפּטיילונג אין דער נאַציאָנאַלע־ביבליאָטעק. איך האָב אויך בייגעשטייערט געלד אויפ'ן פאָנד פאַר די הונגעריגע — א פּירטעל פון מיין געהאַלט וואָס איך בעקום. איך בין אַליין אויך אָרים.

— זאָל בירגער העל אַריין דערצעהלען וואָס ער וויים! — האָט דער הויפּט ריכטער בעפוילען.

העל מיט דעם עלזאַסער שפּיאָן זענען אַריין און העל האָט אָנגעהויבען גיסען שוועבעל און פּעך אויף אידען.

— זיי זענען אַלע פאַלש דער רעפּובליק. לאַכען זיך אויס פון די געזעצען. זיי זענען שפּיאָנען און פעררעטער. מען דאַרף אַלע אידען אַרויסטרייבען. די דריי זענען אַרעסטירט געוואָ־רען און זיי האָבען געפּראַוועט דעם אידישען פּסח און געלויבט זייער גאָט, וואָס זיי טאָרען נישט לויט די געזעצען פון דער רעפּובליק.

קאָכלעפעל האָט בעקומען ס'וואָרט און ער האָט גע־רעדט:

— די רעפּובליק האָט נאָר געמיינט די קאַטאָלישע רע־ליגיע, וויל זי איז דער קוואַל פון בייז פאַר פראַנקרייך. זי האָט געשטיצט דעם קעניג און דער קעניג האָט איהר דערפאַר אָוועקגעגעבען די בעסטע גיטער פון לאַנד און זי רייך גע־מאַכט פון דער מיה פון דעם שווער האַרעווענדיגען פאָלק. וואָס פאַר א בייז האָט אָבער די אידישע רעליגיע געטאָן? ווען אפילו איהר וועט געפינען מיינע קינדער שולדיג, זייט זיי מוחל אין מיין זכות. איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבען

פאר דעם רעפּובליקאנער קאמף מיט די עסטרייכער לעבנז פרישוויילער. איך בין דארט פערוואונדעט געוואָרען אין מיין לינקער האנד און געפאנגען דעם פיינד'ס פאָהן; מיין קאָ־מאנדיר בירגער פּאשעגארא האט מיך דערפאר שטארק געלויבט. קוקט, די וואונדען וואס כ'האָב אויף מיין לייב זענען אלץ פאר דער רעפּובליק. זאָל מיין פערגאָסען בלוט זיין אן אָפּלייזונג פאר'ן לעבען פון די קינדער און בעפרייט זיי!

— אַ איד, אַ געטרייער פּאטריאט? — האט העל געלאכט ווילד — געהט נאָך ירושלים, אומווירדיגע! וואס טוט איהר אין אייראָפּא? בירגער! גלויבט איהם נישט. ער איז געזונט און ס'איז אַ ליגען אז ער איז פערוואונדעט געוואָרען אין מלחמה.

קאָכלעפעל איז געוואָרען בלאס. ער האט דערפיהלט אז ער האט איבערגעטריבען. משה איז שיער אומגעפאַלען פאר שרעק. נאָר צביה האט זיך אָנגענומען מיט מוטה און גע־זאָגט:

— פארוואס זאָלען טרייע רעפּובליקאנער האלטען אונז פאר פערברעכער דערפאר וואס מיר היטען אונזער פריי־הייטס יום־טוב? אויב פראנקרייך האלט דעם פערצעהנטען יולי פאר יום־טוב, ווייל דעמאלט איז געשטורמט געוואָרען די באסטיל, פייערן מיר פסח צום אנדענק וואס אונזער פאָלק האט זיך בעפרייט פון עגיפּטישער קנעכטשאפט.

דריי טויזענד יאָהר פייערן מיר אונזער פרייהייט יום־טוב. מיר האָבען זיך בעפרייט פון שרעקליכע אונטערדריקער, וואס האָבען איינגעמויערט אונזערע קינדער אין די ווענט. איך זעה דאָ דעם געלערנטען בירגער, האט זי אָנגעוויזען אויף דעם ערצבישאָף גאָבע, ער קען אונזער געשיכטע און תורה. די מצות און מרור און וויין, וועט ער אייך זאָגען, איז אלס אנדענקען פון אונזער בעפרייאונג. אונזער בעפרייאונג איז אַ מוסטער פאר אלע אונטערדריקטע פעלקער זיי זאָלען זיך בעפרייען.

— זאָל לעבען די בירגערין! זאָל לעבען די פרייהייט! זאָלען לעבען די בעפרייטע אידען! — האָבען אויסגערופען די ריכטער און וועכטער און די גוואַרדיסטען אונטער'ן איינ־

דרוק פון צביה'ס פייערדיגע רעדע. איהר קלוגער איינפאל האט געוואונען זייערע הערצער.

איהר פנים האט געפלאקערט ביים רעדען. די אויגען האַבען געגליהט ווי הייסע קויהלען. און דער יאקאבינישער הוט האט איהר צוגעגעבען פיעל חן און זי האט בעהערשט אַלעמען און זי האט גערעדט ווייטער:

— וואס וועט איהר זאָגען, געטרייע בירגער, ליעבהאבער פון גערעכטיגקייט, אויף דעם שלעכטען העל, וואס מסר'ט אונז פאר אייך און נארט אייך אָפּ? איהר קענט איהם נישט. ער איז ווילד, גרויזאם און בלוטדאָרשטיג. דאס בלוט פון מיינע עלטערן און ברידער שרייט צו אייך און מאָהנט גערעכטיגקייט.

הערט, בירגער, וואס דער מערדער העל האט מיר געמאן און משפט! ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָהר האט ער דערשטאָכען מיין מוטער מיט אַ מעסער. ער האט זי געוואָלט שענדען און זי האט זיך נישט געלאָזט. איידער איך בין אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר האט ער געטויט מיין טאטע. ער האט אויפגעהעצט דאס פעבעל צו מאכען א פּאָגראָם אין מיט א שטיין אָפּגעריסען ס'הארץ ביים טאטע. אן עלענדע יתומה האב איך געפונען א היים ביי גוטע מענשען און דאס איז מיין גוטער מאן, וואס האט מיך געמאכט גליקליך.

אָבער דער פערדאָרבענער העל, וואס איז ארויסגעיאָגט געוואָרען פון פראנקרייך איז מיך פלוצלינג בעפאלען, ווען כ'בין געווען אליין אין שטוב און מיך געוואָלט שענדען. נאָר מיין גוטער פעטער איז אָנגעקומען און מיך גערעטעוועט!

אַלע זענען געוואָרען אויפגערעגט הערענדיג צביה'ס אמת'ע רייד און העל איז געוואָרען טויט בלייך און געציטערט פאר כעס.

— א טויט דעם שענדליכען פערברעכער! — האָבען אַלע אויסגערופען.

— —מארטין העל איז פער'משפט צום טויט! — האָבען די ריכטער גלייך ארויסגעגעבען זייער אורטייל.

דער עלזאסער שפיאָן האט געוואָלט ראטעווען זיין פעל און זיך אָנגערופען:

— איך בין אַן עדות, אַז די פּאָגראָמען אין ענזעסהיים

מיט זעקס יאָהר צוריק זענען געמאַכט געוואָרען דורך מאַר־טין העל. ער האָט אָנגערייצט די קריסטען אויף די אידען. א סך פרויען און מיידלעך זענען דעמאלט געשענדעט געוואָ־רען, פיעל קליינע קינדער גרויזאַם געטויט.

— אויף דער גיליאָטינא! אויף דער גיליאָטינא! האָבען אַלע געשריגען און געטופּעט מיט די פיס.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט העל געשריגען — אָבער איך וועל זיך פריהער מיט אייך אָפּרעכענען.

ער האָט ארויסגעכאַפּט די שווערד און דערלאַנגט א האַק דעם עלזאַסער איבער'ן האַלז און צוגעשפּרונגען צו צביה'ן און זי געוואָלט דערשטעכען. נאָר זאלקינד הורוויץ איז פלינק אונטערגעשפּרונגען און זי ארויסגעקלאַפּט פון זיין האַנד. קאָכלעפעל האָט איהם א כאַפּ געטאָן, אנידערגעוואָרפען אויף דער ערד. די גוואַרדיסטען האָבען איהם געבונדען און ער האָט זיך מעהר נישט געקענט ריהרען. דער עלזאַסער איז דערוויל אויסגעגאַנגען און קאָכלעפעל האָט זיך אָנגערופען:

— ער האָט געגראָבען א גרוב פאַר אַנדערע און ווערט אין איהר אליין בעגראָבען...

העל איז געלעגען א געבונדענער און געקריצט מיט די ציינער אין זיין אונבעהאָלפענעם כעס.

— מאָרגען אינדערפריה זאָל מאַרטין העל אין א מיסט־וואַגען געפיהרט ווערען צו דער גיליאָטינע — האָט סט. יאסט בעפוילען.

— אינדערפריה זאָלט איהר געהן זעהן נקמה אן אייער פיינד — האָט ער ווייטער געזאָגט צו צביה'ן.

— און איהר, בירגער, וואָס טוט איהר איצט? — האָט ער געפרעגט משה'ן.

— איך ארבייט אין געשעפט ביים בירגער ערדעלסהיים פון שטראַסבורג, דער מיליטער פּאָדריאַטשיק.

— א יונגער מאַן טאָר איצט נישט זיצען אין דערהיים— האָט סט. יאסט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — אַלע בירגער בע־וואפענען זיך איצט פאַר דער מלחמה פאַר אונזער פרייהייט. די רעפּובליק שטעלט איצט צוזאַמען אן ארמעע פון דריי הונ־דערט טויזענט סאָלדאַטען. געהט מאָרגען און פערשרייבט

זיך אַלס סאָלדאט. אין א וואָך צייט זאָלט איהר שוין זיין אין דער ארמעע.

עס איז איהם געווען שווער זיך צו שיידען מיט זיין טייערע צביה, נאָר אַז סט. יאסט הייסט מוז מען פאָלגען אנישט געהט מען גלייך אויף דער גיליאטינא און ער האָט געענטפערט :

— גוט, בירגער, איך וועל אזוי טאָן.

— איך בעט אייך, בירגער, — האָט צביה אויסגעשטרעקט די הענד צו איהם — ערלויבט מיר געהן אין ארמעע צוזאמען מיט מיין מאַן. איך קען האַלטען א ביקס אין האַנד.

— איך וועל אויך מיטגעהן — האָט קאכלעפעל צוגעגעבען — מיר'ן געהן צו גענעראַל האָש, מיין גוטער פריינד.

סט. יאסט האָט פערשריבען זייערע נעמען און זיי געהייסען געהן אהיים.

זיי זענען געווען די איינציגע וואָס זענען אַרויס לעבעדיג פון דעם שוידערליכען געפענגניש און געדיכט און זייער פרייד איז געווען גרויס. די שמחה איז אָבער פערשטערט געוואָרען וואָס זיי מוזען געהן אין מלחמה. נאָר קאָכלעפעל איז געווען פרעהליך און זיך געוויצעלט, אַז צביה וועט מיט אירע פייערדיגע אויגען אוועקלייגען א סך עסטרייכער.

אַז זיי זענען אהיימגעקומען האָבען אַלע שכנים זיך דערפרעהט מיט זיי. זיי האָבען צוריק אָנגעצונדען די ליכט און מיט קאָכלעפעל'ן זיך אוועקגעזעצט ענדיגען דעם סדר.

---

ביים עסען האָט משה געפרעגט קאכלעפעל'ן ווי אזוי ער איז געקומען אהער ? וואָס געהט ער עפּיס אין מיליטערישע קליידער ? וואָס פאר א וואונדען האָט ער אויפ'ן לייב ? און פונוואנעט קענען איהם די פיהרער פון רעפּובליק, האָש און סט. יאסט ?

קאָכלעפעל האָט זיי אַלץ דערצעהלט :

— קינדערלעך, זייט איהר זענט אוועקגעפאָהרען בין איך געבליבען עלענט און שטארק געבענקט נאָך אייך. אַז אידען האָבען דאָ בעקומען גלייכבערעכטיגונג האָב איך בעשלאָסען פאָהרען צו אייך און זיך פרעהען אינאיינעם. אין

בין אריבער דעם רהיין און אָנגעטראָפען די גרויסע שלאַכט צווישען האָש'ן און דעם הערצאָג פון ברוינשווייג.

איך האָב געוואָלט אריבערלויפען צו די פראַנצויזען, האָבען די דייטשען מיך דערזעהן און מיר נאָכגעשאָסען. די קוילען זענען געפלויגען איבער מיין קאָפּ ווי אַ האָגעל. אַ קויל האָט מיך געטראָפען אין לינקען עלענבויגען און איך האָב אָנגעהויבען אָפּלויפען מיט בלוט. איך האָב זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט און געלאָפען ווייטער. איך האָב געהאַט גרויס ווייטאָג און בין אומגעפאַלען און גע'חלש'ט.

ווען כ'האָב געעפענט די אויגען האָב איך זיך געפונען ליגען אויף אַ בערגיל ארומגערינגעלט מיט פראַנצויזישע סאָלדאַטען און זיך געוואַרעמט ביי אַן אנגעלייגט פייער. עס איז געווען שטאַרק קאַלט.

ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך זיי דערצעהלט, אַז איך בין אַנטלאָפען פון פּרייסען אין דער פרייער פראַנצויזישער רעפּובליק.

איך האָב געמאַכט אַ גוטען איינדרוק און זיי האָבען מיך אריינגעלייגט אין שפּיטאָל. דריי וואָכען בין איך געלעגען ביז ס'איז מיר געוואָרען בעסער. דערווייל האָט די מלחמה זיך אָנגעהויבען אויפס־ניי. האָב איך זיך אָנגעטאָן מיליטעריש קליידער און אריינגעטראָטען אין ארמעע.

דער שנייי האָט אָנגעהויבען צוגעהן, עס איז געוואָרען אַ גרויסע בלאָטע, און מיינע קאָלעגען זענען געלאָפען גיכער. איך בין געבליבען איינער אליין אין דער בלאָטע, און דאָ פליהען קוילען פון אלע זייטען.

דערווייל איז אָנגעקומען מיר אקעגען אַ הויכער דייטשער סאָלדאַט מיט אַ פאָהן אין איין האַנד און אַ שווערד אין דער צווייטער. דאָס איז מיין סוף, האָב איך געטראַכט און דערלאַנגט איהם מיט דער שפּיז אין האַראַען און ער איז אומגעפאַלען אין אַ טייך בלוט.

איך בין אויך אומגעפאַלען. דער באַנדאַזש איז ארונטער און ס'האָט אָנגעהויבען רינען בלוט פון מיין וואונד. איך בין געלעגען אונטער דער פאָהן אַ ווייל ביז איך האָב דערפיהלט זיך געקרעפטיגט. דער דייטש איז שוין געווען טויט. און איך

האָב דערזעהן אז ער איז א רעגימענט עלטסטער און דאָס איז זיין פּאָהן.

גענעראַל האש איז פערבייגעגאנגען מיט זיינע ליוטע־נאַנטען. ער האָט מיך דערזעהן און מיך געריהמט פאר מיין מוטה און פערצייכענט מיין נאָמען ביי זיך.

נאכדעם ווי ער האָט בעזיעגט די עסטרייכער און פּרייסען האָט ער מיך גערופען און מיך געפרעגט וואָס פאר א בעלוי־נונג איך וויל. איך האָב נאָר געבעטען א רעקאָמענדאַציע צו די רעפּובליק־פיהרער פון פּאַריז און ער האָט מיר געגעבען. ער האָט אויך בעזאָרגט מיינע רייזע קאָסטען.

איך בין בעקאַנט מיט די היגע רעפּובליק־פיהרער. איך האָב אייך ארומגעזוכט און נישט געקענט געפינען. געה איך נעכטען אין די עליזעאישע פעלדער און בעמערק העל'ן מיט א רעגימענט גווארדיסטען. ער קוקט נאָך א פרוי וואָס לויפט גיך.

די פרוי האָב איך נישט געזעהן, נאָר איך האָב מיך אָנגעשטויסען אז דאָס איז צביה. איהר פיגור איז מיר געווען בעקאַנט. איך האָב שוין נישט אָפּגעלאָזט העל'ן, איהם נאָכ־געפאָלגט צו זעהן וואָס ער וועט טאָן. ער איז אריין אין פּאָ־ליציי־הויז, מיטגענומען אַן עלטסטען און אריין אין דעם הויז און באַלד האָט ער אייך ארויסגעפיהרט.

זעהענדיג אז ער פיהרט אייך אין קאנסערזשערי האָב איך אויפגעציטערט און בין אייך נאָכגעגאנגען. אויפ'ן וועג האָב איך געקויפט די רויטע היט פאר אייך. מיין רעקאָמענ־דאַציע האָט געעפענט אלע טירען פאר מיר און איך האָב גע־זוכט אייך צו העלפען. איך האָב זיך אָבער צופיעל פערערעדט און מורא געהאט אז איך וועל נישט ווירקען, האָט צביה געוואונען..

— און וואָס איז מיט די וואונדען אויף דיין לייב ? — האָט משה געפרעגט.

— וואונדען ? ס'הויבט זיך נישט אָן. נאָר אויפ'ן עלענ־בויגען בין איך פערוואונדעט. איך האָב דאָס געזאָגט פון מליצה־וועגען, צו ווירקען אויף די ריכטער. כ'איז מיר נישט איינגעפאַלען אז דער מערדער וועט וואגען אָפּלייקענען.

— נישטאָ קיין בייז אָהן גוטס — האָט קאָבלעפעל גע־

זאָגט — די רעוואָלוציע האָט געבראַכט א סך צרות. אָבער אידען האָבען בעקומען גלייכבערעכטיגונג.

— פּאָליטיש איז אונז גוט — האָט משה זיך אָנגערופען — גייסטיג טויג אָבער נישט. אַלעמאָל זענען מיר געגאַנגען אין פייער און וואַסער פאַר אונזער גלויבען. איצט אונטער דער פרייהייט פערלאָזען פיעל אידען אונזער גלויבען.

— ס'וועט איבערגעהן — האָט נפתלי קאַלעפּעל גע־שמייכעלט — אונזער אמונה וועט בלייבען אייביג.

זאַלקינד הורוויץ האָט זיך ארייגעמישט:

— פרייהייט איז זעהר גוט. אָבער דאָס גוטסקייט ווערט פערלוירען אין דעם ים שלעכטס וואָס זי האָט געבראַכט. דער פאַנאַטיזם פאַר פרייהייט פערטיליגט אָהן א שיעור מענשען. די פרייהייטסקעמפער ווילען ברענגען גוטס אויף דער וועלט און שיקען דערוויילע טויזענטער מענשען אויף דער גיליאָ־טינא. עס האַלט זיך אין איין ביימען די רעגירונג. און די היינטיגע קוילעט די נעכטיגע מיט איהרע אנהענגער.

די יאַקאָבינער זענען מיעד פון דער גיליאָטינא. נעמען זיי מענער און פרויען, אַלטע און יונגע און קליינע קינדער און שטעלען זיי אוועק אין פראָנט פון קאַנאָנען און צושיסען זיי, אָדער זיי דערטרינקען זיי מאַסענוויז אין לואר.

אזוי האָבען זיי געטאָן: אין ליאָן, באָרדאָ, מאַרסעל און טולאָן און זיי זענען נישט זאַט פון בלוט. מאַראַט האָט ערשט געזאָגט אז צו פערזיכערן די רעפּובליק פון איהרע פיינד מוז מען טויטען נאָך דריי הונדערט טויזענט מענשען.

די אנפיהרער צווישען זיך פערדעכטיגען איינער דעם אנדערן. ראָבעספּיער האָט ערשט געטויט זיין חבר דאַנטאָן מיט זיינע אנהענגער. זיי שפּיאָנירען אויך די מיליטער־פיה־רער און טאָמער פאַלט א חשד אויף עמיצען גיליאָטינירט מען איהם תיכף.

פיעל זיגערישע גענעראַלען האָבען זיי אזוי אומגעבראַכט נאָר די מוריע און לאַפאַיעט האָבען זיך געראַטעוועט ס'לע־בען. דער ערשטער איז אריבער צו די עסטרייכער און דער העלד לאַפאַיעט האָט געוואָלט אוועק צוריק נאָך אַמעריקאָ, האָבען איהם די עסטרייכער געפאַנגען אויפ'ן וועג — היינט וויפיעל געלערנטע זענען אומגעבראַכט געוואָרען!

— דאָס וועט אויך איבערגעהן — האָט קאָכלעפעל געזאָגט — ראבעספיער וועט האָבען דעם זעלבען גורל וואס זיינע חברים. דאָס לאנד וועט זיך בערוהיגען און עס וועט ווערען שטיל און רוהיג.

זיי האָבען געבענטשט, געטרונקען די כוסות, אָפגעזאָגט די הגדה און זיך געלייגט שלאָפען. פארטאָג האָט צביה זיי אויפגעוועקט זיי זאָלען געהן צום גרעווי פעלד זעהן ווי דער מערדער פון איהרע עלטערן, מארטין העל וועט אומקומען אויף דער גיליאָטינא.

דעם פריה־מאָרגען זענען א סך פעראורטיילטע געפיהרט געוואָרען צו דער גיליאטינא אָבער אלע אין פערמאכטע וועגען. נאָר מארטין העל איז געבראכט געוואָרען אין אן אָפענעם מיסטוואָגען און די הענד געבינדען אהינטער אזוי ווי א געמיינער מערדער וואָס האָט פערגאָסען אומשולדיג בלוט.

ווען דער הענקער האָט אראָפּגעצויגען פון איהם די קליידער און געוואָלט אוועקלייגען זיין קאָפּ אויפ׳ן ברעט, האָט ער זיך בעגעגענט מיט צביה׳ס בליקען. ער איז געוואָרען ווילד ווי א משוגע׳נער הונט און אָנגעהויבען שילטען אלע אידען און די רעפובליק וואָס אידיש׳ט זיך.

די פויקען האָבען אָבער פערשטיקט זיין שטימע און מען האָט נישט געהערט וואָס ער שרייט. ער האָט זיך נישט געלאָזט אוועקלייגען, געקעמפט מיט די הענקער. זיי האָבען איהם בייז א וואָרף געטאָן צום ברעט און אנגעבונדען און באַלד איז אָפּגעשפרונגען זיין אָפּגעהאַקטער קאָפּ און געקוקט מיט טיעפען האס אויף צביה׳ן.

צביה האָט נישט אויסגעהאלטען און געפאלען חלשות. איהר פרויען הארץ האָט נישט געקענט צוזעהן די נקמה אפילו אָן איהר ערגסטען שונא, דער מערדער פון איהר פאטער־מוטער.

קאָכלעפעל האָט זי געכאפּט ווי א קינד און ארויסגעטראָגען פון עולם און נאכדעם ווי זיי האָבען זי דערמינטערט האָט קאָכלעפעל געזאָגט:

— עס פּאסט נישט פאר א סאָלדאַטין צו חלש׳ען ווען זי זעהט בלוט. אויפ׳ן שלאכטפעלד וועסטו נאָך זעהן שרעק־

ליכערע בילדער.

צביה האָט געשוויגען און נישט געענטפערט קיין איינ־ציג וואָרט.

איפ'ן וועג אהיים האָט קאכלעפעל געזאָגט משה'ן:

— איך טראַכט וועגען דעם וואס צביה האָט זיך פער־שריבען אין ארמעע. ווי קען דאס זיין? אבער זי וועט מוזען אריינטרעטען אין א שפּיטאַל אלס בארמהארציגע שוועסטער. זי זאָל זיין ווייט פון שלאכטפעלד. טאָמער וועלען מיר ווערען פערוואונדעט וועט זי אונז היילען.

משה איז בעשטאַנען דארויף און חול־המועד האָט צביה געשריבען אין הויפּט־שטאב, מען זאָל זי בעשטימען אלס בארמהארציגע שוועסטער אין דער זעלבער ארמעע וואו משה מיט קאָכלעפעל'ן וועלען זיין. איהר פערלאנג איז גלייך גע־וואָרען דערפילט.

באַלד נאָך יום־טוב האָבען זיי בעקומען זייערע מיליטער־רישע קליידער און זיי בעשטימט אין דער ארמעע וואָס דארף געהן צום רהיין. קאכלעפעל איז פאר זיינע פריהערדיגע העל־דישקייטען בעשטימט געוואָרען אלס אויבער פון צוואַנציג סאָלדאטען און משה מיט צביה'ן זענען געשטעלט געוואָרען אונטער זיין קאמאנדע.

מען האָט זיי געשיקט אין פעסטונג טאָנוויל אין דער־פראָוויאנט אָפּטיילונג און צביה איז אריין אין שפּיטאַל.

דאָס ערשטע מאָל ווען צביה איז אריין אין שפּיטאָל און דערזעהן די מענשליכע יאמקע פאר זיך, ווי די כירורגען שניידען און זעגען פיס און הענד איז זי געוואָרען מורא'דיג צוטומעלט. זי האָט זיך אבער צוגעוועהנט צו די צרות און זיך אויסגעצייכענט אז אלע האָבען זי געלויבט און ליעב געהאַט.

---

די פראנצויזישע ארמעע האָט געהאַט איין זיעג נאָכ'ן אנדערן. זי האָט איינגענומען בעלגיען אויך. אין האָלאנד האָט זי בעוויזען וואונדער. צראָפּגעזעצט דעם קעניג און דער־קלערט דאָרט א רעפּובליק.

די פיינדליכע ארמעע האָט אָנגעהויבען אָפּטרעטען און די פראנצויזען זענען בעפאלען די דייטשע מדינות און גע־רויבט און געמאָרדעט אומעטום. אין פאריז איז אָנגעקומען

א בעריכט, אז "דער פיינד איז נאָר געבליבען ביי די אויגען צום וויינען אויף זיין מפלה".

פרייסען האָט געבעטען פרידען און עס איז בעשטימט געוואָרען, אַז דער רהיין זאָל זיין די גרעניץ צווישען פראַנקרייך און דייטשלאַנד און עס איז געוואָרען רוהיג.

א יאָהר צייט האָט פראַנקרייך נישט געהאַט קיין מלחמה. די רעגירונג איז געוועזען פערנומען מיט דעם אינערליכען פיינד.

ראָבעספיער איז דערווייל געוועזען דער זעלבסטהערשער אין קאָנוועגט. דאַנטאָנ'ען מיט זיינע אנהענגער האָט ער גע־טויט. מאַראַט איז נאָך פריהער אָפגערוימט געוואָרען. אַן אַריסטאָקראַטען מיידעל שאַרלאַט קאָרדאַי האָט איהם דערשטאָכען צום טויט אויס נקמה וואָס איהר ברודער איז אומגעקומען.

ראָבעספיער האָט געהאַלטען אין איין פערגיסען בלוט. ער האָט געוואָלט בעפעסטיגען זיין מאַכט. ער האָט אָבער בעקו־מען אָהן א שיעור פיינד. אין קאָנוועגט האָט ער אויך גע־האַט פיעל שונאים וואָס האָבען געוואַרט אויף זיין מפלה.

ער האָט געזעהן אַז ער האָט אַזוי פיעל געגנער האָט ער געפאָדערט אין קאָנוועגט מען זאָל זיי פער'משפט'ען צום טויט. זענען אַלע מיט אַמאָל אויפגעשפרונגען מיט אַ גע־שריי :

— אַרויס, דו בלוטיגער מערדער ! שטאַרב דו דעספאַט, טיראַן !

תיכף איז בעשלאָסען געוואָרען איהם צו משפט'ן. די יאַקאָבינער האָבען איהם געוואָלט ראַטעווען. דער קאָנוועגט איז אָבער אַרויסגעטראָטען קעגען איהם און אַלע האָבען זיך פון איהם דערווייטערט.

ער האָט דערזעהן אַז ס'איז זיין סוף, האָט ער געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד און זיך אַריינגעשאָסען א קויל. ער האָט אָבער נישט געטראָפען אין ציעל. ער האָט זיך נאָר צושאָסען א באַק. פערגאָסען מיט בלוט איז ער אָוועקגעשלעפט געוואָ־רען צו דער גיליאָטינע אינאיינעם מיט סט. יאַסט'ען און זייערע אַנהענגער.

אַזוי איז אויך אומגעקומען ראָבעספיער. פאַר'ן טויט האָט

ער אָבער צוריק ערלויבט יעדען אָפּצוהיטען זיין רעליגיע און גלויבען אין גאָט.

עס האָט זיך געענדיגט די מאַכט פון דער שרעקליכער רעגירונג. פערצעהן חדשים האָט זי געהערשט אומבעגרע־ניצט און אומגעבראַכט א צוויי מיליאָן נפשות. דער קאָנווענט האָט חרטה געהאַט אויף דעם מבול בלוט וואָס ער האָט פער־גאָסען. די אדעלליים האָבען זיך איינציגווייס אומגע־קערט אהיים און די פאַנאַטישע גלחים האָבען ווידער אָנגע־הויבען העצען קעגען דער רעפּובליק און רייצען איין טייל בירגער אויפ׳ן צווייטען. עס איז ווידער געוואָרען אומרוהיג אין פּאַריז.

ס׳האָט זיך אנגעהויבען מיט א מארש פון די הונגעריגע אין סט. אנטואן קווארטאל. זיי האָבען געוואָלט אראָפּוואר־פען די רעגירונג. די נאַציאָנאַלע גווארדיע האָט זיי אָבער אנטוואפענט און די יאקאבינער זענען געוואָרען מאַכטלאָז.

איז אָבער באַלד ארויסגעטראָטען דער סאַן זשערמען קווארטאל, די רייכע און אדעלליית. זיי זענען ארויס אין אן אָפענעם אויפשטאַנד קעגען דער רעפּובליק און געוואָלט איינ־פיהרען צוריק די מאָנארכיע.

זיי האָבען אָנגעהויבען נעמען נקמה אן די פריי־הייטס־ליעבהאָבער. זיי האָבען בעקומען אויף זייער זייט די נאַציאָנאַלע גווארדיע און האָבען געהאַט מיט זיך פערציג טויזענט סאָלדאַטען. די רעגירונג האָט נאָר געהאַט עטליכע טויזענט.

צווישען די מיליטערישע פיהרער האָט זיך נישט געפו־נען קיינער מיט מוטה וואָס זאָל דערשטיקען דעם קאָנטר רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, וואָס דער אדעל האָט געמאַכט, נאָר איינער איז געווען א מוטיגער, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארט, דער העלד פון טולאָן. ער איז אָבער נאָך פריהער אראָפּגעזעצט געוואָרען פון זיין אַמט.

צוערשט האָבען די יאקאבינער איהם חושד געווען אז ער איז פאַר א מאָנארכיע, ווייל ער האָט די טולאָנער אדעל־לייט געגעבען א געלעגענהייט צו אנטלויפען און ראַטעווען זיך פון דער גיליאָטינע.

ער איז געשטעלט געוואָרען צום געריכט, נאָר זיין אוי־

בערצייגענדע רעדע פאר די ריכטער האָט איהם געראַטעוועט פון טויט. שפּעטער האָט דער אדעל איהם נישט צוריקגעגע־בען זיין שטעלע מורא'האָבענדיג אז ער וועט זיי נישט לאָזען אָפּשאַפען די רעפּובליק.

ווען די קאָנוועגט פיהרער האָבען אָבער געזעהן אז זיי קענען נישט ביישטעהן דעם אדעל האָבען זיי זיך דערמאָנט אָן נאַפּאָלעאָן'ען און איהם בעשטימט אלס קאָמאַנדיר פון דער רעגירונגס ארמעע.

ער האָט גלייך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען אַן ארמעע או מיט זיינע געניאַלע פעהיגקייט און שנעליגקייט האָט ער ס'ערשטע פערכאַפּט די פעסטונג הארמאַטען, וואָס זענען גע־שטאַנען הינטער פּאַריז און ער האָט זיי אויסגעשטעלט קעגען די מאָנאַסטירען, וואו די בונטאָווטשיקעס האָבען זיך בע־פעסטיגט.

אין עטליכע שעה צייט האָט ער זיי בעזיעגט און צוטרי־בען. עס איז געוואָרען רוהיג אין שטאָדט. און זיי זענען צוגעטראָטען צו בעפעסטיגען די רעגירונג און איינפיהרען מענשליכע געזעצען.

דער קאָנוועגט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. עס איז איינ־געפיהרט געוואָרען א דירעקטאָריום פון פינף מיטגלידער צו פיהרען די רעגירונג.

מיט גרויס ענערגיע האָט נאַפּאָלעאָן גענומען איינפיהרען אָרדנונג. ער האָט געזעהן עס זאָל זיין ארבייט פאר די ארי־מע. און איינמאָל איז ער רייטענדיג אויף'ן פערד צוגעקומען צו א ברויט־געוועלב, וואָס די אָרימע האָבען געוואָלט צו־רויבען.

ער האָט געבעטען די הונגעריגע זיי זאָלען נישט רויבען קיין ברויט. ער וועט זיי פערזאָרגען מיט ארבייט. איז ארויס־געשפּרונגען א פרוי און געשריגען:

— בירגער! הערט נישט די ליגענס פון די פעטע גענע־ראַלען! זיי פרעסען און זויפען און אונז נאַרען זיי אָפּ מיט ליגענס.

— בירגערין! — האָט נאַפּאָלעאָן איהר א זאָג געטאָן — קוק זיך איין אין מיר און אין דיר און זעה ווער ס'איז פעט־טער.

די מאַסע האָט געקוקט אויף דעם דאָרעם קליינעם גענע־ראל און אויף דער גראָבער פעטער פרוי מיט'ן גרויסען מויל און זיך שטאַרק צולאַכט. אזוי איז געראַטעוועט געוואָרען דאָס ברויט געוועלבייל.

ווען דאָס לאַנד האָט זיך בערוהיגט און געווען זיכער פאַר דעם אינערליכען שונא האָט די רעגירונג זיך גענומען צום פיינד פון דרויסען. עסטרייך האָט בענייט די מלחמה און די פראַנצויזען האָבען פערלאָרען. ענגלאַנד האָט אויך גע־וואָלט צוברעכען פראַנקרייך. די ארמעע עסטרייכער און סאַרדיניער איז בעשטאַנען פון אכציג טויזענט סאָלדאַטען און צוויי הונדערט קאַנאָנען. די פראַנצויזען האָבען נאָר געהאַט דרייסיג טויזענט סאָלדאַטען און דרייסיג האַרמאַטען.

דער פיינד האָט גרינג געקענט צושמעטערן די פראַנצויזישע ארמעע, וואָס האָט געהונגערט און וואָכענלאַנג נישט געהאַט קיין ביסען פלייש אין מויל. די פראַנצויזען זענען גע־גאַנגען אָפּגעריסען און די פערד האָבען נישט געהאַט גענוג פאַשע און נישט געקענט שלעפּען די שווערע קאַנאָנען.

פיעל גענעראַלען האָבען זיך פערבענקט נאָך א קעניג און אָפען אָפּגעלאַכט פון דער רעפּובליק און געהאָפט אויף דעם טאָג ווען דער קרוינפּרינץ וועט ארויף אויפ'ן טראָהן.

מאַרשאַל שערער האָט עטליכע מאָל געלאָזט וויסען דעם דירעקטאָריום אז עס מוז איהם צושטעלען מיליטער, פערד און געלד, אז נישט איז ער נישט פערא'נטוואָרטליך פאַר'ן רעזולטאַט.

דאָס דירעקטאָריום האָט בעשטימט נאַפּאָלעאָנען ער זאָל אנפיהרען די ארמעע קעגען פיינד. מיט איהם זענען אלע גע־ווען זיכער, אז ער וועט געפינען אן עצה. נאַפּאָלעאָן איז אוועקגעשיקט געוואָרען נאָך איטאַליען, צו דער פריהעריגער ארמעע האָט ער בעקומען פערשטאַרקונג פון לאָטרינגען, אויך קאָבלעפעל, משה און צביה זענען אהין געשיקט געוואָ־רען.

נאַפּאָלעאָן איז אלט געווען זיבען און צוואַנציג יאָהר ווען ער איז געקומען אנפיהרען די ארמעע. און ווי ער איז אָנגעקומען האָט אלץ זיך געביטען. אזוי ווי דער פריהלינג בעלעבט די וועלט, אזוי האָט נאַפּאָלעאָן בעלעבט די ארמעע

ער האָט זי אָנגעפילט מיט פרישען מוטה און קאָכעדריגער ענערגיע.

ער האָט גלייך צושלאָגען די סארדיניער און די עסטרייכער האָבען אָנגעהויבען אָפּטרעטען. ער האָט זיי אָבער נאָכגעיאָגט און דערלאנגט שרעקליכע קלעפּ. אין צוויי וואָכען צייט האָט ער געוואונען זעקס שלאכטען, איין און צוואנציג פעהנער, פופציג הארמאטען, פיעל בעסטונגען און פופציג טויזענט געפאנגענע. איבער צעהן טויזענט טויטע זענען געפאלען אין דער פיינדליכער ארמעע.

ער האָט פערנומען לאמבארדיען און דאָס הערצאָגטום מילאנא, מאנטוא האָט ער בעלאגערט און גאנץ איטאליען האָט געציטערט פאר איהם. דער קעניג פון סארדיניע האָט זיך אונטערגעגעבען. עטליכע הערצאָגען האָבען איהם געבעטען ער זאָל שליסען מיט זיי פרידען און זיי האָבען איהם געמוזט געבען גרויסע קאָנטריבוציעס.

ער האָט געלייגט גרויסע קאָנטריבוציעס אויף איטאליען און רייך געמאכט די ארמעע און די פראנצויזישע מלוכה־קאסע. ער האָט אויך צוגענומען פון איטאליע די טייערסטע קונסטווערק וואָס מען קען נישט קריגען פאר קיין געלד.

דער עסטרייכישער קייסער האָט דערהערט וואָס נאפּאָלעאָן האָט אויפגעטאָן אין איטאליע האָט ער געשיקט זיין בעסטען פעלדמארשאל מיט א גרויסע ארמעע נאָך איטאליען קעגען נאפּאָלעאָנען. נאפּאָלעאָן האָט איהם אבער אויך בעזיעגט.

דער עסטרייכישער קייסער האָט געשיקט א פרישע ארמעע צו ראטעווען דעם פעלדמארשאל, עס האָט אבער נישט געהאָלפען. די עסטרייכער האבן זיך געמוזט אונטערגעבען.

אלע איטאליענישע הערשער האבען זיך אונטערגעגעבען. די פעלקער וואָס האָבען געוואָרט אויף פרייהייט האָבען אויפגענומען די פראנצויזען מיט גרוים פרייד. נאָר דער פויבסט פיוס דער זעקסטער איז געווען קעגען נאפּאָלעאָנען. דער פויבסט האָט געהערשט אין רוים און ער איז געווען זיכער אז די גלחים וועלען אָנצינדען דאָס פאָלק קעגען דעם זיעגער.

די גלחים האָבען נישט גערוהט, האָבען בעפוילען מען זאָל פאסטען און בעטען צו גאָט, די אפּיקורסישע פראנ־

צויזען זאָלען האָבען א מפּלה. די גלחים האָבען אויך איינגערעדט דאס פּאָלק אז די "הייליגע בילדער" טריפען מיט בלוט, און פון די אויגען פון דער "הייליגער מוטער" רינען טרערען אליץ איבער די אפּיקורסישע פראַנצויזען.

דאס פינסטערע פאָלק איז געוואָרען צורייצט און געשאָלטען די פּראַנצויזען און געוואָלט זיי בעפאלען און פּערטרייבען פון לאַנד. זיי האבען אבער מורא געהאט צוצוגעהן נאָהענט צו נאַפּאָלעאָנ'ס האַרמאַטען און צולאָפען אויף אַלע זייטען.

א סך זענען גענומען געוואָרען געפאַנגען און זייער געוועהר איז פּערכאַפּט געוואָרען. נאַפּאָלעאָן האט פערעפּענטליכט אַן אויפרוף צו אַלעמען אַז ער וויל זיי באַפרייען און נישט פארקנעכטען. ווען דאָס פּאָלק האָט דערזעהען אַז ער מיינט נישט קיין בייז האָבען זיי איהם אויפגענומען מיט פרייד. אויך דער פּויבסט האָט געשיקט פרידענס שלוחים צו איהם און איהם אָנגערופען: "מיין ליעבער זוהן גענעראַל באנאפּארט".

נאַפּאָלעאָן האָט ניט געוואָלט צוברעכען די מאַכט פון קאַטאָליציזם און ער האָט זיך געלאָזט רעדען. דער פּויבסט האָט איהם אבער געמוזט געבען דרייסיג מיליאָן טאַלער קאָנטריבוציע. ער האט אויך צוגענומען א סך אנטיקען פון וואטיקאַן און אַנעקסירט עטליכע פּראָווינצען צו פראַנקרייך.

די פּראַנצויזען האָבען בעזיעגט גאַנץ איטאַליען, גאָר נישט די ווענעציישע רעפּובליק וואו דער עלטסטער אַדעל האט געהערשט. ווענעדיג האט זיך שטאַרק פערזינדיגט ביי די פראַנצויזען. צוערשט האט זי זיך דערקלערט נייטראַל, האט אבער דורכגעלאָזט די עסטרייכער, די פראַנצויזען האָט זי נישט דורכגעלאָזט. באַלד אבער ווי נאַפּאָלעאָן האט איהר דערקלערט קריעג האט זי זיך אויך אונטערגעגעבען.

אַז מאַנטואַ איז געפאַלען האָט די פראַנצויזישע אַרמעע געהאט געוואונען פערצעהן גרויסע שלאַכטען און זיבעציג צוזאמענשטויסען. איבער הונדערט טויזענט געפאַנגענע און צוויי טויזענט פינף הונדערט האַרמאַטען מיט פערצעהן בריקען זענען אריינגעפאלען צו די פראַנצויזען. די קאָנטריבוציעס האבען געשפּייזט און געקליידט די ארמעע און נאָך אריינגע־

בראכט דרייסיג מיליאן פראנק אין רעגירונג'ס קאסע. איבער דריי הונדערט זעלטען טייערע קונסט־ווערק זענען געבראכט געווארען אין נאציאנאלען מוזעאום.

ער האט געגרינדעט צוויי רעפובליקען אין איטאליען אלס די יונגערע שוועסטער־רעפובליקען פון פראנקרייך. די ארמעע האט פערגעטערט איהר פיהרער און גרייט געווען צו געהן פאר איהם אין פייער און וואסער.

ווען נאפאלעאן האט בעזיעגט איטאליען האט ער געוואלט זיך אפרעכענען מיט עסטרייך. ער האט געפאדערט פון די־רעקטאריום מען זאל איהם שיקען נאך מיליטער. זיין פאר־דערונג איז געווארען דערפילט. זיי האבען איהם צוגעשיקט נאך ניינצעהן טויזענד סאלדאטען און בעפוילען די גענעראלען סארדאן און מארא צו געהן דורך דייטשלאנד און צושטעהן צו נאפאלעאנען, וויל הערצאג קארל, קייסער פראנץ'ס ברודער האט זיי צוקלאפט. קארל איז אויך ארויסגעטראטען קעגען נאפאלעאנען, אבער נאפאלעאן האט איהם צושלאגען און בעזיעגט. ער איז אריין אין עסטרייך און געשטאנען עטליכע טעג גאנץ נאהנט פון וויען.

די עסטרייכער האבען זיך דערשראקען און זיי האבען אויסגעדריקט זייער אומצופרידענהייט, וואס דער קייסער וויל דוקא קריעג מיט פראנקרייך און ברענגט א גרויס אומגליק אויפ'ן לאנד.

דער קייסער האט אוועקגעשיקט זיין פאמיליע און אוצרות נאך אונגארן. די רייכע לייט זיינען אויך אנטלאפען פון וויען, נאר די יוגענד האט זיך באוואפענט צו בעשיצען זייער הויפט־שטאדט. דערווייל האט די עסטרייכישע רעגיערונג געבעטען וואפענשטילשטאנד אויף עטליכע טעג, נאפאלעאן האט גע־הערט אז וועגעדיג בונטעוועט זיך אין אונגארן וויל ארויס־טרעטען קעגען איהם, איז ער איינגעגאנגען אויף א וואפענ־שטילשטאנד און בעשטימט זיך צונויפצופאהרען אויסצואר־בייטען די שלום בעדינגונגען.

---

ביז איצט האט דאס אפגעגליקט קאבלעפעלן און משה'ן. זיי זענען נישט געווארען פערוואונדעט. צביה האט זיך אויס־געצייכענט אין שפיטאל און געווען געזונד און פריש. ווען

זיי האבען געהאט צייט זענען זיי געגאנגען צו צביה'ן אדער צביה צו זיי און זיי האבען געשמועסט און פערבראכט צו־זאמען.

פאר צביה'ן האבען זיך אנגעהויבען נאָך בעסערע צייטען ווען זשאזעפינא, נאפאָלעאָן'ס ווייב, איז געקומען אין פאלאץ לעבען מילאנא. זשאזעפינא איז געווען עלטער מיט זעקס יאָהר פון נאפאָלעאָנען. ווען ער האט מיט איהר חתונה געהאט איז זי אלט געווען דריי און דרייסיג יאהר און ער—זיבען און צוואנציג. ער האָט זי אָבער זעהר ליעב געהאָט. אויף א וואונדערליכען אופן האבען זיי זיך בעגעגענט.

ווען נאפאָלעאָן האָט בעזיעגט די צובונטעוועטע אריסטאָ־קראטען אין פאריז, האט די רעגירונג איהם בעשטימט אלס בריגאַדע גענעראל און אלס קאָמענדאנט פון דער הויפּט־שטאָדט.

איינמאָל איז צו איהם צוגעקומען א שעהן יונגעל, פופ־צעהן יאהר אלט און איהם געבעטען, מען זאל איהם אומ־קערען די שווערד פון זיין פאָטער אלעקסאנדער באהארנע, וועמען די יאקאָבינער האבען געטויטעט.

נאפאָלעאָן האט געהייסען ברענגען די שווערד און אפּ־געבען דעם יונגעל וואָס איז איהם שטארק געפעלען. מיט טרערען אין די אויגען האָט דאָס יונגעל איהם געדאנקט און אהיימגעטראָגען די שווערד.

זיין מוטער, די אלמנה, זשאזעפינא באהארנע, איז אוועק צו נאפאָלעאָנען איהם דאנקען פאר זיין גוט הארץ און ער האט זיך גלייך פערליעבט אין איהר.

נישט בלויז מיט איהר שעהנקייט האט זי איהם געפאנ־גען נאָר אויך מיט איהר שיק און קלוגשאפט. ער האט זי אנ־געהויבען בעזוכען און אין עטליכע וואָכען ארום האט ער מיט איהר חתונה געהאט.

איהר זוהן האָט אונטער נאפאָלעאָן'ס פיהרערשאפט גע־שטיגען פון ראנג צו ראנג אין די איטאליענישע שלאָכטען. אז נאפאָלעאָן האט איינגענומען גאנץ איטאליען האט ער זיך בעזעצט אין א רייכען פאלאץ לעבען מילאנא און געבראכט זשאזעפינא'ן וואָס ער האָט פייערדיג געליעבט.

דער פאלאץ איז מיט איהר קומען געוואָרען א קעניג־

ליכער הויף. די אריסטאָקראטקעס פון איטאַליען זענען געקומען צו איהר, וועלענדיג דורך איהר געפעלען איהר מאַן דעם גרויסען זיעגער.

זשאזעפינא מיט איהרע נייע פריינדינס זענען געקומען בעזוכען דאס שפּיטאָל און זעהענדיג ווי צביה איז בעליעבט ביי אלע פערוואונדעטע, האט זי זיך צורעדט מיט איהר. צביה איז איהר געפעלען און זי האָט זי איינגעלאדען צו זיך אין פּאלאץ. צביה האט בעקומען א קליין שעהן הייזעל לעבען פּאלאץ און משה מיט קאכלעפעל'ן האבען זיך דאָרט בעזעצט די גאנצע צייט פון רוה.

---

אין דעם וואונדערליכען פּאלאץ פון דעם וואונדערליכען איטאַליען האבען אלע זיך אפּגערוהט, נאָר נישט נאפּאָלעאָן. פון אלע זייטען זענען געקומען צו איהם שטאפעטען און רעגירונגס פערטרעטער. ער האט געשיקט זיינע פערטרעטער צו פיהרען די פריעדענס פערהאנדלונגען מיט עסטרייך און איינפיהרען א רעגירונגס אָרדנונג אין דייטשלאנד און שווייץ. דאָס איז שוין געווען געגוג ארבייט. האט ער אבער נאָך געמוזט פערברענגען מיט די איטאַליענישע אריסטאָקראטען וואס זענען געקומען צו גאסט צו זשאָזעפינא'ן.

פּלוצלונג איז עפּעס געשעהן וואס די וואונדערשעהנהייטען פון איטאַליען זענען געוואָרען איינגערעגט דערפון. עס איז אָנגעקומען באראָנעסע פאָן אייבענבערג פון וויען, די בעריהמטע וועלט־שעהנהייט. זי האט מיטגעבראכט רעקאָמענדאציעס פון די עסטרייכישע מיניסטאָרען און אלע איטאליענישע אריסטאָקראטען און די פראנצויזען האָבען געקניעט פאר איהר ווען זיי האָבען זי דערזעהן. די שעהנע איטאַליענערקעס האבען געברענט פאר אייפערזוכט.

צביה האט געהערט אז אזא שעהנקייט איז אָנגעקומען איז זי אויך געוואָרען נייגעריג זי צו זעהן. פּארנאכט האָט זי בעמערקט די באראָנעסע שפּאצירט מיט זשאזעפינא'ן. אזא וואונדערליכע פיגור און אזא שעהנקייט זעהט מען גאָר נישט אויף דער ערד.

צביה איז ארויס און מיטגערופען משה'ן מיט קאכלעפעל'ן. ווי זיי האבען זיך בעגעגענט האבען זיי זיך דער־

קענט. מאריאנע קאהן פון בערלין, א אידיש מיידעל וואָס זיי האָבען אָפּט געטראָפען ביי העגריעטע הערץ און אין מענדעלסאָנ'ס הויז.

א ווײלע זענען זיי געשטאַנען געפּלעפט, און קאכלעפעל האט א זאָג געטאָן אויף אידיש:

— זי איז מגולגל געוואָרען אין א באראָנעסע.

מאריאנע האט, ווייזט אויס, דערהערט וואס ער האט געזאָגט, זי איז געוואָרען בלאַס, פאר שרעק, איהר אידישער אָפּשטאַם זאָל נישט ווערען בעקאַנט. דערוויל האָט זשאָזעפינא פאָרגעשטעלט פאר איהר צביה'ן, זאָגענדיג:

— מיין פריינדין בירגערין ענסהיים.

מאריאנע האט איהר דערלאנגט די האנד און געזאגט:

— איך געדענק זי פון בערלין וואו זי האָט געהייסען פריילין ענסהיים.

— דאס איז איהר מאן בירגער ענסהיים—האט זשאָזעפין ווייטער פאָרגעשטעלט משה'ן

— איך קען איהם גוט. ער איז געווען אן איינגעהער אין פילאָזאָף מענדעלסאָן'ס הויז, אן אנגעלייגטער גאסט ביי מיין בעריהמטע פריינדין העגריעטע הערץ. אָ! וואָס מאכט איהר, פריינד קאָכלעפעל—האָט זי א זאָג געטאָן—ווי אזוי זענט איהר געוואָרען א בעאַמטער אין דער העלדישער פראַנצויזישער ארמעע ?

— די רעפּובליק האט מיך בעלוינט פאר מיין דיענסט— האט קאכלעפעל געזאגט שטאָלץ—איך וויל אייך אויך עפּעס פרעגען...

— וואו וואוינט איהר?—האט מאריאנע איהם איבערגעשלאָגען — איך וועל אריינקומען צו אייך.

משה האט איהר אנגעוויזען אויף זייער וואוינונג. זיי האבען זיך פערנייגט און אריין אין שטוב ווארטען אויף איהר. אין אווענד איז זי געקומען צו זיי און דערצעהלט ווי אזוי זי איז געוואָרען א באראָנעסע.

זי האט חתונה געהאט מיט פּידשט רייס, וואס האט זי שטארק געליעבט. די חתונה איז אבער געווען א מאַרגאנעטישע, וויל ער, א מיטגליעד פון דער קייסערליכער משפחה, האט נישט געטאָרט הייראטען מיט א פרוי פון איינפאכען

שטאַנד. זי איז אָבער צופרידען געווען ווייל זי איז געווען
בעליעבט אין "הויף".

אינגיכען איז אָבער איהר אַלטער מאַן געשטאָרבען און
זי איז געבליבען אַן עלענטע אַלמנה אָהן א טיטול. זי איז אוועק
נאָך וויען צו קייסער פראַנץ און געוויינט פאַר איהם, ער זאָל
איהר העלפען. דער קייסער האָט איהר נישט געקענט געבען
איהר מאַן'ס טיטול ווייל די פאַמיליע איז געווען קעגען, האָט
ער איהר געשאָנקען א גרויס גוט און דעם טיטול באַראָנעסע
פאָן אייבענבערג.

זי האָט דערגרייכט ס'איהריגע. זי האָט א טיטול. איצט
קומט זי מיט א וויכטיגע מיסיע וואָס וועט איהר פערשאפען
א גרויסען נאָמען, אויב זי וועט דאָס דורכפיהרען. זי איז
געקומען געשיקט אין נאָמען פון פיליפ דע ארטוא, דעם גע־
קעפטען קעניג'ס ברודער, וואָס איז איצט אין עסטרייכישען
הויף.

גראף דע ארטוא האָט איינגעזעהן אז זיין קאַמף קעגען
דער רעפובליק איז אומזיסט, וויל ער שליסען פריידען מיט
איהר און ער וויל ערלויבנייש צו מעגען זיך אומקערען נאָך
פראַנקרייך, און אריינטרעטען אין דער אַרמעע. אפשר וועט
ער אויף א פרידליכען וועג צוריק געווינען די ליעבע פון די
פראַנצויזען.

אזוי ווי נאפּאָלעאָן פיהרט איצט שלום־פערהאַנדלונגען
מיט עסטרייך און דע ארטוא איז א קרוב מיט די האַבסבורגער
וועט דאָס העלפען מאכען א בעסערען שלום. די קייסערליכע
פאַמיליע האָט זי אויסגעקליבען צו רעדען דערוועגען מיט נאַ־
פּאָלעאָנען.

— איך צווייפעל אויב דאָס וועט אייך געלינגען — האָט
קאַבלעפעל געזאָגט — נאפּאָלעאָן לאָזט זיך נישט פאַנגען
פון שעהנע פרויען. ער האָט צו ליעב דזשאזעפינען.

מאַריאַנע איז געוואָרען בלאס הערענדיג דעם אמת מיט
וואָס זי וויל ווירקען אויף דעם גרויסען העלד.

משה האָט זי געפרעגט וועגען בעקאַנטע אידישע מייד־
לעך. זי האָט זיי דערצעהלט שווערליכע געשיכטעס ווי
זיי האָבען זיך אַרומגעפיהרט מיט אַלטע פירשטען און מאַ־

נאָכען און קאָבלעפעל האָט זיך אנגערופען אז זייערע באָבעס האָבען נישט געלייענט אזעלכע מעשות אין "צאינה וראינה".

— איהר האָט תמיד ליעב זיך וויצלען — האָט מאַריאַנע געזאָגט.

— סאיז שוין גאָר נישט קיין וויץ. אייער אויפפיהרונג איז מיר גאָר נישט צום הארצען. וואָס דאַרף אַ אידישע טאָכטער זיך ארומשלעפען מיט גלחים און באראָנען?

— נאָר זותונה האָבען מיט אַ נארישען ישיבה בחור?

— האָט מאַריאַנע געפרעגט.

קאָבלעפעל האָט איהר געוואָלט אָפּענטפערן שאַרף, איז אָבער אָנגעקומען זשאזעפינא'ס א דינסט און איהר אָנגעזאָגט אַז נאַפּאָלעאָן וואַרט אויף איהר. און זי איז ארוים מיט איהר.

---

שווייגענדיג מיט פערלייגטע הענד האָט נאַפּאָלעאָן זי אויסגעהערט און געזאָגט:

— ווען אַ מאַן וואָלט מיר דאָס געזאָגט וואָלט ער בעקומען אַן ענטפער מיט אַ ביקס. אַ פרוי און נאָך אַזאַ שעהנהייט ווי איהר איז עפּעס אַנדערש. אייך צוליעב... וועט איהר דאָ נעכטיגען און אינדערפריה וועט איהר מיט בירגער ענסהיים געהן צו לאַוואַלעט'ן און ער וועט אויספיהרען מיין בעפעהל.

ער האָט אויפגעשריבען אַ פּאָר ווערטער און אריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט און איהר איבערגעגעבען. ער האָט זיך פארנייגט פאר איהר. זי האָט זיך פערנייגט און צוקושט מיט זשאָזעפינא'ן און ארוים צופרידען. זי האָט געלאָזט וויסען משה'ן, ער זאָל אינדערפריה זי בעגלייטען צו לאַוואַלעט'ן.

אז משה איז געקומען צו מאַריאַנע'ן אינדערפריה האָט זי, אָן אויסגעפּוצטע, שוין געוואַרט אויף איהם. לאַוואַלעט האָט זי אויפגענומען פריינדליך און געבעטען עפּיס עסען.

אַ קאַרעטע מיט צוויי פערד געשפּאַנט איז צוגעפאָהרען צום הויז. צוויי גרענאַדירען זענען אריין און לאַוואַלעט האָט בעפוילען:

— נעמט די דאַמע און פיהרט זיי אוועק ביז צום ראַאב. דאָרט לאָזט זי אַראָפּ און רעדט נישט אוים קיין וואָרט מיט

איהר.

— וואָס בעטייט דאָס?—האָט מאַריאַנע געפרעגט און גע־וואָרען בלאַס.

— דאָס איז דער בעפעהל פון גרויסען גענעראַל, דער הערשער, בירגער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט.

די גרענאַדירען האָבען זי אַ כאַפּ געטאָן, אַריינגעזעצט אין קאַרעטע, געצויגען די שווערדען און די פערד האָבען אָנגעהויבען גאַלאָפּירען.

---

נאָכדעם ווי דער שלום־אָפּמאַך איז געוואָרען אונטערגע־שריבען האָט נאַפּאָלעאָן זיך אומגעקערט נאָך פּאַריז און איז אויפגענומען געוואָרען מיט אַזאַ פּאַראַד וואָס פראַנקרייך האָט עס קיינמאָל פריהער נישט געזעהן.

זשאָזעפינא האָט מיטגענומען צביה'ן. נאַפּאָלעאָן האָט אַריינגענומען משה'ן מיט קאַלעבפּעלען אין זיין לייב־גוואַר־דיע. זיי האָבען בעקומען אַ שעהנע וואוינונג אין נאַפּאָלעאָנ'ס פּאַלאַץ.

זיי זענען באַלד אוועק צו זאַלקינד הורוויץ'ען און ער האָט זיי מיט פערדואָס דערצעהלט אַלע אינטריגעס וואָס גרייטען זיך אין פּאַריז, און אַז דאָס דירעקטאָריום פערגינט נישט נאַפּאָלעאָנ'ען זיין ערפאָלג און זיי וועבען אַ נעץ פאַר איהם ער זאָל האָבען אַ מפּלה.

עס איז געווען אמת. דאָס דירעקטאָריום האָט זיך גע־גרייט דערקלערען קריעג ענגלאַנד און געהאָפט זי צו בע־פאַלען דורך אירלאַנד, וואָס וויל זיך בעפרייען פון ענגלישען יאָך. אין אַלע האַפענס זענען צוגעגרייט געוואָרען שיפען און נאַפּאָלעאָן איז בעשטימט געוואָרען צו זיין אויבער־קאָמאַנ־דיר פון דער אַרמעע קעגען ענגלאַנד.

מיט פערציג טויזענט סאָלדאַטען און די געקליבענסטע גענעראַלען און געלעהרטע, דרייצעהן קריעגס־שיפען מיט די בעסטע האַרמאַטען און דריי הונדערט מיט פופציג פּראַכט־שיפען האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעהויבען זיין קריעגס־צוג קעגען ענגלאַנד.

ער איז אָבער נישט אוועק מיט'ן אַטלאַנטיק צום אינלענדי־שען ברעג ,נאָר מיט'ן מיטעללענדישען ים און גרינג פערכאַפּט

מאַלטאַ און אריין נאָך עגיפּטען. פון דאָרט האָט ער געוואָלט
געהן אויף אינדיע און פערטרייבען ענגלאנד פון דאָרט.

עגיפּטען איז געשטאַנען אונטער דער אויבערהערשאַפט
פון טערקישען סולטאַן. די אמת'ע הערשער זענען אָבער גע־
ווען מאַמולוקישע דעספּאָטען. זיי האָבען געזויגען דעם מאַרך
פון אלע פרעמדע. צווישען די בערויבטע זענען אויך געווען
פראַנצויזען און נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אַ גוטע אורזאַך
צו פערטרייבען די הערשער.

נאַפּאָלעאָן האָט דאָס געלאָזט וויסען דעם סולטאַן. אָבער
דער סולטאַן איז געשטאַנען אונטער ענגלישען איינפלוס און
געווען אומצופרידען פון נאַפּאָלעאָנ'ס אָנקומען. נאַפּאָלעאָן
האָט פאַרגעשלאָגען פרידען ביים אָנקומען אין אלעקסאַנדר־
ריען. די פעסטונג מיט דער קליינער ארמעע האָט אָבער
נישט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און נאַפּאָלעאָן האָט זי גלייך
איינגענומען מיט שטורם און בעשטימט זיינע פערטרעטער
צו פיהרען די שטאָדט.

פון דאָרט איז ער אוועק נאָך קאירא. דער וועג איז געווען
שרעקליך שווער. אָהן וואַסער צום טרינקען. די זון הייס פון
אויבען און דאָס זאַמד גליהט אונטער די פיס. און וואַסער
איז נישטאָ. דערווייל איז אנגעקומען אַ ידיעה אז די עגיפּ־
טישע הערשער האָבען זיך בעפעסטיגט אויפ'ן וועג צווישען
די פּיראַמידען מיט אַן ארמעע פון זעכציג טויזענט סאָל־
דאַטען.

נאַפּאָלעאָן האָט גלייך געלאָזט זיך אויף זיי און גערעדט
צו זיין ארמעע:

— "שטאַרקט אייך, פראַנצויזען, פיער טויזענט יאָהר
קוקען אויף אייך פון שפּיץ פון די אייביגע זיילען, פון די
הויכע מעכטיגע פּיראַמידען, צו זעהן אייער וואונדערליכען
מוטה און גרויס העלדישקייט!"

מיט מוטה האָט די פראַנצויזישע ארמעע זיך געוואָרפען
אויפ'ן געגנער און זיי צוקלאַפּט און צוטריבען. די פראַנ־
צויזען האָבען גענומען טויזענט געפאַנגענע, פערציג הארמאַ־
טען, ניין הונדערט קעמלען און נאַכמעהר אראַבישע פערד
און פיעל גאָלד און זילבער און פּראָוויאַנט.

ווען אלע האָבען זיך געוואָרפען רויבען האָבען משה,

קאַבלעפּעל מיט צבי'ה'ן נאָר געקוקט אויף די וואונדערליכע פּיראַמידען און זיי האָבען געזעהן פאַר זיך די אידישע פּיין אין מצרים, ווי די מצריים האָבען געאַרבייט מיט די אידען אין ליים און ציגעל. וויפיעל אידען האָבען זייערע כוחות און לעבענס אַריינגעלייגט אין די פּיראַמידען! די געלעהרטע האָבען דערקלערט אַז אויפצובויען איין פּיראַמיד האָבען הונדערט טויזענט מאַן געמוזט אַרבייטען צוואַנציג יאָהר. אַזעלכע פּיראַמידען זענען דאָ צוואַנציג, אויסער די אבעליסקען. וויפיעל אידיש בלוט ליגט אין דעם!

אַז זיי זענען צוגעקומען צום ים־סוף האָבען זיי נישט געקענט אָפּרייסען זיך פון איהם. דאָ זענען די אידען אַריבער אין טריקעניש און געזונגען שירה צו גאָט.

אין קאַירא האָט מען שוין געוואוסט פון נאַפּאָלעאָן'ס זיג און די שטאָדט האָט זיך גלייך אונטערגעגעבען.

---

די ענגלישע פלאָט איז בעפאַלען די פראַנצויזישע שיפען וואָס זענען געשטאַנען לעבען אבוקיר און זיי געזונקען. נאָר פיער שיפען האָבען זיך געראַטעוועט און אַנטלאָפען. די פראַנצויזען האָבען פערלוירען אַלע האַרמאַטען און ניין טויזענט סאָלדאַטען, נאַפּאָלעאָן האָט אָבער נישט פערלוירען דעם מוטה און ווייטער געגאַנגען זיין וועג, איינגענומען אויבערשט מצרים און זיך געלאָזט צו סיריען.

ער האָט פערנומען עזה און אוועק נאָך יפו, וואָס איז געווען שטאַרק בעפעסטיגט מיט א גרויסע אַרמעע. נאַפּאָלעאָן האָט געשיקט פריהער זיין פערטרעטער פּאַרלייגען פריידען, ער האָט זיך אָבער נישט אומגעקערט. באַלד ווי ער איז אַריין אין פעסטונג האָבען די יפו'ער איהם געטויט. נאַפּאָלעאָן האָט אַטאַקירט די פעסטונג און זי גלייך איינגענומען. ער האָט פערחאַפּט דעם האַפען און געמאַכט א שפּיטאָל, עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן עפּידעמיע אין דער אַרמעע. צביה האָט זיך איינגעשטעלט ס'לעבען און אומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע.

נאַפּאָלעאָן האָט זי שטאַרק געליובט פאַר איהר מוטה ער האָט אַרויסגעשיקט אַן אויפרוף צו אַלע איינוואוינער אַז זיי זאָלען זיין רוהיג. קיין בייז וועט זיי נישט געשעהן. ער

האָט אויך ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אידען, אַז ער איז געשיקט געוואָרען אַהער פון הימעל, זיי צו בעזעצען אויף זייער לאנד און זיי אומקערען די מלוכה.

דאָס אידישע הארץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט פרישע האָפנונג און איהם געהאַלטען פאר א צווייטען כורש און זענען גרייט געווען צוצושטעהען צו איהם און צוזאמענשטעלען אַן ארמעע, וואָס זאָל איינגעמען ארץ־ישראל. זיי האָבען שוין בעשטימט אלעפאַ אלס דער צענטער פון דער אידישער ארמעע.

דאָס האָבען אָבער נאָר געוואָלט טאָן די אידען פון ווייטענס. די פון נאָהנט האָבען איהם נישט געגלויבט. זעהענדיג ווי ער האָט געהייסע טויטען די געפאנגענע פון יפו, האָבען זיי איהם נישט געטרויט.

די אידען פון יפו זענען אנטלאָפען איבער די פראנצויזען. די אידען פון ירושלים האָבען געהאָלפען בעפעסטיגען די שטאָדט נישט צוצולאָזען די פראנצויזען. דער רב ר׳ מרדכי יוסף מיוחס האָט אליין אָנגעפיהרט די ארבייט. אין עכו האָט ר׳ חיים פרחי געהאַלטען מיט אַכמעד פּאַשאַ און דעם ענגלישען אדמיראל סמיט.

עכו איז געווען שטארק בעפעסטיגט און אנגעפיהרט פון ענגלישע קאָמאַנדירען מיט ענגליש געוועהר. נאַפּאָלעאָן האָט בעלאַגערט עכו צוויי מאָנאַטען און זי נישט געקענט איינגעמען. דערווייל האָט דער סולטאַן דערקלערט קריג פראנקרייך און ארויסגעשיקט אַן ארמעע קעגען נאַפּאָלעאָנ׳ען, ער וואָלט געהאַט די מלחמה פון פאָרנט און פון הינטען.

איז ער גלייך אַוועק פון עכו און ארויס קעגען סולטאַנ׳ס ארמעע און זי צושלאָגען און צוטריבען. דערנאָך איז ער ווידער צוריק צו עכו און אכט מאָל געשטורמט די פעסטונג, ער האָט זי אָבער נישט געקענט איינגעמען. וויפיעל ער האָט אוועקגעלייגט טויטע האָט די פעסטונג צוגעקראַגען נאָך מעהר פריש מיליטער.

---

עס איז געקומען פריהלינג. די ביימער האָבען געבליהט. די ערד איז געוואָרען גרין. דער גערשט איז שוין געווען פארטיג. עס איז אָבער נישט געווען קיין שניט איבער דער מלחמה.

די ערד איז בעדעקט געוואָרען מיט קברים פון יזויטע, גע־פאַלענע פון שווערד, הונגער און מגפה.

פסח צו די ערשטע סדר־נאַכט האָבען משה, קאַכלעפּעל און צביה זיך געזעצט צום סדר. זיי האָבען געהאַט וויין אָבער נישט קיין מצות. האָבען זיי געגעסען גרינצייג. דער סדר איז נישט געוועזן פרעהליך. צביה איז געוועזן טרויריגער פון זיי. זי האָט שוין נישט געהאַט קיין קרעפטען צו ארבייטען, זי איז געוואָרען שטארק נערוועז, ווען זי האָט דערזעהן אין יפו ווי מען האָט צוגעבונדען צוועלף הונדערט געפאַנגענע טער־קען אין די גערטנער און זיי צושאָסען. זי האָט אויך נישט געקענט צוזעהן די עפּידעמיע קראַנקע און הונגער־ליידענד'ע וואָס זענען געוואָרען צומישט.

— וואָס זיצען מיר דאָ ? — האָט צביה זיך אָנגערופען — ס'פעהלען קברים אין אייראָפּא וואָס באנאפּארט האט אונז געבראכט אהער ? און ווער וויים וויפיעל אידען פאַלען פון אונזערע קוילען ?

די פראגען האָט זי פאַר די לעצטע וואָכען געפרעגט אָפט. פּלוצלינג האָבען אָנגעהויבען רינען טרערען איבער איהרע בלאַסע באַקען.

— וואָס וויינסטו ? — האָט משה זי געפרעגט דערשראָ־קען.

— צביה'לע, וואָס וויינסטו ? — האָט קאָכלעפּעל זי גע־פרעגט און שיער זיך אַליין צוואויינט.

— שוין דרייצעהן יאָהר נאָך אונזער חתונה — האָט זי געוויינט — און איך האָב נישט קיין קינד, קיין קדיש.

— וואָס פּלוצלינג ? — האָט משה גע'טענה'ט — דו ווייסט דאָך אַז איך האָב דיך שטארק ליעב און מיר זענען דאָך יונג, מיר וועלען נאָך האָבען קינדער און נחת.

— וואָלטען מיר געוועזן עהרליכע אידען — האָט צביה ווייטער גערעדט מיט טרערען — האָסטו נאָך מיט דריי יאָהר צוריק געדאַרפט מיך גט'ען. אָדער אפשר זאָלסטו דאָ נעמען נאָך... אַ פרוי... דאָ מעג מען דאָך... וועל איך אפשר אויך ווערען געהאָלפען...

זי האָט אָנגעהויבען שטאַרק ציטערן און קאָכלעפּעל האָט

זי איינגעוויקעלט אין מאַנטעל, געלייגט אויפ'ן בעט און געזאָגט :

— ביזט קראַנק, טאָכטער מיינע.

זי האָט אַרומגענומען מיט איהרע געפרוירענע ציטערדיגע הענט משה'ן און קאָבלעפעל איז אוועק נאָך'ן מיליטער דאָק־טאָר. די קעלט האָט אָפּגעטראָטען און זי האָט אָנגעהויבען ברענען מיט א העליש פייער.

דער דאָקטאָר האָט דערזעהן איהרע טונקעלע וויסלען און בעפוילען :

— גיכער טראָגט זי אוועק אין שפּיטאָל. ריהרט זי נישט אָן, איהר זאָלט זיך נישט אָנשטעקען !

זי האָט געקראָגען די שוואַרצע פּעסט און זיי האָבען זי געמוזט אוועקטראָגען אין שפּיטאָל. זיי האָבען אָבער נישט גע־פאָלגט דעם דאָקטאָר. משה האָט זי געקושט אין איה־רע ברע־נענדע ליפּען און קאָבלעפעל האָט זי פאטערליך געגלעט.

אין שפּיטאָל איז שוין געלעגען אַ עלטערע בארמהאר־ציגע שוועסטער אויך דער קרענק און איהר סוף איז געווען נאָהנט. ווען זיי האָבען אריינגעבראכט צביה'ן האָט אויסגע־בראָכען א גרויס געוויין. די דאָקטוירים, בארמהערציגע שוועסטער און קראנקע האָבען געקלאָגט וואָס די יונגע ענערגישע צביה'ן איז אנגעשטעקט.

צביה איז געלעגען אין גרויס היץ און גערעדט צומישט. זי האָט גערעדט פון איהרע צרות קליינערהייט, פון הקדש, פון איהרע בעקאַנטע בערלינער מיידלאך און פון משה'ן, די שרעקען פון דער גילאָטינא און די צושאָסענע געפאנגענע אין יפו.

— געוואַלד ! מיין קאָפּ ! דער קאָפּ ! — האָט זי גע־שריגען — משה ! לאָמיר אוועק פון דעם טויטען פעלד און צוריקפאָהרען נאָך עלזאס !

—מיר וועלען צוריק פאָהרען ! — האָט משה געזאָגט און זי געקושט.

דער דאָקטאָר האָט איהם אוועקגעריסען. די שוואַרצע פלעקען האָבען זי שוין בעדעקט און די סאָלדאטען האָבען ארויסגעשטופּט איהם מיט קאָבלעפעל'ן. זיי האָבען געוואַרט אין דרויסען.

— זי געהט אויס — האָט מען זיי אָנגעזאָגט.

זיי האָבען זיך געריסען די האָר פון קאָפּ. זיי טאָרען אפילו נישט זיין לעבען איהר טויטען בעט. זיי טאָרען נישט טאָן איהר רעכט. משה האָט זיך געוואָלט אריינרייסען אין שפּיטאל. קאבלעפּעל האָט איהם אָבער געזאָגט אז דאָס איז אונמעגליך. ס'איז שטרענג פערבאָטען. באַלד ווי דער קראַנקער הויבט אָן גוסס'ען וויקעלט מען איהם איין אין קאָלדרע און מיט'ן בעטעל לייגט מען איהם ארויף אויף א וואָגען און מען פיהרט איהם אוועק ווייט, און וואַרפען אלץ אריין אין א טיעפער גרוב, פערברענען אלצדינג און פערשיטען מיט קאַלך, די עפּידעמיע זאָל זיך נישט פערשפּרייטען.

משה האָט מורא'דיג געקלאָגט און געשריגען:

— גאָט, איז דאָס דער לוין פאר איהר גוטסקייט? זי האָט איהר לעבען אוועקגעגעבען צו ראטעווען קראנקע און שטאַרבט מיט אזא שרעקליכען טויט? דיין משפּט, גאָט, איז שרעקליך!

באַלד איז צוגעפאָהרען א וואָגען. די דינער האָבען ארויפגעלייגט צביה'ן מיט'ן בעט און אוועקגעפיהרט. זיי זענען נאָכגעפאָהרען, געשטאַנען פון ווייטענס און באַלד האָבען זיי דערזעהן א רויך איבער דער גרוב.

ס'איז זיי פינסטער געוואָרען פאר די אויגען. קאבלעפּעל האָט שרעקליך געוויינט, נאָר משה איז געשטאַנען פערגליווערט מיט א טויט האַרץ, נישט געקענט ארויסוויינען. איין האָפנונג האָט ער געהאט. ער האָט זיך אָנגעשטעקט, באַלד וועט מען איהם אהינפיהרען צו צביה'ן.

א טאָג איז אריבער און ער איז אלץ געווען געזונט און ער האָט געבעטען אויף זיך דעם טויט. דער טויט איז אָבער נישט געקומען. באַלד איז אויסגעבראָכען א שלאַכט, קאָבלעפּעל איז אריינגעשפּרונגען אין פייערינען שטרייט צו פערשטיקען די גרויסע ווייטאָג און ער האָט מיטגעשלעפּט משה'ן מיט זיך.

נאפּאָלעאָן האָט געוואָהר געוואָרען אז ס'איז אָנגעקומען פרישע טערקישע מיליטער. האָט ער בעפוילען צו מאַכען נאָך אן אטאַקע. א פערציג סאָלדאטען האָבען זיך פאָרגעשלאָגען צו זיין די ערשטע אין דער אטאַקע. קאָבלעפּעל

איז געווען איינער פון זיי. משה האָט איהם אָפּגערעדט נישט וועלענדיג פערלירען זיין איינציגען פריינד, האָט קאכלעפעל געזאָגט:

— די וועלט וועט גאָרנישט פערלירען אז איך וועל שטאַרבען. צביה האָט מיך גערופען מיט זיך...

די הארמאַטען האָבען געשטורמט די פעסטונג, שטיינער זענען געפלויגען פון דער מויער און אַ גרויסער שטויב האָט זיך געטראָגען. שוואַרץ פון שטויב און רויך איז קאכלעפעל געשטאַנען מיט דעם אוואַנגארד און געציעלט אין די לעבער פון דער מויער פון וואנען די ענגלענדער האָבען געשאָסען.

דרייסיג טריט הינטער זיי איז געשטאַנען משה מיט אן אָפּטיילונג סאָלדאַטען גרייט צו זייער הילף. אַ קויל איז אָנגעפלויגען פון פעסטונג מיט אַ שניידענדען פייף, אַ שמייז געטהאָן פאר קאכלעפעל'ן און אריין אין זיין רעכטער האנד און די שווערד איז ארויסגעפאלען פון זיין האנד. ער האָט זי אָבער געכאַפּט מיט דער לינקער האנד און געבליבען שטעהן אויף דער פּאָזיציע ביז זיי האָבען זיך אריינגעריסען אין דער אויפגעבראָכענער מויער, איז אָבער אַ שטיק מויער אראָפּ אויף זיי און זיי צוגעדעקט.

משה האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן זיינע פופציג סאָלדאטען און זיי האָבען אָנגעהויבען צעוואַרפען די שטיינער, אויפצוגראָבען די פער'שאָטענע. צווישען די ערשטע טויטע איז געלעגען קאכלעפּ'ל מיט אַ צושפּאָלטענעם מוח און צוריסען פּנים פערגאָסען מיט בלוט און ס'איז שווער געווען איהם צו דערקענען.

משה האָט זיך געוואָרפען אויף קאָכלעפעל'ן און ביטערגעוויינט. איצט האָט ער בעוויינט צביה'ן מיט קאָכלעפעל'ן. עס האָט איהם נאָר פערדראָסען וואָס ער איז געבליבען לעבען.

ער האָט זיך נישט בעטייליגט אין דער שלאַכט. געזעסען אויף דער ערד און געהאלטען דעם טויטען קאָכלעפעל און גע־וויינט. ארום זענען געפלויגען קוילען ווי האָגעל, מענשען זענען געפאלען ווי פליגען און איהם האָט נישט געאַרט. ער האָט געוואָלט פאלען טויט אויפ'ן זעלבען אָרט. זיינע סאָלדאטען האָבען איהם אָבער מיט ס'גוואַלט אוועקגעשלעפּט פון דאָרט, זיי האָבען געמוזט אָפּטרעטען.

משה האָט געהייסען בעגראָבען קאָכלעפעל׳ן לעבען צביה׳ן; ער האָט זיי געשטעלט א מצבה, א גרויסען שטיין און א גאנצע וואָך דאָרט געוועזן און געהאַלטען אין איין וויינען און טרויערן. קיינער האָט איהם נישט געשטערט. פּלוצלונג האָט מען איהם גערופען צו נאפּאָלעאָן׳ען.

ער האָט זיך ארומגעוואשען, אָנגעטאָן דעם אוניפאָרם מיט דער שווערד און אריין צו נאפּאָלעאָן׳ען. דער העלדי־שער גענעראל איז געשטאַנען מיט פערלייגטע הענד איבער דער מאפּע פון עגיפּטען. ווי ער האָט איהם דערזעהן האָט ער איהם אָנגענומען מיט ביידע הענד און אוועקגעזעצט און געזאָגט:

—איך בעדויער זעהר דעם פערלוסט פון אייער העלדי־שער מוטיגער פרוי און דעם טויט פון קאָכלעפעל דער אומ־דערשראָקענער העלד. וואָס קען מען אָבער טאָן? דאָס איז דער גורל פון מיליטער אין מלחמה. אַלעמען ערוואַרט דער טויט. קיינער קען איהם נישט אויסמיידען.

איך האָב בעשלאָסען צו פערלאָזען עכו און זיך אומ־קערען נאָך עגיפּטען. די פריהעריגע דעספּאָטישע הערשער הילען בענייען די מלחמה. איך וועל אויך נישט זיין לאנג אין עגיפּטען. איך מוז זיך אומקערען נאָך פאריז. עס איז נישט גוט אין פראנקרייך. ענגלאנד, רוסלאנד, עסטרייך, טערקיי, שוועדען און פּאָרטוגאל האָבען געשלאָסען אַן אָפּמאַך און דערקלערען אונז קריעג. דער הערצאָג קארל האָט פער־טריבען אונזער ארמעע פון רהיין. גאַנץ איטאַליען האָט דער רוסישער העלד סואוואראָוו פערנומען. ער געהט איצט אויף שווייץ און וויל פעריאָגען אונזער דאָרטיגע ארמעע. אין פראנקרייך איז אומרוהיג. אַלע בעקלאָגען זיך אויפ׳ן דירעקטאָריום. די פריהעריגע זענען ארויסגעזעצט און אַנ־דערע זענען בעשטעטיגט געוואָרען און עס איז קיין הילף נישט.

די פּאַרטייען רייסען זיך ווידער ארום. און אויב עמי־צער זאָל נישט מאַכען א סוף צו די רייסערייען ווער ווייס וואָס עס וועט ווערען פון דער רעפּובליק. איך מוז זיך שטי־לערהייט ארויסכאַפּען פון דאנען, דורכ׳גנב׳ענען זיך דורך די ענגלישע שיפען און צוריקקומען נאָך פאריז.

—בירגער ענסהיים — האָט נאַפּאָלעאָן ווייטער געזאָגט — איך בעשטים דיך פאר אן אָפיציר און וועל דיר איבער־געבען א ספּעציעלע מיסיע. וועסט פאָהרען נאָך בערלין און מיטהעלפען אונזער אמבאסאדאָר סיעס אָפּרעדען דעם נייען פּרייסישען קעניג פרידריך ווילהעלם דער דריטער פון א פער־איינינונג מיט אונזערע פיינד.

איך האָב שוין אָנגעגרייט מאַכמעדאנישע קליידער און א פאס פאר דיר אויפ'ן נאָמען פון סוחר מוסטאפא פון אלעק־סאנדריא. קריגסט אויך געלד אויף הוצאות. ביז יפו וועלען מיינע מענשען דיך בעגלייטען. וועסט זיך אויפזעצען אויף א האמבורגער שיף און פאָהרען נאָך האמבורג. דערנאָך זאָלסטו דיך אָנטאָן ווי א פראנצויזישער אָפיציר און פאָהרען נאָך בערלין און איבערגעבען דעם דאָזיגען בריעף צו סיעס'ן. בעהערש זיך אין דיין טרויער און וועסט בעגליקען אין דיין וועג.

ער האָט געבעטען נאָך א טאָג צו בעוויינען זיינע טייערע קברים. נאַפּאָלעאָן האָט איהם צוליעב געטאָן. א גאַנצען טאָג מיט א נאַכט איז ער געלעגען אויף די קברים און ביטער געוויינט. ער האָט געקושט די מצבה און מיטגענומען א ביסעל ערד פון די קברים און אוועק אין זיין פּאלאטקע.

צעהן סאָלדאטען האָבען שוין געווארט אויף איהם. ער האָט זיך איבערגעטאָן ווי א מאַכמעדאנער. א פראנצויזישען אָפיצירען אוניפאָרם האָט ער אריינגעלייגט אין פּעקיל, מיט צוויי טויזענד גאָלד פראנק און די פּעסער, האָט ער זיך אוועקגעזעצט פאָהרען נאָך יפו אין בעגלייטונג פון די סאָל־דאטען.

---

ער איז אריבער בשלום דעם ים. אויפ'ן וועג פון האמ־בורג נאָך בערלין האָט ער זיך אָנגעזעהן מיט די אידישע צרות, וואו זיי מוזען נאָך אומעטום איידער זיי פאָהרען אריין אין שטאָדט בעצאָהלען א בעזונדער אָפּצאָהל. די שאַנד עקזיסטירט שוין נישט דאָרט וואו פראנקרייך הערשט. ער איז געוועזן אַן אויסנאהם אלס פראנצויזישער אָפיציר און ער איז ווידער געוועזן אין בערלין נאָך צעהן יאָהר וואָס ער איז אוועק פון דאָרט.

ער האָט נישט דערקענט די בערלינער אידען. וואו ער איז געקומען האָט ער דערזעהן ווי דער אידישער שטעמפּעל איז אומעטום אָפּגעמעקט. זיינע בעקאַנטע פאַמיליעס האָבען זיך דערווייטערט פון שטאַם. שבת איז ער אויעק אין שוהל אויף היידערייטער גאס און נישט מעהר געטראָפען ווי עטליכע זקנים. אַ סך האָבען זיך אויסגע׳שמד׳ט און אָפּגעריסען אויף אייביג פון זייער פאָלק.

די אידען אין פראַנקרייך בעקומענדיג גלייכע רעכט זענען געוואָרען פרעמד דער אמונה, זיי האָבען זיך אָבער נישט גע׳שמד׳ט. אין דייטשלאַנד זענען זיי מאַסענווייז אריבערגעלאָפען אין פרעמדען לאַגער.

די בעקאַנטע האָבען זיך דערפרעהט מיט איהם וואָס ער איז געוואָרען אַן אָפיציר. זיין שמחה איז אָבער פערשטערט געוואָרען זעהענדיג אז די שוהלען און בתי מדרשים זענען חרוב, פוסט און ליידיג, די לערנער זענען זיך צוגאַפען, די גרויסע רבנים זענען שוין אויך נישטאָ. די פרומע אידען האָבען קיין דעה נישט ביים נייען דור. די נייע רבנים ווילען זיין גלייך מיט די דייטשע פּאַסטאָרס און דער עיקר פלייסען זיי זיך צו רעדען גוט דייטש.

און די אידישע פרויען זענען גאָר אראָפּ פון וועג. הענריעטא הערץ האָט איהר בעסטען פריינד דעם טעאָלאָג שלייערמאַכער און ווי א שלאַנג פער׳סמ׳ט ער אידישע נשמות. זיי האָבען איינגעפיהרט א "נשמה נאָהנטקייט". און ווי אַן עפידעמיע האָט דאָס פערגאַפט די אידישע טעכטער. העגריעטא איז געווען צוויי מאָל אזוי הויך ווי שלייערמאַכער און אַלע האָבען געלאַכט פון זיי.

רחל לעווין "דאָס קליינע פריילין מיט דער גרויסער נשמה" האָט זיך פערליעבט אין דעם דיכטער געטע און איהם פערגעטערט און שפּעטער האָט זי זיך אָפּגעגעבען צו אַנדערע גוים. די בעריהמטע שרייבערין אסתר גד, ר׳ יונתן פראַגער׳ס אייניקעל, האָט אוועקגעוואָרפען איהר מאַן און געגאַנגען וואוינען מיט דעם שרייבער ריכטער. ערגער פון אַלע האָט זיך געפיהרט מענדעלסאָן׳ס טאָכטער דאָראָטעא. צו פינף און דרייסיג יאָהר, זיבעצעהן יאָהר נאָך דער חתונה, האָט זי אוועקגעוואָרפען איהר מאַן שמעון פייט און צוויי

קינדער און געגאנגען לעבען מיט דעם שרייבער פרידריך שלעגעל און געבראַכט שאַנד און שפּאָט אויף איהרע עלטערן.

---

משה איז אוועק אין מענדעלסאָנ׳ס הויז און געטראָפען מענדעלסאָנ׳ס אלמנה פרומעט. ער האָט זי קוים דערקענט. זי איז אַלט געווען פיער און פופציג יאָהר און אויסגעזעהן ווי נײַנציג. זי האָט איהם נישט דערקענט. אז ער האָט איהר געזאָגט ווער ער איז האָט זי געזיפצט און דערמאָנט אַמאָליגע צייטען, ווען די גרעסטע לייט זענען געקומען אין איהר הויז אריין. און זי האָט מיט טרערען געזאָגט, אז קיינער האָט זיך נישט גערינכט אז פון איהר מאַנ׳ס לעהרע וועלען די קינדער אזוי אראָפּ פון וועג.

—אַלץ איבער העגריעטא הערץ — האָט זי געוויינט — זי האָט מיין טאָכטער צונויפגעפיהרט מיט דעם גוי. קיינער וויל נישט קוקען אויף איהר. זי קומט אַלע מאָל מיט איהר גוי צו העגריעטא׳ן. מארקוס הערץ וויל זיי נישט האָבען נאָר העגריעטא זאָגט אז זי איז בעל הבית׳טע און טוט וואָס איהר געפעלט, צו מיר קומט זי קיינמאָל נישט.

משה האָט זיך דערמאָנט אָן זיין געטרייע צביה און ס׳האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען. ער האָט דערצעהלט פרומעט׳ן פון צביה׳ס טויט און די אַלטע האָט מיטגעוויינט מיט איהם. ער האָט איהר צוגעזאָגט איבעררעדען מיט דאראטעא׳ן, זי זאָל זיך אומקערען צום מאַן.

---

ער איז אוועק צו העגריעטא הערץ, זי האָט איהם דער־קענט און אויפגענומען ווי אַן אַלטען בעקאַנטען. זי איז געווען שענער ווי פריהער. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און געווען פריי צו טאָן וואָס זי האָט געוואָלט.

אז ער האָט איהר דערצעהלט פון צביה׳ס טויט האָט זי שטאַרק געוויינט. עטליכע יאָהר האָט זי דאָך געהאַלטען זי ביי זיך אין הויז. ווען ער האָט אָבער געזאָגט אַ וואָרט קעגען דאָראָטעא׳ן האָט זי מיט פייער זיך אָנגענומען פאַר איהר. פון איהרע רייד האָט ער דערקענט אז דאָראָטעא וועט שוין נישט אוועקגעהן פון גוי.

ער איז אָבער דאָך אוועק צו איהר. אלט און אָפּגע־לעבט איז זי שוין געווען. א קרבן פון איהר ליידענשאַפט. איז דאָס מיין געוועזענע שילערין? — האָט ער זיך גע־פרעגט.

זי האָט ארויסגעוויזען גרויס צופרידענהייט זעהענדיג איהם. איהר קליינע אָרימע וואוינונג איז איהר ליעבער ווי דער גרעסטער פּאַלאַץ. אז ער האָט זי געפרעגט צי זי זעהט איהר מוטער האָט זי געזאָגט:

— ניין, זייט כ'וואוין מיט שלעגעל'ן, האָב איך זי נישט געזעהן.

— איך האָב זי נעכטען געזעהן — האָט משה געזאָגט

— זי זעהט אויס שרעקליך. איז שוין בלינד פון וויינען.

— און דאָס איז אודאי אלץ איבער מיר, וואָס כ'האָב נישט געוואָלט לעבען מיט'ן מאַן, וואס זיי האָבען ארויפ־געצוואונגען אויף מיר נאָר האָב דעם וואָס כ'האָב ליעב. מיין מאַמע איז א נאַרישע טיַיב, דאָס פרעמדע שייטעל איז איהר הייליג, וואָס אַרט זי מיט וועמען איך לעב?

— זי שעמט זיך פאר לייטען. די ווייבער טייטלען איהר נאָך.

— די אידישע ווייבער? — האָט זי געזאָגט בייז — די נאַרישע גענז! איך זאָל זיך פערנעמען מיט'ן סידור, תחינות און אלע אַנדערע דומהייטען? א מאָל האָב איך אויך מורא געהאַט פאר מענשען, איצט אַרט מיך קיינע־נישט. איך פעראכט די אלע נאַרישע אידען. מען דאַרף ווערען גלייך מיט דער מעהרהייט. ווען נישט די מאַמע וואָלט איך זיך שוין לאַנג געהאַט גע'שמד'ט!

משה האָט געזעהן אז אלע רייד זענען איבריג איז ער אוועק און האָט זי מעהר נישט געזעהן. אין עטליכע וואָכען ארום איז איהר מוטער פרומעט געשטאָרבען און זי האָט זיך גע'שמד'ט און חתונה געהאַט מיט איהר געליעבטען.

---

משה איז געווען עטליכע חדשים אין בערלין. פרידריך ווילהעלם דער פּרייסישער קעניג מיט זיינע ראַטגעבער האָבען זיך נישט געלאָזט איבעררעדען ארויסצוטרעטען קעגען פראַנקרייך.

נאַפּאָלעאָן האָט איבערגעלאָזט די אַרמעע אין עגיפּטען אונטער דער פיהרערשאַפט פון גענעראַל קלעבער. מיט זיינע בעסטע גענעראַלען האָט ער אויף צוויי קליינע שיפען דורכגעגנב'עט זיך דורך דער ענגלישער פלאָט אונטער אַד־מיראַל נעלסאָן, וואס האָט איהם ארומגעזוכט, און איז אָנגע־קומען נאָך פראנקרייך.

די פראנצויזען האָבען זיך דערפרעהט מיט איהם און גע־האָפט אַז ער וועט זיי ארויסראַטעווען פון דער אומרוהיגער לאַגע. אלע האָבען זיך בעקלאגט פאר איהם אויפ'ן די־רעקטאָריום. ער האָט גלייך זיך בעראַטען מיט זיינע אנהענגער און גלייך אוועק אין דירעקטאָריום, אנגעטאָן ווי א גענעראַל מיט'ן גאַנצען געוועהר. דאס איז געווען דעם זעכצעהנטען אָקטאָבער 1799.

ווי די דעפּוטאַטען האָבען איהם דערזעהן בעוואפענט זע־נען זיי אויפגעשפרונגען בייז און געשריגען:

— וואָס וויל א קריעגס־פיהרער דאָ? ער וויל אונז בע־הערשען! א טויט אויף איהם!

א סך האָבען זיך געוואָרפען אויף איהם און געוואָלט טויטען. זיינע לייב־היטער, די העלדישע גרענאַדירען האָבען איהם אָבער בעשיצט און צוטריבען די פערזאַמעלטע. ער האָט אָפּגעשאַפט דאָס דירעקטאָריום און איינגעפיהרט א נייע רעגירונג פון דריי קאָנסולען און נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען ערשטער קאָנסול.

משה האָט בעקומען א בעפעהל פון פּאַריז ער זאָל גלייך קומען. זאַלקינד הורוויץ האָט איהם געשריבען, אַז ווען ער־וועט קומען צו איהם אין הויז וועט ער געפינען א גרויסע איבערראַשונג.

משה איז גלייך אוועק נאָך פּאַריז. ער איז אריין אין לוואוור און געפרעגט הורוויץ'ן אויף דער איבערראַשונג. ער האָט איהם אָבער גאָרנישט געוואָלט זאָגען.

— ביי מיר אין שטוב וועסטו אלץ געוואָהר ווערען —. דאָט ער זיך איינגעשפּאַרט.

זיי זענען גיך צוגעפאָהרען צו הורוויץ'ן. ער האָט איהם געהייסען וואַרטען א ביסעל און ער האָט אָנגעקלונגען. די טיר האָט זיך געעפענט און משה איז געבליבען צומישט. איז דאָס

א חלום ? א יונגע פרוי אין א ווייס קלייד איז ארויפגעפלויגען פון די שטיגען, ארויפגעפאלען אויף זיין האלז און געשריגען :

— משה, טייערער ! משה, ליעבער ! מיין הארץ !

— צביה ! — האט ער געשריגען און געווארען בלייך — צביה ! דו !

זי האט איהם געקושט און געהאלזט און פערגאסען מיט הייסע טרערען פון פרייד. זי האט נישט געקענט רעדען פאר גליק.

— דאנק דעם אויבערשטען — האט הורוויץ איהם געזאגט — זי איז נישט געשטארבען. דאס איז די אלטע בארמהארציגע שוועסטער געשטארבען און זיי האבען געמיינט אז ס'איז צביה. עס האט איהר גארנישט געשאדט. צוויי טעג נאך דיין אוועקפאהרען פון לאגער איז זי ארויס פון שפיטאל. נאפאלעאן האט זיך שטארק געפרייט און זי מיטגענומען אהער, זשאזעפינא איז אויך זעהר צופרידען.

משה האט זי א כאפ געטאן ווי א קינד אויף די הענד און ארומגעטאנצט אין שטוב און געזאגט :

— געננוג געווען א סאלדאט ! מיר'ן זיך בעזעצען אין עלזאס, ווי דו האסט געבעטען קראנקערהייט. איך וועל בעטען נאפאלעאנען, ער זאל אונז ערלויבען ארויסטרעטען פון דינסט.

— פערשפארסט בעטען — האט הורוויץ געזאגט — צביה האט דאס אויסגע'פועל'ט דורך זשאזעפינא'ן. דעריבער האט מען דיך גערופען אהער. ער האט אייך געגעבען ארדענס פון עהרען-לעגיאן און א לויב-בריעף און א גוט ארום ענזעסהיים.

— מיין גוטע, קלוגע, שעהנע צביה, זאלסט מיר לעבען !

— האט משה אויסגעשריגען פון פרייד.

— אלץ צו דאנקען דעם אויבערשטען וואס ער האט אונז געהאלפען אזוי וויט — האט צביה אנגעהויבען רעדען — נאר איינער פעהלט, וואלט אונזער פרייד געווען פול. אונזער ליעבער קאבלעפעל, וואס איז געווען ווי א פאטער צו אונז, ער האט נישט זוכה געווען אפילו צו קומען צו קבר ישראל — האט זי זיך צעוויינט.

— די וויטאָג איז גרעסער — האָט משה געזאָגט — אַז ער איז געגאַנגען צום טויט איבער דיר.

זיי האָבען איהם ווידער בעוויינט און בעשלאָסען גלייך זיך פאָרצושטעלען פאר נאפּאָלעאָנ׳ען מיט זשאזעפינא׳ן צו קענען באַלד זיך בעזעצען אין זייער רוהיגער היים.

---

אין עטליכע טעג ארום האָבען זיי פערלאָזט פאריז און אוועק אין קליינעם שטילען שטעדטיל ענזעסהיים און זיך אָפּגערוהט פון זייערע צרות און מלחמה־לעבען.

נאפּאָלעאָן האָט זיך געווענדעט צו ענגלאנד מיט א שלום־פאָרשלאג, וויסענדיג אז אָהן שלום מיט ענגלאנד וועט פראנק־רייך נישט האָבען קיין רוה. ענגלאנד האָט אָבער נישט גע־וואָלט הערען דערפון, פערלאָזענדיג זיך אויף דער עסטריי־כישער ארמעע מיט איהרע נצחונות אין איטאליע. האָט נאַ־פּאָלעאָן בעשלאָסען צוצוקלאפּען די עסטרייכער און דעמאָלט וועט ענגלאנד שליסען מיט איהם פרידען.

די עסטרייכישע ארמעע אין איטאליען איז געווען דריי מאָל אזוי גרויס ווי די פראנצויזישע ארמעע און אָפּגעהאלטען א גרויסען זיעג. איז אָבער נאפּאָלעאָן אריבער מיט א גרויסע ארמעע די אלפּען־בערג און פעראייניגט זיך מיט דער פריהע־ריגער פראנצויזישער ארמעע, און מיט איין קלאפּ צושלאָגען די עסטרייכער און ווידער האָט ער פערנומען גאַנץ איטאליען.

ער האָט שוין געוואָלט געהן אויף וויען, נאָר עסטרייך האָט זיך אונטערגעגעבען און אין לינעוויל געשלאָסען פרידען.

די פראנצויזישע ארמעע אין עגיפּטען אונטער גענעראל קלעבער האָט אויך אָפּגעהאלטען א גרויסען זיעג איבער די טערקען לעבען העליאפּאלים. נאָר קלעבער איז באַלד בעפאַ־לען געוואָרען פון א טערק און דערשאָסען געוואָרען צום טויט. האָבען שוין די פראנצויזען געליטען איין מפּלה נאָך דער אנ־דערער און זיי האָבען בעשלאָסען זיך אומצוקערען נאָך פראנקרייך, אויב ענגלאנד וועט זיי אָפּפיהרען אויף איהרע שיפען. ענגלאנד האָט איינגעשטימט דערויף.

ענגלאנד האָט שוין אויך דערעסען איהר קאַמף מיט פראנקרייך. זי האָט מורא געהאט פאר אירלאנד, זי זאָל נישט צושטעהן צו פראנקרייך. פיעל ענגלענדער האָבען אָפּען

פּראָטעכטירט וואָס די רעגירונג גיט אויס אוצרות גאָלד צו שטיצען פראנקרייך'ס שונאים. און ענגלאַנד האָט ענדליך אויך געשלאָסען שלום אין אמיען, דעם זיבען און צוואַנציגס־טען מערץ, אכצעהן הונדערט און צוויי.

די גאַנצע וועלט און בעזונדער די פראנצויזען האָבען זיך געפרייט מיט דעם פרידען און געהאָפט צו לעבען רוהיג.

---

ס'איז געקומען שבועות. ענזעסהיים האָט אויסגעפּוצט די שוהל און הייזער מיט גרינס. משה האָט אוועקגעשאָנקען זיין ירושה־הויז דער קהלה. ביים ארויסגעהן האָט דער גבאי איהם געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אן אורח פון דייטשלאַנד. משה האָט איהם אהיימגענומען אויף יום־טוב.

דער אורח איז געווען א זקן, גרוי ווי א טויב. נאָר נאָך פעסט און גלייך מיט א רויט פּנים און א בלויע נאָז. אויף די טריבע אויגען האָט ער געטראָגען גרויסע גרינע ברילען און אין לינקען אויער א גאָלדען רינגעל. זיין גראָבע זשופּעצע פול לאַטעס מיט קופּערנע קנעפּ און שיך מיט אייזענע פּאָדקאָוועס.

משה'ן מיט צביה'ן איז ער אויסגעקומען בעקאַנט, זיי האָבען זיך אָבער נישט געקענט דערמאָנען וואו זיי האָבען איהם געזעהן און בעשלאָסען ביים עסען אויסצוגעפינען.

עס זאָל זיין גרינגער פאר צביה'ן האָט משה אריינגענו־מען אין הויז א אידענע אין די מיטעלע יאָהרען, שרה, וואָס איז אַלט געוואָרען פאר דער צייט פון א סך צרות, וואָס זי האָט איבערגעלעבט.

זי איז געווען פון א שעהנע משפחה פון שלעזיען, וואָס איז אין די זיבען יעהריגע מלחמה געוואָרען פאראַרימט. איז געבליבען א יתומה אלס קינד און געוואָרען א דינסט. אַז זי איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר האָט זי שוין פערמאָגט הונדערט טאלער און א שעהן אויסשטייער.

איז דעמאלט געקומען א איד מיט א שפּיעל־קעסטיל און געזאָגט, אַז ער איז אַן אלמן. די גבאי'טעם האָבען גלייך זיך געכאַפּט צו דער מצוה חתונה צו מאַכען די יתומה און זיי האָבען שרה'ן פערשלייערט פאר דעם אלמן.

זיי האָבען חתונה געהאַט און אין צוויי וואָכען ארום

האָבען זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין און זי האָט דערזעהן איהר אומגליק. ער איז געוועזן אַ שיכור. ווי זיי זענען צוגעקומען צו אַ קרעטשמע האָט ער פערטרונקען דאָס גאַנצע געלד און זי געצוואונגען צו דרעהען די קאַטערינקע.

ער האָט געטאַנצט מיט די שיקסעס און געמיין זיך אויפגעפיהרט. ווען זי האָט איהם געזאָגט אַז ס'איז נישט שעהן אַזוי האָט ער זי געשלאָגען. די פויערן האָבען זיך אָנגענומען פאַר איהר און איהם אָנגעבראָכען די ביינער און צובראָכען די קאַטערינקע. האָט ער זי איבערגעבעטען און אַוועק אין שטאָדט אַריין קויפען אַ נייע קאַטערינקע.

ביינאַכט האָט ער צוגענומען איהר געלד און די זאַכען און אַנטלאָפען און זי איבערגעלאָזט אַן עגונה. זי איז מיעד געוואָרען פון זוכען איהם יאָהרען און יאָהרען. איהם האָט זי נישט געפונען, נאָר דריי עגונות וואָס האָבען אויך אַרומגעזוכט דעם זעלבען מאַן.

זי האָט אויפגעגעבען די האָפנונג. זי וועט שוין שטאַרבען אַ דינסט אין פרעמדע הייזער. צביה האָט זי געהאַלטען ווי אַ גוטע שוועסטער, זייענדיג אַליין אַ יתומה וואָלט זי אַפשר געהאַט דעם זעלבען גורל ווען נישט משה.

---

ביים טיש האָט דער אורח געטרונקען בראַנפען אָהן אויפהער. משה האָט איהם געפרעגט פונוואַנעט ער שטאַמט און ער האָט געזאָגט אַז פון העסען. ער איז געוועזן חזן־שוחט אין בענסהיים, נאָר זייט דריי יאָהר האָט ער אויגען־ווייטאָג און געמוזט אויפגעבען די שטעלע. ער פאָהרט איצט נאָך פאַריז צו אַ פראָפעסאָר.

זיי האָבען אויפגעגעבען די האָפנונג צו דערמאָנען זיך וואו זיי האָבען איהם געזעהן. און צביה האָט איהם געזאָגט ער זאָל טרינקען וויינעגער, וויל ס'שאַדט צו דער ראיה. האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַ בלאַנע אויפ'ן אויג און שאַרפע געטראַנקען שאַדען נישט.

נאָכ'ן עסען האָט דער אַלטער איינגעדרימעלט ביים טיש און משה מיט צביה'ן זענען אַרויס אין גאָרטען. זי האָט גענומען לייענען רות און דערמאָנט אַז ביים לערנען רות האָבען זיי זיך דערקלערט פאַר חתן־כלה. זיי האָבען דערצעהלט אין

פריידען פון זייערע צרות און בעדויערט קאַכלעפּעל׳ס טויט.

— צו הזכרת נשמות וועט מען איהם אויך מזכיר זיין — האָט צביה געזאָגט מיט טרערען — ער איז דאָך צו אונז געווען ווי א פאָטער.

— אונזער טרייסט איז — האָט משה געזאָגט קושענדיג איהרע וויינענדיגע אויגען — אז אין הימעל וויים ער אז מיר לעבען און ער פרייט זיך מיט אונזער גליק.

---

— וואו זענען מיינע קינדערלעך ? — האָבען זיי דערהערט א קול וואָס האָט זיי איבערגעשראָקען.

זיי זענען אויפגשפרונגען און דערזעהן א פראנצויזישען אָפיצער אַנקומען מיט שרה׳ן. זיי האָבען זיך איינגעקוקט אין איהם און צביה האָט אויסגעשריגען פאַר שרעק און געפאַלען חלשות.

— גאָט אין הימעל ! — האָט משה א געשריי געגעבען — קאַכלעפּעל ! איך האָב דיך דאָך מיט מיינע הענד אריינגעלייגט אין קבר, מיר האָבען דיך ערשט ווידער בעוויינט און געוואָלט דיר מזכיר נשמות זיין !

— איך לעב, איך לעב, קינדערלעך, אזוי ווי איהר — האָט קאַכלעפּעל געלאַכט און אויפגעהויבען צביה׳ן און מיטביידען זיך צוקושט — ס׳איז געווען א טעות מיט מיר אזוי ווי מיט צביה׳ן. איך קום פון ענגלאַנד, וואו איך בין געווען א קריעגס־געפאנגענער. איך בין אריין אין מויער נאָך איידער א שטיק וואַנט איז איינגעפאַלען און די ענגלענדער האָבען מיך געפאנגען. איך האָב אויך געוואָלט זיך דער׳הרג׳ענען, זענען זיי אָבער געווען שטאַרקער און מיך אַוועקגעפיהרט נאָך ענגלאַנד.

— גאָב׳ן שלום — האָט קאַכלעפּעל ווייטער דערצעהלט — האָט מען מיך בעפרייט און איך בין צוריק אַוועק נאָך פּאַריז. איך קום אריין צו הורוויץ׳ען דערצעהלט ער מיר אז צביה לעבט און אז איהר וואוינט דאָ, בין איך געקומען אהער און וועל זיך דאָ אויך בעזעצען. ס׳איז מיר אומעטיג אָהן אייך. כ׳בין נאָך געקומען נעכטען פאַרנאַכט. האָב איך אייך נישט געוואָלט איבערשרעקען און איבערגענעכטיגט אין אכסניא און נאָכ׳ן עסען בין איך געגאַנגען זעהן מיינע קינדערלעך.

זיי האָבען זיך ווידער ארומגעכאַפּט און געקושט און זייער

פרייד האָט נישט געהאט קיין שיעור. פּלוצלונג איז שרה ארוים פון הויז מיט א ווילד געשריי:

— ער איז דאָ דער מערדער! דער באַנדיט! העלפט מיר!

די גענען אריין אין שטוב און דערזעהן דעם אורח שטעהן צוטומעלט. זיינע גרינע ברילען ליגען אויף דער ערד צובראָכען. דורך די ברילען איז געוועזן שווער צו דערקענען איהם. אין שלאָף זענען אראָפּגעפאַלען די ברילען. שרה איז אריינגעגאַנגען צוגרייטען איבוד פאַר קאָכלעפעל'ן האָט זי איהם גלייך דערקענט און געשריגען:

— דאָס איז ער מיין מערדער שמעיה! ער האָט מיך בע'גנב'ט און בערויבט אין שוין אכצעהן יאָהר איבערגעלאָזט אַן עגונה — און זי האָט ביטער געוויינט.

— שמעיה שטאלאפינער! — האָט קאָכלעפעל א זאָג געטאָן — ס'איז שמעיה שנאָרער, וואָס מען האָט ארויסגעוואָרפען פון בערלינער הקדש ווען ער האָט גע'גנב'עט זילבערנע לעפעל!

משה מיט צביה'ן האָבען איהם אויך דערקענט און משה האָט געזאָגט:

— אָט איז דאָך דער צדיק וואָס האָט גע'גנב'עט די לעפעל, האָט געוואָלט בעשטראָפען דערמיט די אויפזעהערין וויל זי געהט אין א שייטעל און נישט אין א פּוצהויב. מען דאַרף איהם בעזוכען, אפשר האָט ער געפונען א חטא אין צביה'ן און עפּים צוגעלאַטכענט.

— זייט רוהיג — האָט שמעיה געזאָגט — איך האָב גאָר נישט גענומען ביי אייך. אָט די מיאוס'ע דינסט האָב איך געהאַסט דעם ערשטען טאָג. זי איז געוועזן א פרומע רעביצין און האָט נישט געקענט צוזעהן אויב איך האָב אויסגערעדט א וואָרט מיט א שיקסע. שרה! דו מיינסט, אַז די רשעים וועלען מיך צווינגען דיר געבען א גט? האָסט א טעות. וועסט בלייבען אַן עגונה דיין גאַנץ לעבען, ווייל דו האָסט געמאַכט דאָס געוואלד.

עס האָט זיי געעקעלט פון דעם מיאוס'ען שנאָרער מיט זיינע טריבע אויגען. און שרה האָט געיאָמערט:

— וואס וועט מיר שוין ארויסקומען פון א גט ? איך בין שוין אלט און צובראכען.

— זייט נישט פערצווייפעלט — האט צביה זי געטרייסט — איהר זענט אין די בעסטע יאהרען, איהר האט נאך האפ־נונג.

— מען וועט איהם נויטען געבען א גט — האט משה איהר געזאגט — ווייסטו וואו עס זענען די אנדערע דריי עגונות ? דער דין איז אז איינער נעמט צוויי ווייבער צווינגט מען איהם געבען א גט.

— אודאי אזוי — האט קאבלעפעל זיך אנגערופען און בערוהיגט שרה'ן — אומגליקליכע, וויינט נישט. איהר זענט נישט אזוי אלט. איהר וועט נאך געפינען א מאן וואס וועט אייך בעשיינען און בעקרוינען.

משה האט געשיקט נאך פאליציי און מען האט שמעיה'ן איינגעזעצט אין געפענגניש ביז די דריי עגונות וועלען קומען. ער האט איהם געשיקט עסען אין תפיסה אריין. דער שנארער האט זיך אבער איינגעשפארט און נישט געוואלט געבען קיין גט. ער האט זיך גע'משפט מיט זיי ביז דעם הויכען געריכט אין מעץ. דאס הויכע געריכט האט אנגפרעגט ביים סענאט אין פאריז צי א איד מעג לויט זיין אמונה נעמען עטליכע ווייבער ? דורכדעם האט די רעגירונג פארגעלייגט די זעלבע פראגע פאר דער פערזאמלונג פון אידישע נאטאבלען אין פאריז.

די געשיכטע האט זיך געשלעפט און פערשאפט א כך שאנד דעם אידישען נאמען, האט משה געגעבען א גרויסע סומע געלד דעם שנארער און ער האט אפגע'גט זיינע פיער עגונות.

קאבלעפעל האט זיך געקויפט א שטיק לאנד לעבען משה'ן, אויפגעבויט א שעהן הויז און האט דערנאך חתונה געהאט מיט שרה'ן.

---

נאפאלעאן איז געשטיגען פון טאג־צו־טאג. ער האט בע־זיעגט אלע געגנער און האט זיך בעזעצט אין אלטען קעניג־ליכען פאלאץ. אין די טולעריען. ער האט געשאפען נייע געזעצען, וואס געהן אונטער'ן נאמען "נאפאלעאנ'ס קא־

דעקס". עס האָט איהם נאָר געפעהלט דער טראָהן און ער האָט איהם ענדליך בעקומען.

דער סענאט האָט איהם דערקלערט אלס קייסער פון פראנקרייך. די פראנצויזען זענען געווען מלא שמחה מיט זייער אימפעראטאָר און דער פויבסט פיאוס דער זיבעטער איז עקסטרא געקומען נאָך פאריז און געקרוינט נאפּאָלעאָנ'ען מיט זשאזעפינא'ן. דאָס איז געווען דעם צווייטען דעצעמבער אכצעהן הונדערט און פיער.

גאנץ פראנקרייך האָט געפייערט די קרוינונג מיט א גרויסען יום־טוב און נאפּאָלעאָן האָט געטיילט טיטולען אין שטעלעס זיינע אנהענגער און פאמיליע מיט א ברייטער האנד. אין עטליכע חדשים ארום איז דער קייסער געפאָהרען מיט דער קייסערין אין אן עהרען־צוג איבער פראנקרייך נאָך איטאליען און אין מילאן האָט ער זיך אנגעטאָן די אייזענע קרוין, די קרוין פון קעניגרייך לאמבארדיען, און זיך דערקלערט פאר קעניג פון איטאליע און אויבערהערשער איבער מערב־אייראָפּא.

ענגלאנד האָט אָבער נישט אפּגעהיטען איהר שלום־אָפּמאַך און אויפגעהעצט שוועדען מיט רוסלאנד אויף פראנקרייך. עסטרייך איז אויך צוגעשטאנען צו זיי און דערקלערט קריעג פראנקרייך. נאפּאָלעאָן איז ארויס קעגען די עסטרייכער און זיי צושלאָגען. ער האָט געפאנגען דעם פעלדמארשאל מאק מיט פינף און צוואנציג טויזענט סאָלדאטען און פערנומען וויען.

דער עסטרייכישער קייסער פראנץ האָט געווארט מיט זיין ארמעע אין מוראוויען אויף דעם רוסישען קייסער אלעקסאנדער דער ערשטען מיט זיין גרויסע ארמעע. נאפּאָלעאָן איז ארויסגעטראָטען קעגען זיי און אין אויסטערליץ האָט זיך אנגעהויבען די מורא'דיגע שלאכט.

פונקט צום יאָהר פון זיין קרוינונג האָט ער זיי דערלאנגט א פערניכטענדען קלאפּ. ער האָט גענומען געפאנגען נייצניג טויזענט סאָלדאטען, הונדערט און דרייסיג פעהנער און דריי הונדערט מיט צוואנציג הארמאטען, חוץ פיעל פראָוויאנט.

איבער דער מלחמה איז דורכגעלאָפען א שווארצע קאץ

צווישען נאפאלעאנען און דעם פרייסישען קעניג פרידריך ווילהעלם דער דריטער. דער פרייסישער קעניג האט אפגע־היט שטרענגע נייטראליטעט און נישט דורכגעלאזט די רוסען דורך זיין לאנד. נאפאלעאן האט אבער געבראכען די פריי־סישע נייטראליטעט און געפיהרט זיין ארמעע דורך אנש־פאך, פרייסען.

דערפאר האט פרייסען געוואלט צושטעהן צו די פער־אייניגטע מלוכות קעגען פראנקרייך. האט אבער עסטרייך געשלאסען שלום מיט נאפאלעאנען, געלאזט אפרייסען פ׳ן זיך גאנצע פראווינצען און געצאהלט א שווערע קאנטרי־בוציע.

נאפאלעאן האט צובראכען די דייטשע אייניגקייט, גע־שלאסען אן אפמאך מיט די זעכצעהן הערשער פון די רהיין געגענדען און זיי האבען זיך פערפליכטעט צו קומען מיט זייער מיליטער פראנקרייך צו הילף. די פירשטען פון וויר־טעמבערג און בייערן האט ער דערקלערט פאר קעניגען, ווייל זיי האבען געהאלפען פראנקרייך. עסטרייך וואס איז אלעמאל געווען די אויבערהערשערין איבער די דייטשע מלוכות האט פערלוירען איהר אויבערהערשאפט.

ער האט אויך אראפגעזעצט דעם קעניג פון נעאפאל און בעשטימט זיין ברודער זשאזעף פאר קעניג. זיין צווייטען ברודער לואי האט ער בעשטימט פאר קעניג פון האלאנד און זיין שטיפזוהן באהארנע האט ער בעשטימט אלס וויצע־קעניג און קרוינפרינץ פון איטאליען. אלע זיינע קרובים און אנהענ־גער האט נאפאלעאן אויך בעשטימט פאר פירשטען און הער־שער אין די לענדער וואס ער האט בעזיעגט.

די דייטשען וואס זענען געווארען אונטערטעניג די פראנ־צויזען האבען אנגעהויבען אויפגיסען זייער כעס אויף די אי־דען, וואס זענען געווען אונטערטעניג די דייטשען. די דייטשע אידען האבען געוואלט פרייהייט פונקט ווי די אידען אין פראנקרייך.

און די עשירים און משכילים האבען ס׳ערשטע אוועקגע־ווארפען די אמונה און גענומען אין אלץ נאכמאן די דייטשען מיינענדיג אז דערמיט וועלען זיי געווינען גלייכבערעכטי־גונג.

די דייטשען האָבען נישט געקענט פערטראָגען די אסימילאטאָרען און געזאָגט, אַז זיי זענען ערגער פון די פרומע אידען און איבער גאַנץ דייטשלאַנד האָבען זיך פערשפרייט ביכער און אויפרופען פול האַס צו אידען און פערשפרייט גיפטיגע שנאה. די דייטשען האָבען געשלונגען די האַס־אויסרופען, וואו עס איז געוועקט געוואָרען שנאה אויף די רייכע אידען וואָס האָבען יונגערהייט געהאַנדעלט מיט אַלטוואַרג און איצט האָבען די שונאי־ישראל געשריבען, זענען זיי געוואָרען רייך פון שווינדעל און רויב, וואָס זיי בערויבען די קריסטען.

די רייכע אויפגעקלערטע אידישע דאַמען ווי הענריעטא הערץ און רחל לעווין זענען אויך געוואָרען בעזידעלט און בערעדט. די יונגע משכילים, האָבען די אידענפיינד געשריבען, זענען זעהר פרעך, מאַכען אַן א גרויסען טומעל, די בערזע און אַלע עפענטליכע אנשטאַלטען זענען פול מיט זיי.

און די שונאי ישראל האָבען געפאָדערט צו בענייען די אַלטע דאָמיניקאַנישע גזרות אויף אידען און אויך אָפּצוגעבען אַלע אידישע מענער אלס סאָלדאַטען, די אידישע מיידלעך צו פערקויפען אין שאַנדהייזער און מסרס זיין די אידישע יוגענד.

אָבער דאָס גרויסע פינסטערניש וואָס איז געוואָרען אין דייטשלאַנד איז געווען די פינסטערניש וואָס קומט איידער עס ווערט טאָג.

ווי נאַפּאָלעאָן האָט געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט די הערשער פון זיד־דייטשלאַנד האָט ער זיך אָנגענומען מיט דעם דייטשען גייסט און אָנגעהויבען פיינט האָבען אידען. זייענדיג מיט זיין אַרמעע לעבען דונייו האָט ער בעגעגענט עטליכע אידען וואָס זענען נאַכגעפאָהרען דער אַרמעע און אויפגעקויפט ביי די סאָלדאַטען די רויב פון די שטעדט.

דאָס האָט פאַרדראָסען נאַפּאָלעאָנען און קומענדיג נאָך שטראַסבורג אויף עטליכע טעג האָט ער פאַר די שטאָדט־עלטסטע אַרויסגעזאָגט א בייז וואָרט אויף די דאָזיגע אידען. מעהר האָבען די שונאים נישט געדאַרפט און איהם געזאָגט, אַז א סך עלזאַסער אידען זענען נאָכגעפאָהרען דער אַרמעע כדי רייך צו ווערען פון חורבן פון די קריסטען. זיי האָבען איהם געזאָגט, אַז די אידען שווינדלען און נאַרען אויס אַלס־

דינג פון די סאָלדאַטען פאַר אַ קלייניגקייט. די רייכע אידען זוינען אויס דעם מאַרך פון די קריסטען נעמענדיג שרעקליכע פראָצענטען און דעריבער איז דאָס פאָלק אַזוי בייז אויף זיי.

און טאָמער וועט די רעגירונג גלייכבערעכטיגען אידען וועלען אַלע קריסטען פערטיליגען די אידען און עס וועט ווערען אומרוהיג אין לאַנד. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אויפמערק־זאַם צוגעהערט און זיי פערזיכערט, אַז ער וועט בעפרייע די דייטשען פון די בייזע אידען.

אַלע עלזאסער דייטשען, די אייביגע אידען־שונאים, און די בעאַמטע און ריכטער האָבען זיך געווענדעט צום יוסטיץ־מיניסטער מיט דער פאָדערונג צוריקצונעמען פון די אידען זייערע רעכט, דער מיניסטער האָט שוין כמעט געהאַט בע־שלאָסען צו דערפילען זייער פערלאַנג און אָפּצונעמען פון די אידען אַלע גיטער וואָס זיי האָבען געקויפט.

די פאַנאַטישע גלחים זענען צוגעשטאַנען צו די עלזאסער דייטשען. פיעל שרייבער אידען־פיינד זענען ארויסגעטראָטען מיט בלבולים אויף אידען און געפאָדערט, אז פריהער זאָלען אידען בעווייזען אז זיי וועלען מעהר נישט בערויבען די קריסטען און דערנאָך זאָלען זיי ערשט האָבען בירגעררעכט.

דאָס האָט נישט געאַרט די רייכע אידען פון פראַנקרייך. זיי האָבען געמיינט, אז דערמיט מיינט מען נישט זיי, נאָר די עלזאסער אידען. נאַפּאָלעאָן האָט אָבער געמיינט אויך זיי און ער האָט צונויפגערופען א זיצונג פון זיין ראַט צו בע־שטימען וואָס צו טאָן מיט אידען.

דעם דרייסיגסטען אפּריל אכצעהן הונדערט און זעקס איז פאָרגעקומען די בעראַטונג. איינער פון די מיניסטאָרען האָט אָנגעהויבען פערטיידיגען די אידען, האָט נאַפּאָלעאָן איהם אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז אידען זענען „א רעגירונג אין א רעגירונג" אַזוי ווי די אריסטאָקראַטיע אַמאָל. זיי זענען אַן אומגליק פאַר'ן לאַנד, אַ באַנדע פערדעטער גרייט צו פער־קויפען דאָס לאַנד און איבערגעבען דעם פיינד פאַר א גוטען פּרייז.

וויל ער דערפאַר בעגרענצען זייער צאָהל אין לאַנד. זיי זאָלען נישט טאָרען האַנדלען און וועט בעגייען אַלע אַלטע גזרות. עטליכע מיניסטאָרען האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר

די אידען און געזאָגט, אַז איבער עטליכע שולדיגע קען מען נישט בעשולדיגען דעם גאַנצען אידישען כלל. די אידען פון באַרדאָ, מאַרסעל און גאַנץ איטאַליע זענען דאָך נישט שול־דיג אין די זינד פון די עלזאַסער אידען. אפילו די עלזאַסער אידען טוען דאָס נישט, ווייל זיי זענען פערדאַרבען, נאָר איבער די ביטערע גזרות וואָס טרייבען זיי דערצו.

זיי האָבען אויך בעוויזען אַז אין דער קורצער צייט וואָס די אידישע לאַגע האָט זיך געבעסערט האָבען די אידען בעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין וויסענשאַפט און קונסט און האָבען זיך אויסגעצייכענט אין מלחמה, געוואונען מעדאַלען פאַר בראַווקייט און די אַלע רייד וועגען זייער פערדאָרבענ־קייט איז נאָר אַ בלבול אויסגעטראַכט פון אידען־פיינד.

זיי האָבען געווירקט איינצושטילען דעם קייסער'ס כעס און די אידען־פראַגע איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף דער צווייטער זיצונג, דעם זיבעטען מאַי. דעמאָלט האָט נאַפּאָלעאָן שוין גערעדט אַנדערע ווערטער. ער איז ווייט פון בייזע גע־דאַנקען אויף אידען, האָט ער געזאָגט, ער וויל פערזאַמלען אַ פערזאַמלונג פון אידישע פערטרעטער פון אַלע לענדער און ער וועט זיי אויספרעגען צי אידען זענען לויט זייער אמונה מחויב צו האַסען די קריסטען און זיי טאָן בייז. פון זייערע ערקלערונגען וועט אָפּהענגען דער בעשלוס. גוט אָדער שלעכט פאַר אידען.

---

גלייך האָט נאַפּאָלעאָן ארויסגעגעבען אַ בעפעהל אַז יעדער קריסט וואָס איז שולדיג געלד צו אידען דאַרף אַ יאָהר צייט נישט צאָהלען דעם חוב. אידען טאָרען אויך נישט קויפען קיין לאַנד פון פויערן ביז די אידישע פראַגע וועט ווערען געלעזט. ווילענדיג דערוועקען אין אידען דעם געפיהל פאַר עטיק און יושר, האָט נאַפּאָלעאָן דערקלערט אין זיין בעפעהל, זיי זאָלען איבערנעמען די מידות וואָס בירגער דאַרפען האָבען. די גוטע מידות וואָס אידען האָבען פרגעסען אין די בייזע פינסטער־ע טעג וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט. בעפעהלט ער זיי, אויסצור־קלייבען עהרליכע אָרנטליכע פערטרעטער, וואָס זאָלען קע־נען לערנען זייערע ברידער דעם עהרליכען וועג, צו דערוויי־טערן זיי פון די געשעפטען, וואָס זיי האָבען גע'ירשנ'ט פון

זייערע עלטערן צום אומגליק פון די שכנים און זאָלען זיך לערנען ארבייטען, ווערען בעלי מלאכות וואָס זענען א כבוד פאר די ארבייטער. דעמאלט וועלען זיי פערעכענט ווערען פאר בירגער.

געגונג שנאה איז געלעגען אין דעם בעפעהל. דאָס רעכט אויסצוקלייבען די אידישע פערטרעטער האָבען געהאט די עלטסטע פון די שטעדט און פּראָווינצען. די איטאַליענער אידען האָבען זיך אויך געוואָלט בעטייליגן אין דער פערזאַמלונג און זייער פערלאַנג איז געוואָרען ערפילט.

הונדערט און עלף בעריהמטע אידען זענען אויסגעקליבען געוואָרען, צווישען זיי זיבעצעהן רבנים. אלע זענען געוועזען בעקאַנטע שריפטשטעלער, געלערנטע, גרויסע סוחרים, גוטבעזיצער און פאַבריקאַנטען.

עס איז געוועזען יצחק בער פון נאנסי און זיין זוהן מיכאל א גרויסער שתדלן וואָס מען האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף איהם. דער געלעהרטער שריפטשטעלער ר׳ אברהם פאַרטאַדא, פון די פּאָרטוגעזישע אנוסים, וואָס האָט א וואונדערליכע יחוס געשיכטע.

מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק האָבען זיינע עלטערזיידעס זיך גע׳שמד׳ט אין פּאָרטוגאַל און געבליבען אידען בסוד. אַזוי איז דאָס געגאַנגען פון דור צו דור.

זיינע עלטערן האָבען געוואוינט אין ליסאבאָן און זיין פאַטער איז אומגעקומען אין אַן ערד־ציטערניש, וואָס האָט חרוב געמאַכט די שטאָדט. זיין מוטער האָט געטראָגען מיט איהם און געוואָרען בעגראָבען לעבעדיג אונטער די חורבות פון איהר הויז. זי האָט נאָר געהאט אַן אָרט צום אטעמען און זי האָט געבעטען צו גאָט און געטאָן א נדר אז זי וועט ניצול ווערען פון טויט, וועט זי ווערען עפענטליך א אידין און אויפציהען דאָס קינד אידיש.

די ערד האָט אויפסנייַ א טרייסעל געטאָן און דער באַרג איז אראָפּגעקייקעלט געוואָרען פון איהר און זי איז גאַנץ און געזונד ארויס פון געפאהר. זי איז תיכף אוועק נאָך לאָנדאָן און אומגעקערט זיך צו אידישקייט און געהאט א יונגעל. זי האָט איהם געלאָזט מל זיין און א נאָמען געגעבען אברהם און זיך בעזעצט אין באָרדא.

אברהם איז אויפגעוואקסען שעהן און געלערנט און גע־וואָרען א רייכער סוחר. בשעת דער רעוואָלוציע איז ער אויס־געקליבען געוואָרען אלס מיטגליעד אין דער נאַציאָנאַלער־פערזאַמלונג און געווען אַ מעסיגער. די יאקאבינער האָבען איהם פער'משפט צום טויט, נאָר ס'איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען. זיין פערמעגען איז געוואָרען קאָנפיסקירט. ביז די יאקאבינער האָבען געהאַט א מפלה איז ער געלעגען בע־האלטען. ערשט ווען ראבעספיער איז געפאלען איז ער צוריק געקומען אהיים. זיין פערמעגען איז אָבער געווען צורויבט.. מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען האָט ער ווידער זיך ערוואָר־בען א פערמעגען און איז נאָך מעהר בעליעבט געוואָרען.

צווישען די אידישע פערטרעטער איז אויך געווען דע־בעריהמטער רב ר' יוסף דוד זינצהיים, דער מחבר פון "יד דוד" און ראש ישיבה אין זיסהיים און שטראַסבורג. דער צדיק האָט געליטען א סך צרות אונטער דער יאקאבינישער הערשאַפט. אויף דער פערזאַמלונג איז ער געשטאַנען בראש פון די פרומע.

עס איז אויך געווען דער פאָרטוגעזישער רב ר' אברהם אנדראדי פון סט. עספרי, דער ווירצילער רב ר' יהושע בנציון סגרי, ר' אברהם וויטא דע קאלאנא, רב פון מאַנטוא, דער רב פון ווענעדיג ר' יעקב שמואל גראַציא, ר' יעקב ישראל כרמי פון רעגיא, ר' גראַציאַרא חננאל ניפי, רב, מקובל און דאָקטאָ־אין צינטא, דער קאלמארער רב ר' שלמה ליפמאן, ר' משה מאי וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין קריעג און געוואָרען אַ קאַוואַליר פון עהרען־לעגיאָן און בעאַרבייט די ערד, ר' שמעון מאיר פון פאַריז וואָס האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אין קריעג און געהאַט אַ הויכע שטעלע אין קריעגס מיניס־טעריום, אלראַי חיים ווארמז, אַ הויכער ריכטער אין סענא געגענד און נאָך בעריהמטע אידען.

משה ענסהיים האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון דעם כבוד. ער האָט פיינט געהאַט זיך שטעלען אין דער עפענטליכקייט. קאָכלעפעל האָט זיך פערקוקט אויף איהם און אויך געבליבען אין דער היים. שטילערהייט האָבען זיי אָבער געטאָן אַלי־וואָס איז נויטיג געווען אין דעם דאָזיגען וויכטיגען מאָ־מענט.

מיט שרעק אין הארצען האבען די אידישע פארשטעהער זיך פערזאמעלט אין פאריז נישט וויסענדיג וואס זיי דארפען טאן. דער אינערן מיניסטער האט זיי געלאזט וויסען דעם דריי און צוואנציגסטען יולי, אכטצעהן הונדערט און זעקס, אז אין דריי טעג ארום זאלען זיי זיך פערזאמלען אין שטאדט ראט און ענטפערן אויף די פראגען וואס מען וועט זיי שטעלען אין נאמען פון קייסער.

דער ציעל פון דער פערזאמלונג איז, האט דער מיניסטער דערקלערט, צו בעאיינפלוסען די אידען זיי זאלען אויסבעסערען זייער פיהרונג און צופאסען די אמונה צו די פליכטען פון לאנד; זיי דארפען ענטפערן אויף די בעשולדיגונגען פון זייערע געגנער און אראפנעמען דאס בייז וואס זיי האבען דורך די בעשולדיגונגען.

נאפאלעאן האט בעשטימט דריי פערטרעטער, וואס זאלען שטעלען די פראגען אויף דער אידישער פערזאמלונג, איינער פון זיי איז געווען א בעוואוסטער צורר ישראל מאליע וואס האט געשטאמט פון אידען.

א טאג פאר דער פערזאמלונג איז אין דער אפיציעלער רעגירונגס ציימונג געווען געדרוקט א גרויסער ארטיקעל וועגען דער פערזאמלונג און בקיצור איבערגעגעבען געווארען די אידישע געשיכטע און אז צוויי זאכען זיינען קלאר: די אידען לעבען אפגעזונדערט, ווילען זיך נישט אויסמישען מיט אנדערע פעלקער און זייער אמונה פערווערט זיי נישט צו נעמען פראצענט צום אומגליק פון זייערע שכנים.

א סימן איז, אז די גרעסטע טייל פראצענטניקעס זענען פרומע אידען וואס פיהרען זיך לויט'ן תלמוד. די פארמעגזישע אידען וואס בעשעפטיגען זיך נישט מיט פראצענט אויך די אידישע משכילים פון דייטשלאנד האלטען נישט פון תלמוד און פאלגען נישט די רבנים.

גאנץ פאריז האט געקאכט מיט די אידען און אלע אידישע פארשטעהער האבען זיך פערזאמעלט ביי אלראי חיים ווארמז צו בעראטען זיך וואס צו טאן מארגען, עס איז דאך שבת. זיי מוזען דאך אויסקלייבען א פרעזידענט מיט געהילפען, וועלען זיי דאך מוזען שרייבען, איז עס דאך חלול שבת. און זיי וועלען אנהייבען די ארבייט גלייך מיט א הארבע עברה. אויב נישט וועלען זיי דערמיט געבען א געלעגענהייט

די שונאים צו שרייען, אַז די אידישע אמונה שטערט זיי צו דערפילען זייערע פליכטען אלס בירגער.

זיי האָבען קודם אויסגעקליבען איבערזעצער, ווייל זיי האָבען גערעדט פראַנצויזיש, דייטש און איטאַליעניש. און זיי האָבען זיך אין דער ערשטער פראַגע וועגען שבת נישט געקענט אייניגען. די רבנים און יצחק בער מיט זיין גרופּע האָבען געפאָדערט אָפּצולייגען איבער שבת די זיצונג. די פרייע האָבען גע'טענה'ט, אַז די געזעצען פון מלכות קומען פריהער פאר דער אמונה.

עס איז אויסגעבראָכען א גרויסע מחלוקה. ענדליך איז געלונגען צו קומען צו א פּשרה און די זיצונג איז נישט געוואָרען אָפּגעלייגט. צו־מאָרגענס זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען צו דער ערשטער זיצונג. עטליכע זענען געקומען צופאָהרען צו־להכעיס די רבנים און די פרומע און זיי זענען צוגעטראָטען צו וועהלען א פרעזידיום.

די פרומע האָבען מיטגעבראכט צעטעלעך וואָס זיי האָבען אָנגעשריבען נעכטען. א סך האָבען אָבער געשריבען עפענטליך און א טייל האָבען געבעטען אנדערע אויפשרייבען פאר זיי. ר' אברהם פארטאדא איז מיט א מעהרהייט אויסגעקליבען געוואָרען אלס פאָרזיצענדער און ליפּמאַן צערף בער האָט געהאלטען די ערשטע רעדע און געזאָגט:

— "געעהרטע הערען! געדענקט אייער עבר! קוקט צום שטאַם און ווייסט אז מיר אַלע האָבען איין פאָטער. דאָ זענען נישט פאראַן עלזאַסער, פּאָרטוגעזען און דייטשען, נור ברידער. אין אונזער פערשפרייטקייט איבער פיעל לענדער זענען מיר קינדער פון איין פאָלק, וואָס האָבען איין גאָט און זענען געטריי איין רעגירונג, וואו מיר לעבען".

די רייד האָבען געהאַט א שטאַרקע ווירקונג און אַלע זענען אָרומגענומען געוואָרען פון איין גייסט. זעהענדיג דעם כבוד וואָס דאָס מיליטער האַט זיי געגעבען, שטעלענדיג זיך גלייך ווען זיי זענען פערבייגעגאַנגען האָבען זיי זיך אָנגענומען מיט מוט צו געבען א שארפען ענטפער זייערע שונאים און א ריכטיגען ענטפער די פרעגער.

אויף דער צווייטער זיצונג דעם נטן און צוואַנציגסטען יולי האָבען זיי בעקומען צוועלף פראגען אין נאָמען פון קייר־

סער, פערזיכערענדיג זיי, אז דער קייסער איז זיכער אַז זיי וועלען ענטפערן אלס ריכטיגע פראנצויזען צו בעווייזען דער וועלט, אז זיי זענען ווערט צו האָבען בירגער־רעכט.

דאָס האָט צוטומעלט די אידישע פאָרשטעהער, הייסט דאָס, אויב זייערע ענטפערס וועלען נישט געפעלען פערלירען אידען זייערע בירגעררעכט. דער אידישער גורל איז אין זייערע הענד. פארטאדא האָט זיך אָנגערופען:

„איך זעה אין מיין פאנטאזיע דעם מלאך פון געשיכטע פערקריצען מיט פרייד אויפ'ן טאוועל פון צייט צום אייביגען אנדענקען די גוטע מחשבה פון גרויסען מעכטיגען קייסער, וואָס וויל צוברעכען די אייזענע וואנט וואָס שטעהט צווישען די פעלקער פון דער וועלט און דאָס איבערבלייבונג פון אַלטען פאָלק וואָס וואוינט צווישען זיי".

„די פערזאמעלטע האַלטען פאר זייער חוב — האָט געזאָגט ר' יצחק בער — און פאר זייער כבוד צו טאָן דעם קייסער'ס ווילען. איבער זיבעצעהן הונדערט יאָהר זענען אוועק זייט דער פיינד האָט בעזיעגט דאָס אידישע פאָלק און דער שטורם האָט עס צושפרייט איבער דער וועלט און געמאכט פאר אַ קנעכט צו אַלעמען. און אַלע ביטערע צרות און יסורים איז דער איד געבליבען געטריי די אמונה פון זיינע עלטערן און מיט זיין פעסטען מוט האָט ער איבערגעטראָגען אַלע ליידען און פיין און די מיתות משונות און שטעהט היינט ווי אַ פעלז פעסט אַלס צייכען און וואונדער פאר אַלע פעלקער.

אזוי ווי דער איד איז דער ערשטער און עלטסטער פון די פעלקער אזוי וועט ער בלייבען לעבען אייביג. אין גרעסטען אומגליק איז גערעכטיגקייט זיין אָנשפּאַר. דאס גלויבען, דאס ליכט וואָס ווייזט איהם דעם וועג און חכמה איז זיין שיין.

מיינע טייערע הערען! לאָמיר זיין צופרידען דערקלערען אָפען, אז מיר זענען פראנצויזען און אידען. לאָמיר שווערען אַז אזוי וועט מען בלייבען תמיד. פראנצויזען, אָפּצוגעבען אונזער לעבען פאר פראנקרייך און אידען — היטענדיג געטריי די געזעצען פון אונזער תורה, ווי עס פאָדערט פון אונז די אמונה פון אונזערע עלטערן.

אַלס פראנצויזען און אידען שווערען מיר טריי אייביג:

צו ליעבען אונזער מעכטיגען קייסער און גרויסען הערשער, זאל זיין נאמען זיין געבענטשט און זיין טראהן זאל זיין פעסט און זיכער אויף אייביג".

---

נאפאלעאן האט דורך זיינע פערטרעטער פארגעלייגט פאר דער פערזאמלונג פון די אידישע פארשטעהער די דאזיגע צוועלף פראגען :

מעגען אידען נעמען עטליכע ווייבער ?

ווי אזוי גט'ן זיך אידען ?

מעג א איד חתונה האבען מיט א קריסטין און א אידישע טאכטער מיט א קריסט ?

וואס איז די בעציהונג פון אידען צו די פראנצויזען ?

קען זיין צווישען אידען און קריסטען ליעבשאפט און ברודערשאפט ?

האלטען זיך די פראנצויזישע אידען ווי פראנקרייך'ס קינדער ? און האלטען אידען פאר זייער חוב צו בעשיצען פראנקרייך ? און צי זענען אידען לויט זייער אמונה מחויב אפצוהיטען די פראנצויזישע געזעצען ?

ווער זענען די רבנים ?

ווי אזוי ווערט א רב ?

וואס איז זייער שטעלונג אין קהלה ?

זענען פאראן געשעפטען וואס זענען פערבאטען פאר אידען לויט דער אמונה ?

מעגען אידען זיין פראצענטניקעס ?

איז דא אן אונטערשיעד צווישען אידען און אנדערע פעלקער ?

די פראגען האבען געדארפט ווערען פערענטפערט. פיער רבנים און צוויי געלערנטע, די רבנים זינצהיים, אנדראדי, קאלאנא און סגרי און יצחק בער מיט יעקב לאזאר זענען אויסגעקליבען געווארען אין קאמיטעט אויסצוארבייטען די ענטפערס.

דער קאמיטעט האט איבערגעגעבען דעם רב זינצהיים אויסצוארבייטען די תשובה. אין עטליכע טעג פון דרייסיגסטען יולי ביז דעם דריטען אויגוסט האט דער רב פארטיג געמאכט די ענטפערס און זיי זענען געפעלען געווארען נאפא־

לעאָנ'ס פערטרעטער און אויך נאַפּאָלעאָנ'ען. און נאַפּאָלעאָן האָט דערקלערט אַז ער איז גרייט אויפצונעמען די אידישע פאָרשטעהער אויף אַן אוידיענץ.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט צו זעהן א מחנה הענדלער, פּראָצענטניקעס, כיטרע שווינדלער, וואָס ווייסען נאָר צו קלייבען געלד. צו זיין שטוינונג האָט ער אָבער דערזעהן פאר זיך געהויבענע לייט, גרויסע גייסטער, געלעהרטע, שאַרפע קעפּ, וואָס וואָלטען גוט געפּאסט צו זיין קעניגליכע ראַט־געבער.

אויף די ערשטע צוויי פראגען האָבען אלע זיך געאייניגט אויף אַן ענטפער אָהן וכוחים, געפעליג דעם קייסער און לויט דעם אידישען דין. אויף דער פראַגע וועגען געמישטע חתונות איז שוין נישט געווען אַזוי גרינג צו ענטפערן. די פרייע האָבען געפאָדערט אַן ענטפער אויף יא. די רבנים און פרומע השובים האָבען אָבער געזעהן אין אזא ענטפער א געפאהר פאר דער אידישער אמונה און נאַציע. כאָטש זיי האָבען גע־וואוסט אז אן ענטפער ניין וועט ברענגען א סכנה אויף די אי־דען אונטער פראנקרייך, האָבען זיי געוואָלט ענטפערן ניין.

עס איז אָבער געפונען געוואָרען אַן אויסוועג. דער ענט־פער איז געווען אז די תורה האָט גע'אסר'ט זיך מתחתן צו זיין מיט די זיבען פעלקער פון ארץ ישראל, וואָס זענען גע־ווען געצענדינער און נישט מיט קריסטען. די רבנים קענען נישט מסכים זיין אויף געמישטע חתונות מיט קריסטען אפילו, ווייל די חתונות קענען דאָך נישט זיין לויט די אלטע אידישע טראַדיציעס, אַזוי גוט ווי די גלחים זענען נישט מסכים אויף געמישטע חתונות.

אָבער דאָס וואָס די רבנים קענען נישט מסכים זיין איז נישט קיין גרויסע מניעה, ווייל די מלוכה ערלויבט דאָך גע־מישטע חתונות און דאָס געזעץ פון דער מלוכה איז געזעץ. די רבנים וועלען אין יעדענפאַל נישט אויסשליסען פון כלל ישראל דעם מאַן אָדער פרוי וואָס האָבען חתונה געהאַט מיט קריסטען.

איינשטימיג האָבען זיי געענטפערט אז די אידען האַלטען די פראנצויזען ווי ברידער. פון משה רבנו ביז

היינט איז דער הויפט עיקר פון דער תורה : "זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר ווי דיך אליין".

אז אידען האָלטען זיך פערפליכטעט צו פערטיידיגען פראנקרייך, האָבען אלע אויסגעשריגען מיט בעגייסטערונג, אז ביז'ן לעצטען טראָפען בלוט. זיי האָבען אויך געגעבען קלאָרע שכל'דיגע ענטפערס וועגען די רבנים און זייער שטע־לונג אין דער קהלה. און פאָלגענדען ענטפער האָבען זיי גע־ענטפערט אויף דער פראַגע פון נעמען פראָצענט :

משה רבנו האָט גע'אסר'ט צו לייהען געלד אויף פראָצענט צו אידען פון ארץ ישראל. ביי א מאן פון אן אנדער לאנד, אפילו א איד, האָט ער ערלויבט צו נעמען פראָצענט.

משה רבנו האָט געוואָלט דערמיט פערשטאַרקען דאָס ברודערשאפט צווישען די אידען פון ארץ ישראל און זיי זאָ־לען קענען רוהיג לעבען אויף זייערע נחלה'ס. די זעלבע אור־זאך איז אויך געווען פון שמיטה און יובל. און נישט פאַר בלויס אידען, נאָר אויך פאר די גרים וואָס האָבען געוואוינט אין ארץ ישראל.

נאָר דער וואָס קומט פון א פרעמד־לאנד, וואָס האָט נישט קיין לאנד אייגענטום, נאָר איז א סוחר און וויל פערדינען ביי די ערד־ארבייטער, ער דאַרף יא געבען א קליינעם פראָ־צענט דעם וואָס לייהט איהם געלד צו קענען האנדלען און פערדינען.

אויך לויט דעם תלמוד און די רבנים מעג מען נעמען פראָצענט פון סוחרים. עס איז דאָ פאר דעם דער "היתר עסקא". עס איז אמת אז ס'איז פאַראן אידען וואָס ערלויבען זיך נעמען גרויסע פראָצענטען וואָס זענען שטרענג פערבאָ־טען לויט דער אידישער אמונה, זיי זענען אָבער נאָר איינ־צעלנע. און עס וואָלט געווען נאריש און פערברעכעריש צו בע־שולדיגען איבער זייערע זינד די טויזענטער און צעהנער־טויזענטער אידען, וואָס זענען אינגאנצען אומשולדיג.

די ענטפערס זענען געווען אויסגעארבייט צו געפעל־לען ווערען דער מלוכה און נישט זיין קעגען דער אמונה.

---

עס איז דערווייל אונטערגעקומען נאַפּאָלעאָנ'ס גע־בורטס־טאָג. די אידישע פאָרשטעהער זענען געגאנגען אין

שוהל אריין, וואו מען האָט אוועקגעשטעלט נאַפּאָלעאָנ׳ס בילד איינגעטונקט אין בלומען. מען האָט געזאָגט "הנותן תשועה", איהם געמאַכט מי שברך און הרב זינצהיים האָט גערעדט אויף דייטש, הרב אנדראַדי — אויף פראַנצויזיש אין


תפלה
ישרים קריאי העדה אנשי שם
סנהדרין
מטעם אדונינו האדיר
נפוליאון

פאַדערבלאַט פון ספר התפלות וואס דאָס סנהדרין האָט געזאָגט ביי דער ערשטער זיצונג

הרב סגרי אויף איטאַליעניש. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַר־קען איינדרוק אויף נאַפּאָלעאָנ׳ען און ער האָט געהייסען זיינע פערטרעטער זאָגען די אידישע פאָרשטעהער, אַז זייערע ענטפערס זענען איהם געפעלען און ער וועט אָבגעבען כבוד־די תורה פון די אידען און וועט זיי אויך געבען בירגער־רעכט. ער וויל אָבער אַ גאַראַנטי אַז ס׳וועט זיין אַזוי ווי זיי

האָבען דערקלערט אין די ענטפערס און זיי וועלען אָפּהיטען אַלץ, עס זאָל נישט געמינערט ווערען א האָר דערפון.

די גאראנטי וואָס ער האָט פערלאנגט האָט פערגרעסערט די אידישע פרייד. „דער קייסער וויל צוריק איינפיהרען דאס סנהדרין" האָט מען זיי געלאָזט וויסען. עס איז געוואָרען א גרויסע שמחה. דאָס סנהדרין וואָס איז בטל געוואָרען מיט'ן הורבן בית המקדש וועט ווערען בענייט מיט זיין מאכט פון אמאָל.

די אידען וועלען דארפען רופען אסיפות אין אלע שוהלען פון אייראָפּא און אויסקלייבען זייערע פאָרשטעהער, די צאָהל זאָל זיין זיבעציג ווי אַמאָל מיט א נשיא, אן אב בית־דין און א „חכם", וואָס זאָלען שטעהן בראש.

די אידישע פאָרשטעהער האָבען אין גרויס בעגייסטערונג ארויסגעלאָזט דעם דאָזיגען אויפרוף צו אלע אידען:

„ברידער, אידען! ווער קען גלויבען אז דאָס וואָס אונ־זערע עלטערן האָבען נישט געהאָפט צו הערען הערען מיר מיט אונזערע אויערן. אונזער הארר, קייסער נאפּאָלעאָן ירום הודו האָט אונז בעפוילען זיך צו פערזאמלען דעם צוואנציגס־טען אָקטאָבער, דאָס מיינט, מאָנטאג, אכט טאָג אין חשון, שנת תקס"ז, מיר זאָלען גרינדען א סנהדרין אין דער קרוין־שטאָדט פאריז, אונטער'ן שוץ פון דעם מעכטיגען קייסער, וואָס הערשט אויף דער וועלט.

„די וואונדער־שעהנע פאריז איז אונזער פרייד, ווייל אין איהר וועט אויפגעשטעלט ווערען דאָס חרוב'ע הויז פון ישראל און די צייט פון אונזער גאולה איז נאָהנט.

„ברידער אידען! זעהט גאָט'ס פערבאָרגענע וואונדער און וואונדערט זיך. גאָט פערענדערט אלצדינג. ער מאַכט גרויס פעלקער און פערטיליגט זיי. ער טוט גוטס צו פעלקער און בעפעסטיגט זיי. גאָט'ס רצון וואָס איז איבער'ן מענשלי־כען פערשטאַנד ברענגט די מענשען צו פערשידענע נסיונות, דערנידריגט זיי ביז צו דער ערד. און אין זיין גרויס חסד גיט ער אריין רחמים און לייטזעליגקייט אין די הערצער פון פעל־קער צו די וואָס היטען זיין געבאָט.

„א סך ענדערונגען און איבערקערענישען האָבען מיר גע־

זעהן זייט מיר זענען פערטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד. ווען אנדערע פעלקער זענען געגאַנגען אין גלות האָבען זיי זיך אויסגעמישט און זענען געגאַנגען פערלוירען. אָבער נישט אַזוי איז מיט יעקב'ס קינדער. מיר זענען געבליבען איין פאָלק. זייענדיג פערשפּרייט איבער דער וועלט האָט אונזער גייסט זיך נישט אויסגעוועפּט.

"מיר זעהן שוין די גוטע סימנים אין איירָאָפּא. עס קומען גוטע צייטען פאַר אונז, וואָס וועלען אונז מאַכען פערגעסען די בייזע צייטען. מיר האָבען געהאָפט אויף דער ישועה און זי איז געוועזן אזוי ווייט.

"האָט גאָט געשיקט זיין שטורם און אויפגעציטערט די ערד. א גרויס פאָלק איז געוואָרען שרעקליך אויפגעטריי־סעלט און אין גאָט'ס חסד איז אויפגעשטאַנען דער גרויסער מאַן מיט זיין הילף, וואָס פעלקער רופען איהם און האָפען אויף הילף פון זיין מאַכט, ער בעשיצט אונז און דורך איהם וועט קומען אונזער ישועה !"

נאַפּאָלעאָן'ס פערלאַנג אויפצושטעלען צוריק דאָס סנהדרין האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף דער וועלט. אַלע האָבען זיך געוואונדערט אז נאַפּאָלעאָן, דער מעכטיגער קייסער, וויל אויפהויבען דאס דערנידריגטע אַלטע פאָלק און איהם אומקערען זיין גרויסען כבוד. קיינער קען דאָך נישט שטערען דעם מעכטיגען הערשער דאס אויסצופיהרען.

די אידען פון ווייט און ברייט האָבען אויפגעלעבט. זיי האָבען געגלויבט אַז די גאולה איז נאָהנט. נאַפּאָלעאָן איז דער צווייטער כורש אויסגעקליבען פון גאָט צו העלפען זיין געפּיי־ניגט פאָלק.

נאָר די בערלינער משכילים האָבען נישט געגלויבט. די רעפאָרמער וואס האָבען געוואָלט פערענדערן די אידישע אמונה האָבען נישט געגלויבט אַז אפילו נאַפּאָלעאָן'ס מעכ־טיגער ווילען וועט ברייגען צו אידישער אויפלעבונג.

זיי האָבען איהם נישט געקענט מוחל זיין וואָס ער האָט דערנידריגט פּרייסען און זיי האָבען געזאָגט אַז דאָס איז אַ ביטערער מאַנעוור נאַפּאָלעאָנ'ס צו געווינען אויף זיין זייט די אידען פון פּוילען. און די פּוילישע אידען האָבען איהם טאַקי

אויפגענומען ווי אן אויסלייזער און געמאן גוטס זיין ארמעע דעם גאנצען הערבסט און ווינטער.

---

פרידריך ווילהעלם, קעניג פון פרייסען, און דער רוסישער קייסער אלעקסאנדער דער ערשטער האבען זיך פעאייניגט קעגען נאפאלעאנ׳ען. די זאקסישע ארמעע איז אויך צוגעשטאנען צו זיי און זיי זענען ארויסגעטראטען קעגען פראנקרייך.

אבער נאפאלעאן האט זיי בעזיעגט. אין דריי שלאכטען האט נאפאלעאן צוקלאפט די פעראייניגטע און זאקסען האט געשלאסען פרידען מיט נאפאלעאן און אריבערגעגאנגען אויף זיין זייט. די פרייסישע פעסטונגען האבען אהן ווידערשטאנד זיך איבערגעגעבען צו די פראנצויזען. אין צוויי וואכען ארום האט נאפאלעאן אריינגעפיהרט זיין ארמעע נאך בערלין.

אין עטליכע חדשים ארום זענען שוועדען און ענגלאנד צוגעשטאנען צום רוסישען קייסער און צוזאמען מיט דעם רעשטעל פרייסיש מיליטער זענען זיי ארויסגעטראטען קעגען נאפאלעאנ׳ען. צוויי טעג, דעם זיבעטען און אכטען פעברואר, אכצעהן זיבען, האט געדויערט די גרויסע בלוטיגע שלאכט און זיך געענדיגט אהן א זיעג פאר ביידע צדדים.

דעמאלט האט נאפאלעאן ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די פאליאקען, זיי זאלען ארויסטרעטען קעגען זייער׳ע אונטערדריקער און זיך בעפרייען. די פאליאקען זענען צוגעשטאנען צו נאפאלעאנ׳ען און דעם פערצעהנטען יוני דאסזעלבע יאהר האט זיך בענייט די מלחמה לעבען פרידלאנד. און די פראנצויזען האבען געהאט אן ענטשיידענדען זיעג. די פעראייניגטע ארמעע איז געווארען מורא׳דיג צוקלאפט.

רוסלאנד האט פארגעשלאגען פרידען און נאפאלעאן האט מסכים געווען. ער האט אבער נישט געוואלט שליסען פרידען מיט דעם פרייסישען קעניג, זייענדיג בייז, וואס ער האט געבראכען דעם אפמאך, וואס זיי האבען געהאט.

קעניגין לואיזע איז געקומען צו נאפאלעאנ׳ען אין טילזיט בעטען רחמנות פאר פרייסען. נאפאלעאן האט אבער נישט געוואלט זיך צוהערען און ער האט געשטעלט אונמעג-

ליכע שלום־בעדינגונגען. פרייסען האָט דעמאָלט פערלוירען איבער א העלפט פון לאַנד. ער האָט געגרינדעט דאָס קעניג־רייך וועסטפאַלען פון די אָפּגעריסענע פרייסישע פּראָווינצען און בעשטימט זיין ברודער זשערעמיא פאַר קעניג פון דעם נייען קעניגרייך. די פּוילישע פּראָווינצען וואָס פרייסען האָט פערנומען אין יאָהר זיבעצעהן צוויי און זיבעציג ווען פּוילען איז געוואָרען צוטיילט, האָט ער אָפּגעריסען פון פּרייסען און צוריק פעראייניגט מיט דעם וואַרשאַווער קרייז אַלס אַ פירשטענטום אונטער דער הערשאַפט פון זאַקסען.

---

אין דער צייט ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען פערנומען מיט דער מלחמה מיט פּרייסען און רוסלאַנד איז געוואָרען גע־גרינדעט דאָס סנהדרין אין פּאַריז. דער רב ר' יוסף דוד זינצ־היים איז געוואָרען נשיא, דער רב ר' יהושע סגרי — אב בית־דין און דער רב ר' אברהם חיים דע קאָלאָנא — חכם. דאָס איז געווען ניין טאָג אין אדר, דעם ניינטען פעברואַר, אכצעהן הונדערט און זיבען.

אַלע זענען אַוועק אין שוהל אריין. דער נשיא האָט ארויס־גענומען א ספר תורה פון ארון קדש און געבענטשט דאָס סנהדרין. דער "חכם" האָט גערעדט אויף איטאַליעניש וועגען דער וויכטיגער געשעהעניש.

דערנאָך איז דאָס גאַנצע סנהדרין, זיבעציג אין צאָהל, אַוועק אין האָטעל דע וויל, אין שטאָדט־ראַט, וואו זיי האָבען געקראָגען א גרויסען פּרעכטיגען זאַל פאַר זייערע זיצונגען. אין שוואַרצע רעק און זיידענע אויבערמאַנטלען און מיט דריי־שפּיציגע היט האָבען זיי זיך אויסגעזעצט אין האַלב־רונדיגע שורות ווי א האַלבע לבנה, לויט'ן שטייגער פון סנהדרין אמאָל אין ירושלים.

עס איז געווען א וואונדערליך בילד וואָס האָט אָנגעגאָסען מיט גרויס פרייד די אידישע הערצער. דער נשיא און פאַר־טאַרא האָבען גערעדט וועגען גרויסקייט פון סנהדרין אין ארץ ישראל בשעת דאָס בית המקדש איז געשטאַנען.

אויף דער צווייטער זיצונג, דעם צוועלפטען פעברואַר, זענען פאָרגעלייענט געוואָרען אַלע געזעץ פאָרשלאָגען וואָס זיי דאַרפען בעטראַכטען און אָננעמען, און פיעל בריעף פון

די אידישע קהלות אין פראנקרייך, דייטשלאנד און אי־טאליען.

די קהלה "עדת ישורון" פון אמסטערדאם האָט געשיקט דריי שלוחים צו בעגריסען דאָס סנהדרין. דער נשיא איז אָבער נישט געווען שטארק צופרידען מיט זיי, ווייסענדיג אַז די קהלה איז די יונגסטע אין אמסטערדאם און איהר אויפ־פיהרונג איז נישט פון די בעסטע.

די שלוחים זענען אָבער אויך געוואָרען ענטוישט. זיי האָבען געדענקט אז דאָס סנהדרין גיט זיך אָפּ מיט די העכס־טע ענינים פון אידישען לעבען. דאָ האָבען זיי געזעהן אַז די זיצונגען זענען פערנומען מיט פראגען וואָס געהערען גאָר צו דער פּאָליציי.

נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפען דאָס סנהדרין אַלס גאַראַנטיע אַז ער וועט זעהן אָפּצוהיטען די ענטפערס, וואָס ער האָט בע־קומען אויף די צוועלף פראַגען און דאָס סנהדרין וועט שטעהן אויף דער וואַך, זיי זאָלען לויט די ענטפערס איינאָרדנען דאָס אידישע לעבען.

דאָס סנהדרין מוז זעהן אַז די אידען זאָלען זיין געטריי פראַנקרייך, געהן אין מיליטער און ליעב האָבען די קריסטען; און די אידען זאָלען לערנען זייערע קינדער א מלאכה און נישט לייהען געלד אויף פּראָצענט. זיי האָבען אויך געמוזט בענייען די אַלטע תקנה, צו פערווערען פיעל־ווייבעריי און אַז אַן ערלויבניש אויף חתונה האָבען מוז מען פריהער קריי־גען פון דער רעגירונג און דערנאָך פון רב. ביי א גט איז אויך די רעגירונג פריהער פאר דער אמונה. זיי האָבען געזאָגט אַז געמישטע חתונות זענען ערלויבט. נאָר איבערזעצענדיג אויף לשון־קודש האָבען זיי, צו בערוהיגען די פרומע אידען, גע־שריבען: כאָטש עס איז אונמעגליך אַז די קידושין פון א איד מיט א קריסטין זאָלען זיין פערבונדען לויט דת משה, וועט מען אָבער דעם איד נישט אריינלייגען אין חרם".

---

דער באַרג האָט געבוירען א מויז. דאָס סנהדרין וואָס האָט געמאַכט אַזא גרויסען רושם אויף די אידען ביים גרינ־דען האָט גאָר נישט אויפגעטאָן. אַלץ וואָס נאַפּאָלעאָן'ס פּעדטרעטער האָבען זיי געהייסען טאָן האָבען זיי געפּאָלגט.

און די איבריגע צייט האָבען זיי פערנומען מיט פלוידערייען איבער דער וויכטיגקייט פון נאַפּאָלעאָנ'ס סנהדרין אויפטו אזי ריהמענדיג אָהן אן אויפהער נאַפּאָלעאָנען.

נאַפּאָלעאָן איז אָבער דעמאָלט געווען פערנומען אין קריעג און נישט געהאט אין זינען דאָס סנהדרין. איז דאָס סנהדרין געווען אָפּהענגיג פון נאַפּאָלעאָנ'ס פערטרעטער מאָליע דער צורר ישראל האָט זיי געוואָלט אָנטאָן צרות, איז פּאָרטאַדאָ מיט נאָך איינעם אוועק צו נאַפּאָלעאָנ'ען זיך בעקלאָגען אויף דעם שונא־ישראל מיט זיינע מיטהעלפער. דער קייסער האָט זיי אויפגענומען פריינדליך און זיי געטרייסט און בערוהיגט.

אויף דער זיצונג וואָס האָט זיך געצויגען פון פינף און צוואַנציגסטען מערץ ביז דעם זעקסטען אפּריל האָבען זיי גע־גרינדעט דאָס קאָנסיסטאָריע, אַן אויבער־קאָמיטעט, וואָס זאָל אַכטונג געבען אַז די רבנים זאָלען פיהרען די קהלות לויט די געזעצען פון סנהדרין. דעמאָלט האָט דאָס סנהדרין אויך דערלאַנגט אַ ביטע צו דער רעגירונג אַז די אשכנז'ישע אידען זאָלען נישט בעגרענצט ווערען אין בירגעררעכט. און אין פאַל מען וועט עמיצען כאַפּען נעמען פּראָצענט זאָל נאָר ער אַליין ווערען בעשטראַפט און אנדערע זאָלען נישט ליידען אומשולדיג.

אַ גאַנץ יאָהר האָט נאַפּאָלעאָן זיי אָפּגעצויגען מיט אַן ענטפער. ערשט דעם זיבצעהנטען מערץ אַכצעהן הונדערט און אַכט האָט ער געענטפערט אויף דער ביטע זעהר ענגהערציג. ער האָט יאָ בעגרעניצט די רעכט פון די אשכנז'ישע אידען. ער האָט בעפוילען אַז זיי זאָלען נישט טאָרען האַנדלען אָהן אַ צייגניש פון קאָנסיסטאָריע און דער רעגירונג אַז זיי זענען עהרליך.

ער האָט אויך פערבאָטען אידען פון אנדערע לענדער צו בעזעצען זיך אין דער רהיין געגענד. און אידען פון דער רהיין געגענד טאָרען זיך נישט בעזעצען אין פראַנקרייך.

די בעגרענצונגען האָט ער איינגעפיהרט אויף צעהן יאָהר ביז ער וועט זעהן ווי די אידען פיהרען זיך און אויב זיי וועלען זיך גוט אויפפיהרען וועלען זיי ווערען גלייכבערעכטיגט.

פון די בעגרענצונגען האָט ער בעפרייט די אידען פון

פּאַריז, באָרדאָ, ליוואָרנא און נאָך פּופצעהן קרייז־שטעדט. זיי זענען עהרליך, האָט ער געזאָגט און זיי זענען שיין נישט קיין אויסנאַם פון אלע בירגער.

מיט זיינע בעגרענצונגען האָט ער געבראַכט גרויסע צרות אויף די אידען פון אַנדערע לענדער וואָס האָבען געזוכט גלייך־בערעכטיגונג ביי די רעגירונגען. זיי האָבען אומעטום בעקו־מען דעם דאָזיגען ענטפער:

— "אויב דער מעכטיגער נאַפּאָלעאָן, אַ קינד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע גלויבט נישט דעם אידען און האָט נישט קיין צוטרוי צו איהם, וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען?"

---

ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען פערוויקעלט אין דער לאַנגער מלחמה אין שפּאַניען, האָט דער עסטרייכישער קייסער צו־זאַמענגעשטעלט אַ גרויסע אַרמעע, אָנגעפיהרט פון זיינע ברידער די ערצהערצאָגען קאַרל און יאָהאַן, און דערקלערט קריעג פראַנקרייך צוריק צו געווינען די פּראָווינצען וואָס ער האָט פערלוירען.

די איבריגע הערשער האָבען געוואַרט אויף'ן רעזולטאַט פון דער מלחמה. אויב עסטרייך וועט געווינען וועלען זיי אויך צושטעהן און צושמעטערן פראַנקרייך.

ערצהערצאָג קאַרל האָט געהאַט אַ גרויסען זיעג איבער'ן בייערישען מיליטער וואָס איז געווען פערבונדען מיט נאַ־פּאָלעאָנען. ער האָט געהאָפט פריהער צו בעזיגען די הערשע־פון די רהיינישע לענדער און דערנאָך וועט איהם זיין גרינג אריינצודרינגען נאָך פראַנקרייך.

נאַפּאָלעאָן איז אָבער ראַשיג אָנגעקומען און ביי עקמיל איז פּאָרגעקומען אַ גרויסע בלוטיגע שלאַכט, פון ניינצעהנטען ביז דעם דריי און צוואַנציגסטען אַפּריל אכצעהן הונדערט און ניין. ער האָט צוקלאַפּט די עסטרייכער און זיי צוריקגעשטויסען ביז בעהמען.

נאַפּאָלעאָן האָט ווידער געפיהרט זיין אַרמעע אויף ווין. די עסטרייכער האָבען איהם בעגעגענט לעבען דונאי און אַ נייע שלאַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען. אין אָנהויב האָבען די עסטרייכער געזיעגט און צוריקגעשטויסען די פראַנצויזען.

נאפאלעאן האט אבער געבראכט פריש מיליטער און לעבען וואגראם קעגען איבער וויען האט ער בעזיעגט די שלאכט. די עסטרייכער האבען העלדיש געקעמפפט, זיי האבען אבער נישט געקענטביישטעהן דעם וואונדערליכען קריגס־פיהרער נאפאלעאן און דער עסטרייכישער קייסער פראנץ האט געבעטען שלום.

נאפאלעאן איז צופרידען געוועזען צו שליסען שלום אייד דער די אנדערע הערשער וועלען קומען צו הילף עסטרייך. דעם פערצעהנטען אקטאבער אכצעהן הונדערט ניין איז אונטערגעשריבען געווארען פרידען צווישען עסטרייך און פראנקרייך אין קייסערליכען פאלאץ אין שענברון. עסטרייך האט אויפסגיי פערלוירען פראווינצען. אזא פערלוסט האט זי אין די פריהריגע מפלות נישט געהאט. און נאפאלעאן האט זיך אומגעקערט א זיעגרייכער נאך פאריז.

גאנץ מערב־אייראפא האט געציטערט פאר נאפאלעאנען, נאר נישט דער פויבסט פיוס דער זיבעטער. ווען נאפאלעאן האט זיך אין מילאן אנגעטאן די קרוין פון לאמבארדיען האט דער פויבסט זיך אפגעזאגט צו קרוינען איהם אלס קעניג פון איטאליען.

די גלחים פון אלע לענדער האבען געהעצט אויף נאפאלעאנ'ען און איהם דערקלערט פאר אן אפיקורוס און א גאטס־לעסטערער. דער פויבסט האט זיך געפיהלט זיכער אין דער הילף פון עסטרייך און ענגלאנד און איז דערגאנגען נאפאלעאנען די יאהרען. ער האט איהם געווארנט אז ער וועט איהם ארייגלייגען אין חרם.

האט נאפאלעאן אנעקסירט דאס גאנצע פויבסטליכע גלח'ישע לאנד צו פראנקרייך און געלאזט ארעסטירען דעם פויבסט. א געפאנגענער איז דער פויבסט געפיהרט געווארען פון שטאדט צו שטאדט. דער פויבסט האט זיך נישט אונטערגעגעבען און צוויי מאל ארייגעלייגט נאפאלעאנען אין חרם.

אבער די צייט איז אוועק, ווען די וועלט האט געציטערט פאר'ן פויבסט, האט פראנקרייך זיך אויסגעלאכט פון איהם און נאפאלעאן האט איהם איינגעשפארט אין פאנטאנעבלא, וואו ער איז געוועזען ביז נאפאלעאן איז געווארען אויס קייסער.

די אידען זענען געוואָרען שטארק אומצופרידען. זיי האָבען געהאָפט אז ער וועט זיי העלפען, האָט ער אָבער נאָך צוגענומען פון זיי די געוואונענע רעכט דורך דער רעוואָלוציע. ער האָט אויך שטארק דערנידריגט די אידען ביי אלעמען אין די אויגען מיט די בעגרענצונגען. נאכמעהר האָט דאָס פערדראָסען משה'ן, צביה'ן און קאָכלעפעל'ן און זיי האָבען איהם נישט געקענט מוחל זיין בייז בעהאנדלען אידען, וואָס זענען אזוי געטריי און איבערגעגעבען איהם און פראנקרייך.

דעמאָלט האָט נאפּאָלעאָן בעשלאָסען צו גט'ן זיך מיט זשאזעפינא'ן, ווייל זי האָט איהם נישט געבוירען קיין קינד, און חתונה האָבען מיט א פּרינצעסין, א יונג מיידעל, וואָס זאָל איהם געבוירען א טראָהנפאָלגער.

זשאזעפינא האָט זיך נישט קעגענגעשטעלט און גענומען דעם גט. דעם צוועלפטען יאנואר, אכצעהן צעהן האָט ער זי גע'גט און אין קוים א מאָנאט ארום, דעם פופצעהנטען פעברואר האָט ער חתונה געהאט מיט מאריע לואיזע, די טאָכטער פון זיין אלטען פיינד פראנץ, קייסער פון עסטרייך.

מיט גרויס פּאראד האָט נאפּאָלעאָן געבראכט זיין נייע פרוי נאָך פּאריז. דער עסטרייכישער אמבאסאדאר האָט געמאכט לכבוד זיי א גרויסען באל און עס זענען געווען אזוי פיעל געסט, אז מען האָט געמוזט אויפבויען א גרויסע געביידע בלויס פאר דעם מאָלצייט.

די געביידע איז געווען נאָר צייטווייליג, פון האָלץ. די געסט האָבען זיך געלאָזט וואוילגעהן, פּלוצלינג האָט א פאָרהאנג זיך אָנגעצונדען און די גאנצע געביידע איז ארומגעכאפּט געוואָרען מיט א גרויס פייער. נאפּאָלעאָן האָט גיך ארויסגעראטעוועט די נייע קייסערין און זי אָפּגעפיהרט אין פּאלאץ. איינס און צוויי איז די גאנצע געביידע אוועק מיט'ן פייער און א צאָהל געסט פון די געהויבענסטע זענען פערברענט געוואָרען.

אלע האָבען דאָס אָנגענומען פאר א שלעכטען סימן פאר'ן פּאָר פּאָלק. די חתונה איז נישט געווען אויף א גלייכען מענשליכען יוֹעג און אזוי וועט אויך זיין דער סוף.

אין א יאָהר אָרום, דעם נייִנצעהנטען מערץ, אכצעהן עלף

האָט מאַריע לואיזע געבוירען א יונגעל. צו נאַפּאָלעאָנ'ס פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ. און אז מען האָט פון קייסערליכען פּאַלאַץ מיט קאַנאָנען־שאָסען אָנגעזאָגט אז נאַפּאָלעאָן האָט א יורש פון טראָהן, האָט גאַנץ פּאַריז געשטורמט פאַר פרייד. נאַפּאָלעאָן האָט געגעבען זיין זוהן דעם טיטול "קעניג פון רוים".

---

נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט צוברעכען ענגלאַנד'ס מאַכט און ער האָט געזעהן איין מיטעל דערצו. ער וועט פארשפּארען אלץ לענדער פאַר'ן ענגלישען האַנדעל, וועט זי ווערען פעראָרימט און נישט קענען שטיצען זיינע פיינד מיט געלד.

די אייראָפּעאישע הערשער וואָס האָבען געשלאָסען אָפּמאַכען מיט איהם האָבען איהם דאָס נאָכגעגעבען. אפילו אלעקסאַנדער דער ערשטער, דער רוסישער קייסער, האָט מסכים געווען אויף דעם אין דעם טילזיטער שלום־אָפּמאַך.

אָבער דאָס וואָס נאַפּאָלעאָן האָט צוטיילט דייטשלאַנד און בערויבט אלעקסאַנדער'ס קרוב, דעם פירשט אלדענבורג, האָט אויפגערעגט דעם רוסישען קייסער און ער האָט אָפּגעבראָכען זיין אָפּמאַך מיט נאַפּאָלעאָנ'ען און צוריק אויפגענומען דעם ענגלישען האַנדעל.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון א לאַנגע שווערע מלחמה צווישען רוסלאַנד און פראַנקרייך. רוסלאַנד האָט צוזאַמענגעשטעלט אן ארמעע פון דריי הונדערט טויזענט סאָלדאַטען, און נאַפּאָלעאָן האָט מאָביליזירט פינף הונדערט מיט פינף און אכציג טויזענט סאָלדאַטען, וואָס א קאַרגע העלפט איז בעשטאַנען פון זיינע פערבינדעטע, אויך די פּרייסישע און עסטרייכישע מיט דרייצעהן הונדערט און צוויי און זיבעציג הארמאַטען און איבער צוואַנציג טויזענט וועגען פּראָוויאַנט און געוועהר.

רוסלאַנד האָט דעמאָלט געפיהרט מלחמה מיט טערקיי און גלייך געשלאָסען שלום מיט איהר און אן אָפּמאַך מיט שוועדען און ענגלאַנד, זיי זאָלען איהר קומען צו הילף ווען עס וועט זיין נויטיג.

דעם דריי און צוואַנציגסטען יוני, אכצעהן צוועלף איז נאַפּאָלעאָן אריבער די רוסישע גרעניץ און אלץ געוואָלט פער־

פיהרען אן אָפענע שלאכט מיט די רוסען, ער זאָל זיי מיט איין קלאפּ פערניכטען. עס איז איהם אָבער נישט געלונגען די רוסישע ארמעע האָט געהאלטען אין איין צוריקטרעטען און זיך אַלץ גערוקט טיעפער אין לאנד אריין.

אַלע שטעדט און דערפער האָבען די רוסען אונטערגע־צונדען הינטער זיך און אָהן שום ווידערשטאנד אַלץ געגאנ־גען טיעפער און טיעפער, נישט איבערלאָזענדיג קיין שום עסענוואַרג פאר די אריינדרינגענדע פראנצויזען.

די פראנצויזישע ארמעע איז אויך געגאנגען טיעפער אין רוסלאנד און וואו זי איז געקומען האָט זי געפונען א חורבן, פערברענט און צושטערט. נאפּאָלעאָן האָט געהאט איין האָפ־נונג: אן אָפענע שלאכט. און אלקסאנדער וועט בעטען פרידען.

ערשט דעם זיבעצעהנטען און אכצעהנטען אויגוסט איז פּאָרגעקומען א מורא'דיגע שלאכט לעבען סמאָלענסק. די שטאָדט איז איינגאנצען אוועק מיט'ן פייער און די פראנ־צויזען זענען אריין מיט שטורם.

די רוסען האָבען אָפּגעטרעטען און געגאנגען נאָך מאָסק־ווא. און הינטער זיך האָבען זיי געלאָזט א מדבר. אפילו קיין איינציג הויז נישט וואו א פראנצויז זאָל אויף א רגע זיך קענען אָפּרוהען.

אַלע רוסען אָהן אויסנאַם האָבען זיך בעוואפענט מיט אייזענס, מיט העק, שפּאדלעס, היי־גאָפּלען און געהאָלפען דעם מיליטער. באַלד איז אָנגעקומען דער מעכטיגער העלד קוטוזאָוו און די רוסישע ארמעע איז פול געוואָרען מיט פריי־שען מוטה.

לעבען באראדינא איז פּאָרגעקומען אזא שרעקליכע און פערביטערטע שלאכט, אז זייט די צייטען פון די פּערסער אין מאקעדאניער איז עס נישט געשעהן. דאָס איז געווען דעם זיבעטען סעפּטעמבער.

ביידע צדדים האָבען געקעמפט העלדיש. פופציג טויזענט טויטע זענען געפאלען, צווישען זיי פיעל גענעראלען און פּאָל־קאָווניקעס פון ביידע זייטען. דער זיעג איז אָבער נישט געווען ענטשיידענד, יעדע ארמעע האָט זיך געריהמט אז זי האָט געזיעגט.

קוטוזאוו האָט אָנגעזאָגט אַלעקסאנדער'ן אַז ער האָט געזיעגט, דאָך האָט ער בעשלאָסען אָפּצוטרעטען און לאָזען די פראַנצויזען פערנעמען מאָסקווא. נאפּאָלעאָן האָט גע־פיהרט זיין ארמעע נאָך מאָסקווא גלויבענדיג, אַז דאָ וועלען די פראַנצויזען זיך ענדליך אָפּרוהען און אַלעקסאנדער וועט בעטען פרידען.

---

אַז די פראַנצויזען האָבען דערזעהן מאָסקווא פון וויי־טענס האָבען זיי אויסגעבראָכען אין א שטורם פון פרייד. נאָר נאפּאָלעאָן איז געווען אומרוהיג. ער איז געוואוינט גע־ווען תמיד ווען ער איז אריין אין א גרויסע שטאָדט, זאָלען די שטאָדט־פיהרער ארויסגעהן אנטקעגען און אונטערטעניג איהם איבערגעבען די שליסלען פון שטאָדט.

דאָ איז אָבער טויט־שטיל. קיינעם זעהט מען נישט. אַלע מאָסקוועער איינוואוינער האָבען אָפּגעליידיגט די שטאָדט. פון דעם אָרימסטען ביז דעם רייכסטען איז קיין איינציג נפש נישט געבליבען. בלויס שווער קראַנקע און פערוואונדעטע און פערברעכער, וואָס זענען ערשט ארויס פון תפיסה זענען גע־בליבען.

די פראַנצויזען זענען אריין אין דער רוסישער הויפּט־שטאָדט און געטראָפען אַלץ ליידיג און וויסט. בלויס די עכאָ פון זייערע אייגענע טריט האָבען זיי געהערט. נאַ־פּאָלעאָן איז אריין אין קרעמל און די פראַנצויזען האָבען זיך געוואָרפען רויבען און אָנגעפּאַקט זייערע זעק מיט די טייערסטע זאכען. דאָס איז געווען דעם פופצעהנטען סעפּ־טעמבער.

ביינאכט האָט אויסגעבראָכען א סך פייערן אין פער־שידענע געגענדען פון שטאָדט. די פראַנצויזען האָבען זיך נישט געקענט קיין עצה געבען אויסצולעשען די שרפות.

די צווייטע נאכט האָבען פרישע פייערן אויסגעבראָכען. און דער ווינד האָט די פלאַמען צוטראָגען און אָנגעצונדען די גאַנצע שטאָדט און דעם קרעמל ארומגעכאַפּט. אין מיטען נאכט איז נאפּאָלעאָן געצוואונגען געווען צו אנטלויפען מיט זיינע גענעראַלען הינטער דער שטאָדט.

ערשט אין פינף טעג ארום האָט זיך איינגעגעבען די

פראַנצויזען צו פערלעשען די שרפות. האָט אָבער די ארמעע נישט געהאַט מעהר וואָס צו עסען. קיין שטיקעל ברויט האָבען זיי אין גאַנץ מאָסקווא נישט געפונען, נאָר בלויז וויין.

עס האָט אָנגעהויבען פריהרען אין מאָסקווא. די פראַנצויזען זענען נישט געוועהנט צו רוסישע קעלטען און זיי האָבען פערלוירען די קעפּ פאר שרעק. נאפּאָלעאָן האָט געשיקט צו אלעקסאנדער׳ן זיינע פערטרעטער צו פערהאנדלען וועגען פרידען.. דער רוסישער קייסער האָט נישט געוואָלט הערען דערפון.

די פרעסט זענען געוואָרען שטאַרקער, מאָסקווא איז פערשאָטען געוואָרען מיט בערג שניי, האָט נאפּאָלעאָן בעפוילען זיין ארמעע אָפּצוטרעטען פון מאָסקווא. א שרעקליך בילד איז געווען צו זעהן ווען די פראַנצויזען זענען ארויס פון דער רוסישער הויפּט־שטאָדט. דאָס איז געווען דעם אכצעהנטען אָקטאָבער.

די סאָלדאַטען זענען געגאַנגען מיט שווערע פּעק רויב, אָהן אָרדנונג, אויסגעהונגערט איינגעוויקעלט אין שמאַטעס און ווייבערישע קליידער און געציטערט פאר קעלט. די רוסען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און די געשיקטע קאָזאַקען האָבען זיי פלינק ארומגערינגעלט ווי די ביהנען און זיי נע׳הרג׳עט און געשלאָגען. די פערד פון דער פראַנצויזישער ארמעע זענען געפאלען אין די טויזענטער פאר הונגער, די וועגען און הארמאַטען זענען איינגעזונקען אין טיעפען שניי און געמוזט ווערען איבערגעלאָזט.

ווען די פראַנצויזען זענען צוגעקומען צום טייך בערעזינא, דעם צוועלפטען נאָוועמבער, האָבען זיי ערשט געהאַט די רעכטע מפּלה. דריי מייל פון באריסאָוו האָבען זיי געמוזט אריבער דעם טייך און זיי האָבען אויפגעשטעלט צוויי בריקען. זייענדיג אויף די בריקען האָבען די רוסען געשאָסען אויף זיי. עס האָט אויסגעבראָכען א מהומה צווישען די פראַנצויזען און זיי האָבען אָנגעהויבען לויפען און אין איילעניש געטראָטען איינער דעם אנדערן. פּלוצלונג זענען די בריקען איינגעפאלען און דאָס גאַנצע מיליטער וואָס איז געבליבען אויף דער זייט איז צושלאָגען געוואָרען אויף שטיקלעך.

דעם פינפטען דעצעמבער האָט נאפאָלעאָן מיט א ביטער־הארץ איבערגעלאָזט די רעשטען פון זיין ארמעע און אויף א שליטען אוועק נאָך ווילנא. ער איז געפלויגען שנעל איבער ווארשא, דרעזדען און מיינץ און ענדליך אָנגעקומען נאָך פאריז.

די פערבליבענע פראנצויזען מיט זייערע גענעראלען האָבען געבלאָנדזשעט ווי א שיף אָהן א רודער. און ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער גרעניץ ביים ניעמען איז נישט געבליבען קיין העלפט פון זיי. דריי הונדערט טויזענט פראנצויזען זענען אומגעקומען. א טייל אין די שלאכטען און א טייל פאר הונגער, קעלט און קראנקהייטען. זיי האָבען אויך נישט צוריקגעבראכט קיין איין הארמאָט אָדער איין וואָגען.

---

נאפאָלעאָנ'ס מפלה האָט געגעבען מוטה די דייטשע הערשער צו בעפרייען זיך פון זיין יאָך. פרייסען האָט זיך אפגעריסען פון פראנקרייך און פעראייניגט זיך מיט רוסלאנד און דערקלערט קריעג נאפאָלעאָנען.

נאפאָלעאָן האָט צוזאמענגעשטעלט א פרישע ארמעע און אין צוויי שלאכטען בעזיעגט די פרייסיש־רוסישע ארמעען. דער עסטרייכישער קייסער האָט זיך ארייגעמישט און געוואָלט זיין דער פרידענס פערמיטלער. נאפאָלעאָן האָט אבער נישט געוואָלט מסכים זיין אויף די שלום בעדינגונגען וואס מען האָט איהם פאָרגעלייגט. איז זיין אייגענער שווער, דער עסטרייכישער קייסער בייז געוואָרען און זיין אלטע שנאה האָט אויפגעקאָכט אין איהם און ער האָט אויך דערקלערט קריעג פראנקרייך.

עס זענען פאָרגעקומען פיעלע שלאכטען, ביז די ענטשיידענע שלאכט איז פאָרגעקומען לעבען לייפציג, די הויפט שטאָדט פון זאקסען. הונדערט און פופציג טויזענט פראנצויזען האָבען זיך געשלאָגען מיט דריי הונדערט טויזענד טאָלדאטען פון די פערבינדעטע מלוכות. דאס איז געווען דעם אכצעהנטען אקטאבער, אכצעהן הונדערט און דרייצעהן.

אין אנהויב האָט נאפאָלעאָן געזיעגט. פלוצלינג האָבען די זאקסען איהם פערראַטען און אריבער צום שונא און נאָ־

פּאָלעאָן איז צוריקגעשטויסען געוואָרען. צומאָרגענס אין דער־פריה, ווען די פראנצויזען זענען אריבערגעגאנגען דעם טייך עלסטער, האט דער שונא אויפגעריסען די בריק און די פראנ־צויזען האבען געהאט אזא מפלה ווי ביים בערעזינא.

די פראנצויזישע ארמעע האָט פערלוירען אכציג טויזענט מאַן. דער מארשאל פון פּוילישען מיליטער, פירשט פּאני־אטאווסקי, וואָס נאפּאָלעאָן האָט איהם געגעבען דעם טיטול קעניג פון פּוילען, איז דערטרונקען געוואָרען. דעם זעלבען טאָג זענען די פערבינדעטע אריין נאָך לייפּציג און געפאנ־גען דעם זאקסישען קעניג, ווייל ער איז נישט צוגעשטאַנען צו זיי באַלד פון אָנהויב.

נאפּאָלעאָן האָט זיך געאיילט אנטלויפען מיט זיין איי־בערגעבליבענע ארמעע און דער שונא האָט איהם נאָכגעיאָגט. באַלד האָט דער קעניג פון בייערן איהם אויך פערראטען און פערייניגענדיג זיך מיט די עסטרייכער האָבען זיי איהם פערצוימט דעם וועג. נאפּאָלעאָן האָט זיך אָבער דורכגעריסען און אריבער דעם רהיין.

דער רהיין־בונד איז געוואָרען צובראָכען. אלע הערשער האָבען פערלאָזט נאפּאָלעאָן'ען און צוגעשטאַנען צו די פער־אייניגטע. עסטרייך האָט צוריק פערנומען איטאַליען, די קע־ניגרייכען וועסטפאלען און האָלאנד זענען אָפּגעשאפט גע־וואָרען, די פראנצויזען האָבען אויך געמוזט פערלאָזען שווייץ. אלץ וואָס נאפּאָלעאָן האָט געבויט איז צופאלען אויף שטי־קער, נאָר זיין שוואָגער מוראט, וואָס נאפּאָלעאָן האָט איהם בעשטימט פאר קעניג פון נעאפּאל איז געבליבען הערשער, ווייל ער האָט פערראטען נאפּאָלעאָנ'ען און געשלאָסען פרידען מיט עסטרייך.

פון אלע זייטען האָבען געצויגען די ארמעען פון די פעראייניגטע און אריין נאָך פראנקרייך. די ארמעען זענען אָבער נישט געווען פעראייניגט אויף איין אָרט און אין עט־ליכע שלאכטען מיט יעדע בעזונדער האָט נאפּאָלעאָן זיי בעזיעגט. ענדע פעברואר אכצעהן פערצעהן האָט ער זיי פערטריבען איבער דער גרעניץ.

זיי האָבען זיך אָבער אויפסניי פעראייניגט און ארויס־געשטעלט אַ פרישע ארמעע פון פיער הונדערט טויזענט מאַן,

די אַרמעע איז בעשטאַנען פון די סאָלדאַטען פון פּרייסען, ענגלאַנד, רוסלאַנד, עסטרייך, שוועדען, שפּאַניען און די איבריגע דייטשע מדינות.

נאַפּאָלעאָן האָט שוין נישט געקענט צוזאַמענשטעלען א פרישע אַרמעע, איז ער אוועק אין די פעסטונגען צווישען רהיין און מאזעל און געהאָפט, אז דאָרט וועט ער אָפּשניי־דען דעם וועג פאַר זיינע שונאים, זיי וועלען אויסגעהן פאַר הונגער און שפּעטער וועט ער זיי צוקלאַפּען.

די פעראייניגטע האָבען אָבער ארויסגעשיקט קעגען איהם א קליינע אַרמעע צו היטען זיינע טריט און די גאַנצע אַרמעע האָט אריינגעדרונגען נאָך פראַנקרייך און געגאַנגען אויף פּאַריז. דעם ניין און צוואַנציגסטען מערץ איז די פעראיי־ניגטע ארמעע געשטאַנען פאַר די טויערן פון פּאַריז און גע־האָט א קליינע שלאַכט מיט דער שטאָדטישער וואַך, וואָס האָט זיך בעפעסטיגט אויפ'ן מאָנמאַרט. אין צוויי טעג ארום, דעם איין און דרייסיגסטען מערץ, איז פּאַריז געוואָרען גע־עפענט פאַר די זיעגער און אלע פעראייניגטע הערשער מיט דעם רוסישען קייסער אלעקסאַנדער בראש זענען אריין נאָך פּאַריז נאָר דער עסטרייכישער קייסער פראַנץ איז נישט מיטגעגאַנגען מיט זיי, ער האָט נישט געוואָלט צוזעהן זיין איידימ'ס מפּלה.

אלעקסאַנדער דער ערשטער האָט גלייך געלאָזט וויסען דעם פראַנצויזישען סענאַט, אז די פעראייניגטע וועלען נישט פערהאַנדלען מיט נאַפּאָלעאָנ'ען און נישט מיט קיינעם פון זיין פאַמיליע. זיי האָבען בעשלאָסען אראָפּצוזעצען נאַפּאָ־לעאָנ'ען און קרוינען פאַר קעניג פון פראַנקרייך לודוויג דעם אכצעהנטען, א פּלימעניק פון דעם געקעפּטען קעניג לודוויג דער זעכצעהנטער.

דער סענאַט האָט גלייך נאָכגעגעבען די פאָדערונג און דעם צווייטען אפּריל דערקלערט, אז נאַפּאָלעאָן איז ארונטער־געוואָרפען געוואָרען פון טראָהן. נאַפּאָלעאָן איז דעמאָלט געווען אין פאָנטאַנעבלאַ און ער האָט געברענט ווי א פייער אויף זיינע גענעראַלען, אויפ'ן סענאַט און אויף פּאַריז, וואָס האָבען איהם פערראַטען.

עס איז אָבער געווען פערפאַלען. האָט ער געפּרובירט

ווירקען זיין איינציגער זוהן זאָל אויסגעקליבען ווערען אלס זיין טראָהנפאָלגער. ער האָט אָבער דאָס אויך נישט גע־פועל׳ט. און דעם עלפטען אפּריל האָט נאַפּאָלעאָן זיך אונ־טערגעגעבען און אויפגעגעבען אלע האָפנונגען.

די פעראייניגטע האָבען איהם ערלויבט אוועקצוגעהן מיט עהרע און בעשטימט פאר איהם דאָס אינזעל עלבא, וואו ער מעג מיטנעמען מיט זיך זיינע בעליעבטע גענעראלען און א ביסעל מיליטער, ער זאָל קענען זיך גרינדען דאָרט א שטי־קעל מלוכה.

זיין פרוי מיט׳ן זוהן האָבען געקראָגען עטליכע פירשטענ־טימער אין איטאַליען.

אין ניין טעג ארום האָט נאַפּאָלעאָן זיך געזעגענט מיט זיין לייבגווארדיע, וואָס האָט איהם געטריי געדינט צוואנציג יאָהר. ער האָט זיך צוקושט מיט זייער קאָמאנדיר, ער האָט געקושט זייער פאָהן און די סאָלדאַטען האָבען ביטער גע־וויינט. און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אויפ׳ן וועג ביז צום האפען איז אין יעדער שטאָדט דאָס פאָלק איהם געגאנגען אקעגען און מיט געוויין ארוים־בעגלייט. און ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף וואָס האָט איהם אָפּגעפיהרט צום עלבא.

דעם פערטען מאַי איז לודוויג דער אכצעהנטער צוריק געקומען אין קעניגליכען פּאלאַץ אין פּאריז און ארויף אויפ׳ן טראָהן, פון וואנען זיין פעטער איז מיט צוואנציג יאָהר צוריק גענומען געוואָרען צו דער גיליאָטינא. מיט איהם האָבען די פעראייניגטע הערשער דעם דרייסיגסטען מאַי געשלאָסען פרידען. פראנקרייך איז געבליבען ביי איהרע גרעניצען פון אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. פראנקרייך איז בעפרייט גע־וואָרען פון צאָהלען קאָנטריבוציע און מען האָט אויך נישט צוגענומען ביי איהר די טייערע אוצרות, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט צוגענומען אין פערשידענע לענדער. אין עטליכע טעג ארום האָבען די פעראייניגטע הערשער פערלאָזט פּאריז און אָפּגעצויגען זייער מיליטער.

די מאַסען מלחמות צווישען פראנקרייך און די פער־שידענע לענדער האָבען איבערגעביטען די גרעניצען, האָבען די הערשער גערופען א קאָנגרעס אין וויען, וואו די גרעניצען

זאָלען ווערען פעסטגעשטעלט.

די פראַנצויזען האָבען שטילערהייט געוויינט אויף זייער מפּלה און נישט געקענט פערגעסען נאַפּאָלעאָנ'ען, וואָס האָט זייער לאַנד געמאַכט גרויס און בעריהמט. לידוויג דער אַכ־צעהנטער האָט אפילו צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט בלייבען ווי עס איז. ער האָט אָבער נישט געהאַלטען וואָרט.

ער האָט גלייך אָפּגעשאַפט דעם פאָהן מיט'ן אדלער און דעם דריי־פאַרביגען סימבאָל פון מיליטער. און האָט איינגע־פיהרט דעם ווייסען פאָהן מיט די דריי ליליען. פיעל בעאַמטע האָט ער אַראָפּגעזעצט און בעשטימט נייע. די שטאָלצע אַריסטאָקראַטען האָבען ווידער בעקומען גרויסע שטעלעס אין דער אַרמעע און רעגירונג און זיי האָבען געוואָלט צוריק־נעמען אַלע פּריוויליגיען, וואָס די פראַנצויזען האָבען אין פינף און צוואַנציג יאָהר פון בלוטיגען קאַמף זיך דער־וואָרבען.

די פראַנצויזען זענען אַלץ געוואָרען אומצופרידענער און געבענקט נאָך זייער בעליעבטען העלד נאַפּאָלעאָן. אַמ־שטאַרקסטען האָט געבענקט נאָך איהם די אַרמעע, וואָס איז אַזוי גרויס און מעכטיג געווען אונטער זיין פיהרער־שאַפט, און געוואָרען איצט דערנידריגט פון די פּוסטע יונגע אַריס־טאָקראַטען, וואָס דער בורבאָנישער קעניג האָט אַרויפגע־צוואונגען אויף זיי.

אויפ'ן קאָנגרעס פון די הערשער אין ווין איז אויך געווען אַ גרויסע מהומה. איינער האָט נישט פערגונען דעם צווייטען און עס האָט געהאַלטען דערביי, דער קאָנגרעס זאָל ווערען אָפּגעבראָכען.

נאַפּאָלעאָן האָט געוואוסט פון דעם אַלעם. איז איהם מיאוס געוואָרען זיצען אויפ'ן אינזעל און ער האָט בעקומען פרישען מוטה אָפּצונעמען צוריק די פראַנצויזישע קרוין. נאָך איידער עס איז געוואָרען אַ יאָהר זייט ער איז געקומען אויפ'ן אינזעל, האָט ער גענומען זיין קליינע אַרמעע, וואָס איז בעשטאַנען פון עלף הונדערט מיט פערציג מאַן און דריי זעקס און צוואַנציגסטען פעברואַר, אַכצעהן הונדערט און פופצעהן האָבען זיי זיך אויפגעזעצט אויף שיפען און זיך אומגעקערט נאָך פראַנקרייך.

דעם ערשטען מערץ זענען זיי שוין געווען אויף פראנ־צויזישע ערד. נאַפּאָלעאָן האָט ארויסגעלאָזט אן אויפ־רוף צום פאָלק און די ארמעע, אז נאָר ווייל עטליכע גענע־ראַלען האָבען איהם פערראַטען האָבען די פיינד געזיעגט. ווען נישט דער פערראַט וואָלט ער די פיינד צומאָלען ווי שטויב.

איצט איז ער צוריקגעקומען פעררי‍כטען, וואָס די פער־רעטער האָבען צושטערט. ער וויל אומקערען פראַנקרייך איהר גרויסקייט און שטאָלץ. זיינע פייערינע רייד דורכגענומען מיט גרוים ליעבע צו פראַנקרייך האָבען אויפגעשטורמט די פראַנצויזען און וואו ער איז געקומען האָבען איהם אלע אויפגענומען בעגייסטערט און געשריגען:

— עס זאָל לעבען פראַנקרייך! עס זאָל לעבען דער קייסער!

לודוויג דער אכצעהנטער האָט ארויסגעשיקט א פאָלק סאָלדאַטען צו ארעסטירען איהם, ווי די סאָלדאַטען זענען צוגעקומען צו איהם, האָבען זיי זיך געשטעלט אויף די קניה און איהם געשוואוירען טרייהייט. אלע גענעראַלען זענען צו־געשטאַנען צו איהם, ווער מיט'ן גוטען ווילען, ווער פאר מורא.

לודוויג האָט איהם פער'משפט צום טויט און בעשטימט צוויי מיליאָן פראנק בעלוינונג דעם וואָס וועט טויטען נאַ־פּאָלעאָנ'ען. די פעראייניגטע הערשער האָבען אויך דער־קלערט, אז דער ערשטער וואָס טרעפט איהם איז פערפליכ־טעט צו טויטען איהם, אָבער צווישען די מיליאָנען פראַנצוי־זען האָט זיך נישט געפונען איינער וואָס זאָל וועלען אוים־הויבען זיין האנד קעגען דעם פערגעטערטען העלד.

זיין ארמעע האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען. פון גאַנץ פראַנקרייך האָבען די מאַסען געצויגען צו איהם און מיט פרייד געשריגען:

— קום צוריק און קעניג איבער אונז!

באַלד איז ער אָנגעקומען נאָך פאַנטאַנעבלאָ, לעבען פּאַריז און לודוויג דער בורבאָן מיט זיין פאַמיליע און געטריייע אריסטאָקראַטען האָבען געמוזט אנטלויפען. דאָס איז געווען דעם ניינצעהנטען מערץ און דעם צוואַנציגסטען איז נאַפּאָ־

לעאָן אריין נאָך פאריז. דאָס פאָלק מיט'ן מיליטער האָט גע־שטורמט פאר פרייד און איהם אויף די הענד ארייננעטראָגען אין קעניגליכען פאַלאַץ אריין.

ער האָט קיינעם נישט בעשטראפט, נישט גענומען קיין נקמה און האָט מוחל געווען אלע פעררעטער. די איבערגע־בליבענע קרובים פון דעם בורבאנישען קעניג האָט ער ארויס־געשיקט אומבאריהרט פון לאנד. און אז ער האָט זיך דער־וואוסט, אז א סאָלדאט פון דער ארמעע וויל נישט שווערען טרייהייט צו איהם, ווייל ער וויל נישט ברעכען זיין שבועה, וואָס ער האָט געגעבען לודוויג'ען, האָט ער איהם געלויבט פאר זיין טרייהייט און איהם געשאָנקען אן אָרדען פון עהרען־לעגיאָן.

ער האָט אויך געשיקט א רוהיגע ערקלערונג צו די פער־אייניגטע הערשער און גערעדט גאנץ פריינדליך צו זיי. זיי האָבען איהם אָבער נישט געענטפערט און בעשלאָסען נישט אָפּצוטרעטען ביז זיי וועלען איהם שטרענג בעשטראָפען.

---

קריגערישע ארמעען זענען ווידער דורכגעגאנגען דורך ענסהיים וואו קאָבלעפעל, משה און צביה האָבען געוואוינט. אין שטאָדט איז געווען א סך ארבייט. ס'איז נישט געווען קיין איין הויז וואָס זאָל נישט האָבען א פערוואונדעטען אָדער א קראנקען.

משה און קאָבלעפעל האָבען אָפּגעגעבען זייערע הייזער פאר שפּיטאָלען און זיי האָבען געוואוינט אין זייערע גארטען־ביידלעך. צביה איז ווידער געוואָרען א שוועסטער צו די קראנקע און פערוואונדעטע. שרה, קכלעפעל'ס ווייב, האָט איהר צוגעהאָלפען.

דער אידישער דאָקטאָר פון ענסהיים האָט אויך פיעל מיה אוועקגעלייגט צו העלפען די פערוואונדעטע. זיי האָבען גע־היילט אלע פערוואונדעטע, פראנצויזען און פּרייסען, וואָס זענען דורכגעגאנגען מיט דעם מארשאָל בליכער.

צווישען די פערוואונדעטע וואָס משה האָט אריינגענומען איז געווען לודוויג מארקוזא, א יונגער הוזאר, א איד פון פּאָטסדאם, וואס א פראנצויזישער קיראסיר האָט איהם פערוואונדעט אין קאָפּ מיט דער שווערד.

לודוויג מארקוזא איז געווען דעם רייכען אידען פון סטרע־ליץ אברהם מארקוזא'ס אייניקעל. לודוויג איז געווען זעהר געלערנט און געקענט גוט העברעאיש.

אז מארקוזא איז געקומען צו זיך האט ער זיי דערצעהלט אז די אידען אין פרייסען וואס זענען נישט פערפליכטעט צו געהן אין ארמעע זענען מיט פרייד געלאפען פערגיסען זייער בלוט פאר פרייסען. אלע אידען, רייך און ארים, גיבען גרויסע סומען אויפ'ן קריגס־פאנד. די אידען האלטען זיך נישט מעהר פאר די אידען פון פרייסען, נאר פאר אי־דישע פרייסען. זיי בעווייזען גרויס העלדישקייט און געווינען אנערקענונג ביי דער רעגירונג.

דאסזעלבע טוען די אידען אין עסטרייך. אין וויען צייכע־נען זיך שטארק אויס די צוויי באראנעסעס, דעם בערלינער דניאל איציג'ס טעכטער, פאני פאן ארנשטיין און צעציליע פאן עשקעלעס. די גרעסטע לייט און אפילו הערשער קומען צו זיי אין הויז אריין און ריהמען זיי פאר דער וואונדערלי־כע ארבייט, וואס זיי טוען פאר'ן לאנד. זיי ברענגען פרייד אין די הייזער פון די ארימע, היילען קראנקע און שטיצען אלמנות און יתומים און דער עסטרייכישער קייסער האלט פון זיי זעהר פיעל.

מארקוזא האט זיי דערצעהלט, אז פונקט ווי דניאל אי־ציג'ס טעכטער אין וויען, זענען בעריהמט אין בערלין הענריע־טא הערץ און רחל לעווין. כאטש זיי זענען נישט רייך, טוען זיי אויך וואונדער פאר דער ארמעע און פאלק. הענריעטא איז אן אלמנה, דאקטאר מארקוס הערץ איז געשטארבען און נישט איבערגעלאזט קיין פערמעגען. רחל לעווין האט זיך גע'שמד'ט און חתונה געהאט מיט דעם שריפטשטעלער ווארנ־האגען פאן ענזע.

— אן אומגליק מיט די היינטיגע משכילים — האט משה זיך אנגערופען — נאר זיי שמד'ען זיך.

—א מאדנע זאך ביי אונז אידען — האט צביה געזאגט — אז די צרות זענען גרויס איז מען געטריי גאט, טאמער ווערט גרינגער און בעסער דאס לעבען, שמד'ען זיך א סך...

קאכלעפעל איז אריינגעלאפען מיט שטורם און בעגייס־טערט אויסגערופען:

— נאפּאָלעאָן איז דאָ צוריק! ער רופט דאָס פאָלק צו זיך און וויל עס בעפרייען פון די שונאים. מיר דארפען גלייך צושטעהן צו איהם!

משה מיט צביה'ן זענען גלייך געווען גרייט מיטצוגעהן מיט נאפּאָלעאָנ'ען אין פייער און וואסער. מארקוזא האט דאָס געזעהן און קריצענדיג מיט די צייהן האט ער געזאָגט:

— דער שלאנג איז שוין ווידער ארויס פון זיין נאָרע און וויל ברענגען א נייע קללה אויף דער וועלט. דאָס איז זיין סוף!

— וואָס פאר א ווערט האט גאנץ אייראָפּא קעגען פראנקרייך מיט דעם העלד נאפּאָלעאָן? — האָט משה געזאָגט בייז — ער איז א לייב צווישען בהמות, ער וועט זיי פערציקען ביז'ן לעצטען.

— געדענקסט ווי מיר האָבען געטריבען די פרייסען?— האט קאָכלעפעל זיך ארייגעמישט — א שעהנע צורה האָבען געהאָט זייערע פעסמונגען! מעגען אלע "אידישע פרייסען", די אלטווארג־העגדלער, ווערען בליכער'ס הוזארען וועט עס זיי נישט העלפען קעגען נאפּאָלעאָנען.

מאַרקוזא'ס אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט און שוואכערהייט האָט ער זיך אָנגעטאָן און ארויסגעגאנגען, זאָגענדיג:

— מיר'ן זיך נאָך בעגעגענען. עס וועלען זיך נאָך בעגעגענען פרייסישע העגדלער מיט די אידישע יאקאבינער פון פראנקרייך און מיר'ן זעהן ווער ס'וועט זיגען!

— א שאָד, דער בעגייסטערטער בחור איז אוועק קראנקערהייט, ער וועט נאָך פאלען אויפ'ן וועג — האָט צביה געזאָגט מיט צער.

— זאָל ער געהן צו אלע רוחות! — האָט קאָכלעפעל געזאָגט — ס'פערדריסט מיך, וואס כ'האָב איהם נישט געגעבען אין באק. ער האָט מיך גענוג אויפגערעגט מיט זיין ריהמען די משומדת'טעס.

צומאָרגענס האָט קאָכלעפעל צוזאמענגענומען אלע ענטהיימער אידישע יונגעלייט און זיי געראטען אריינצוטרעטען אין נאפּאָלעאָנ'ס אַרמעע.

ווען די הערשער וואָס זענען געווען אויפ'ן וויענער קאָנגרעס האָבען דערהערט אז נאַפּאָלעאָן איי צוריק אין פּאַריז, האָבען זיי פערגעסען אלע סכסוכים און בעשלאָסען צו צושמעטערן פראַנקרייך ביז זיי וועלען מאַכען א סוף צו נאַפּאָלעאָנען.

זיי האָבען צוזאַמענגעשטעלט אן ארמעע פון א מיליאָן מיט דריי הונדערט און פינף־און־זיבעציג טויזענט סאָלדאַטען. נאַפּאָלעאָן איז אויך נישט געזעסען מיט פערלייגטע הענד. איינס און צוויי האָט ער געשאַפען א פרישע ארמעע פון דריי הונדערט און פופציג טויזענט סאָלדאַטען. אויסער דעם איז געשטאַנען די נאַציאָנאַלע ארמעע, זעקס הונדערט טויזענט מאַן, גרייט צו געהן אין שלאַכט.

מיט שטורם האָט די פעראייניגטע ארמעע זיך געלאָזט צו די פראַנצויזישע גרעניצען. דער אוואַנגאַרד איז בעשטאַנען פון א פירטעל מיליאָן פוסגעהער און פערציג טויזענט רייטער, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם ענגלענדער וועלינגטאָן און בליכער פון פרייסען. זיי האָבען געהאַט פינף הונדערט און דריי און פערציג האַרמאַטען. דורך בעלגיען זענען זיי געגאַנגען אויף פראַנקרייך.

נאַפּאָלעאָן איז ארויס קעגען זיי מיט אן אוואַנגאַרד פון הונדערט און עטליכע און צוואַנציג טויזענד סאָלדאַטען און די בעריהמטסטע געטרייסטע גענעראַלען און דריי הונדערט מיט פופציג האַרמאַטען.

נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעווענדעט זיין אַלט מיטעל. צוצושפּאַלטען דעם שונא'ס רייהען און איהם צושמעטערן. ער האָט זיי בעגעגענט דעם זעכצעהנטען יוני אכצעהן הונדערט און פופצעהן אין נאַטור קרייז און עס האָט אויסגעבראָכען א פורכטבארע שלאַכט. ביידע ארמעען האָבען זיך געשלאָגען העלדיש און פערביטערט. ענדליך האָבען די פראַנצויזען געזיעגט און צוריקגעשטויסען די פיינדליכע ארמעע. בליכער איז אראָפּגעפאַלען פון פערד און שיער צוטראָטען געוואָרען. בליכער האָט דעמאָלט פערלוירען פינף און צוואַנציג טויזענט סאָלדאַטען אין שלאַכט און א צוואַנציג טויזענט זענען זיך צולאָפען. די פראַנצויזען האָבען נאָר פערלוירען

זיבען טויזענט מאַן. ביינאַכט איז געוואָרען אַ שלאַכט־רעגען, אַ מבול, און די געגענד איז געוואָרען פערפלייצט.

אין דער פריה האָט נאַפּאָלעאָן זיך פערנומען אויף וואַטערלא, וואו וועלינגטאַן איז געשטאַנען מיט זיין אַרמעע. ס'איז זיי אָבער געווען שווער צו געהן אין די וואַכערן און טיעפע בלאָטעס, וואָס האָבען דערגרייכט ביז איבער די קניה. די פערד האָבען נישט געקענט שלעפּען די האַרמאַטען. אָבער זיי האָבען זיך אָנגענומען מיט די לעצטע כחות און מוטיג בעפאַלען וועלינגטאַנ'ען און איהם דערלאַנגט שטאַרקע קלעפּ.

וועלינגטאַן האָט אויסגעקוקט אַז בליכער זאָל איהם קומען צו הילף און ער האָט עטליכע מאָל אויסגעשריגען:

— גאָט, זאָל קומען בליכער, אָדער זאָל ווערען נאַכט!

און ביידע זענען געקומען אויף אַמאָל. מיט'ן אָבענד צוגלייך איז אָנגעקומען בליכער מיט זיינע פלינקע רייטער און פּלוצלונג בעפאַלען די פראַנצויזען, וואָס האָבען ערשט געקעמפט ווי לייבען. אָבער זיי זענען געוואָרען צוטומעלט און אויסדרעהענדיג זיך מיט'ן רוקען צו די פיינד האָבען זיי געשריגען:

— אַנטלויפט! ראַטעוועט אייך!

די פראַנצויזען זענען זיך צולאָפען, נאָר די גרענאַדירען האָבען זיך געהאַלטען פעסט ביז זיי זענען געפאַלען טויט. די איבריגע האָבען צובראָכען זייערע שווערדען אָדער זיך גענומען דאָס לעבען. נאַפּאָלעאָן איז אַנטלאָפען נאָך פּאַריז און געהאַפט צוזאַמענעמען די קרעפטען און אַרויסטרעטען; אויפסניי אויף'ן שלאַכטפעלד.

אָבער די עלטסטע פון דער הויפּט־שטאָדט און דער סענאַט האָבען איהם מעהר נישט געוואָלט העלפען, מורא האָבענדיג פאַר די פעראייניגטע. ער האָט נאָך געהאַט אַ סך אַנהענגער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסרופען אַ ברידער־קריעג און ער האָט ווידער אויפגעגעבען די האָפנונג אויף'ן טראָהן.

ער האָט געבעטען די פעראייניגטע הערשער זיי זאָלען בעשטימען זיין זוהן אַלס יורש פון טראָהן אונטער דער אויפזיכט פון זיין מוטער די קייסערין. די פעראייניגטע האָבען אָבער צוריקגעוויזען זיין פערלאַנג. איז ער אוועק נאָך ראָש־

פאר און געוואָלט אנלויפען נאָך אמעריקא. דאָס איז געווע־
דעם דריטען יולי.

ער האָט אָבער געפונען געשלאָסען דעם האפען ארומגע־
רינגעלט מיט ענגלישע שיפען. האָט ער זיך איבערגעגעבען
צו די ענגלענדער, האָפענדיג אז ענגלאנד וועט געדענקען זיין
העלדישקייט און וועט איהם לאָזען פאָהרען נאָך אמעריקא.

די ענגלענדער האָבען איהם אָבער שרעקליך פיינט גע־
האַט און האָבען איהם פערשיקט אויף סט. העלענא, א פעל־
זיגער אינזעל ווייט פון מענשען מיט אַן אומגעזונטען קלי־
מאַט, ער זאָל דאָרטען אויסגעהן ביסלעכוויים.

דעם אכטען יולי האָט לודוויג דער אכצעהנטער זיך אומ־
געקערט נאָך פאריז און ווידער איבערגענומען די מאַכט. דעם
צוואַנציגסטען נאָוועמבער האָבען די פעראייניגטע געשלאָ־
סען פרידען מיט איהם און שוין נישט אזוי גוט בעהאנדעלט
פראנקרייך. זי איז געבליבען ביי איהרע גרעניצען פון זיבע־
צעהן הונדערט און נייינציג, האָט געמוזט צאָהלען זיבען
הונדערט טויזענט פראנק קאָנטריבוציע, זי האָט פערלוירען די
אלע אוצרות און אנטיקען וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אוועקגע־
נומען פון פערשיעדענע לענדער. צו דעם האָבען זיי איבער־
געלאָזט אַן ארמעע פון הונדערט און פופציג טויזענד סאָלדאָ־
טען אויף פינף יאָהר, וואָס פראנקרייך מוז זיי אויסהאַלטען,
צו פערהיטען פראנקרייך פון א נייעם אויפשטאַנד און
מלחמה. עטליכע גענעראַלען זענען פער׳משפט געוואָרען צום
טויט, ווייל זיי האָבען פערראַטען דעם בורבאָנישען קעניג
און זענען צוגעשטאַנען צו נאַפּאָלעאָנ׳ען.

---

א טרויעריגע צייט איז געקומען אויף פראנקרייך. די
פראנצויזען האָבען בעוויינט זייער העלד נאַפּאָלעאָן ווי א
טויטען, און געקלאָגט אויף דעם בורבאָנישען קעניג, וואָס
מען האָט זיי אָנגעהאָנגען. די אידען זענען אויך געוואָרען
אומרוהיג. דער נייער קעניג איז געקומען, די אלטע פיהרונ־
גען זענען איינגעפיהרט געוואָרען און זיי האָבען מורא גע־
האַט אז די אלטע גזרות וועלען ווערען בענייט.

וועלינגטאָנ׳ס און בליכער׳ס סאָלדאַטען זענען געשטאַנען
אין בעלגיען און געשיקט גאַנצע גרופּעס נאָך עלזאַס און

לאַטרינגען ברענגען שפּייז פאַר דער אַרמעע און פּאַשע פאַר די פערד. ווי די היישעריקען זענען זיי בעפאַלען די שטעדט און דערפער און אוועקגענומען אַלץ וואָס זיי האָבען געפונען.

אַ פאַרנאַכט איז דאָס געווען. קאַבלעפּעל האָט געענדיגט מושטירען זיין קליינע גרופּע יונגע לייט, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר דער פראַנצויזישער אַרמעע. צוואַנציג פּרייסישע רייטער מיט אַן עלטסטען זענען אָנגעקומען נאָך ענזעסהיים און דער עלטסטער איז צוגעגאַנגען צו קאַבלעפּעל'ן מיט משה'ן און אויף פראַנצויזיש בעפוילען:

— עפענט אויף אייערע שפּייכלערס, גיט אונז פערד און וועגען מיר זאָלען אוועקפיהרען אייער תבואה אין אונזער לאַגער.

— נעם מיט ס'געוואַלט, אויב דו קענסט — האָט קאַבלעפּעל געזאָגט בייז.

דער פּרייסישער עלטסטער האָט געזעהן אַז מיט גוטען וועט ער נישט פּועל'ן. האָט ער געהייסען די רייטער אַראָפּגעהן און ציהען די שווערדען. קאַבלעפּעל האָט אויסגעשטעלט זיין גרופּע יונגע לייט. משה איז אַריינגעלאָפען אין שטוב, אָנגעטאָן די שווערד און געכאַפּט די ביקס און זיי האָבען אָנגעהויבען קעמפען צו פּעריאָגען דעם שונא.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַנאָלעריי. די שווערדען האָבען געקלונגען און פערוואונדעטע זענען געפאלען פון ביידע זייטען. קאַבלעפּעל האָט זיך געוואָרפען מיט זיין שווערד אויפ'ן פּרייסישען עלטסטען, יענער האָט איהם צוריק דערלאַנגט מיט דער שווערד און ביידע זענען אומגעפאלען אין אַ טייך בלוט.

— שמע ישראל! — האָט קאַבלעפּעל געגעבען אַ געשריי.

— ה' אלהינו, ה' אחד! — האָט נאָכגעזאָגט דער פּרייסישער עלטסטער.

די פּרייסען האָבען דערזעהן אַז זייער עלטסטער איז געפאַלען זענען זיי אַנטלאָפען. נאָר איינער איז געבליבען. ער האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן עלטסטען און ביטער געיאָמערט:

— בעסער וואָלט איך געשטאָרבען פאַר דיר!

די גאַנצע בלוטיגע שלאַכט האָט געדויערט עטליכע מינוט. צביה מיט שרה'ן זענען גלייך אַרויסגעלאָפען פון שפּיטאָל,

בלייכע מיט צופּאטעלטע האָר זענען זיי אָנגעקומען און דער־זעהענדיג קאָכלעפעל'ן אין א טייך בלוט האָבען זיי געשריגען אזוי ביטער.

משה איז געשטאַנען צוטומעלט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דער דאָקטאָר האָט אָבער בעפוילען גיך אריינצו־טראָגען די פערוואונדעטע אין שפּיטאָל. דער גלח האָט צו־גענומען די געטויטע קריסטען און די אידישע האָבען זייערע עלטערן מיט יאָמערליכע געשרייען אהיימגעטראָגען.

דער דאָקטאָר האָט רעווידירט קאָכלעפל'ן און מיט קלאַ־פּענדיגע הערצער זענען געשטאַנען צביה, משה און שרה. דער דאָקטאָר האָט טרויריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. די וואונד איז געווען טויטליך. די שווערד איז אריין אין האַרצען.

— אומגליקליך בין איך! — האָט שרה גויאָמערט — ווער האָט זיך געריכט, אז איך וועל אזוי גיך פערלירען די קרוין פון קאָפּ!

— וועה איז מיר! — האָט דער פּרייסישער כאָלדאַט געקלאָגט איף זיין עלטסטען — יונגערהייט איז איבערגע־האקט געוואָרען זיין לעבען! וואָס וועל איך זאָגען זיינע עלטערן? זייער איינציג קינד האָבען זיי פערלוירען!

צביה האָט אנגענומען די האנד פון דעם אויסגעהענדיגען קאָכלעפעל, געקושט און נאס געמאכט מיט איהרע טרערען און גויאָמערט:

—ווי ליעב ער האָט אונז געהאט! א געטרייער טאַטע איז ער געוועזן. אן איבערגעגעבענער ברודער! אוי, וואָס פאר א בראָך!

מיט די לעצטע כחות האָט קאָכלעפעל געעפענט די אויגען און מיט דער שוואכער האנד צוגעצויגען צביה'ס קאָפּ און איהר געגעבען א קוש אין שטערן. דערנאָך האָט ער געקושט שרה'ן אין מויל און קוים וואָס מען האָט געהערט האָט ער געמורמעלט:

— אין טישקעסטעל... די צוואה... פאָלגט... די צוואה... גאָט... זאָל... אייך... בענטשען...

אין עטליכע מינוט ארום איז דער גוטער טייערער נפתלי קאָכלעפעל אויסגעגאנגען.

שרה האָט זיך געשלאָגען קאָפּ אן וואַנט. צביה איז גע־

פאלען חלשות. און משה איז געשטאנען צומישט און נישט געוואוסט וואס ס'טוט זיך מיט איהם.

דער דאקטאר האט געהאט גרוים מיה ביז ער האט אלע־מען געראטעוועט און בערוהיגט. דער פרייסישער סאלדאט וואס האט בעקלאגט זיין עלטסטען איז אויך געווען א איד. ער האט געהייסען מאריץ זעליגמאן און איז געווען אן אנגע־שטעלטער ביים געטויטעטען עלטסטען'ס פאטער, דער בע־ריהמטער אידישער גביר לעאן מאזעס פון בערלין.

ער האט זיי דערצעהלט, אז דער געפאלענער עלטסטער איז לעאפאלד מאזעס, אן אייניקעל פון ר' יעקב מאזעס, וואס איז געווען דער ראש פון די פרנסים אין בערלין און דע־עלטסטער פון אלע אידישע קהלות אין פ"ייסען.

לעאפאלד איז געווען אן איינציגער זוהן, א געטרייער איד, האט געקענט גוט לערנען און איז געווען א מיטגליד פון דער חברה "שוחרי הטוב ותושיה". ער האט מיט א ברייטער האנ־געשטיצט אלמנות און יתומים און אלע האבען איהם ליעב געהאט.

ער איז געגאנגען פרייוויליג אין דער ארמעע. אין דער גרויסער שלאכט ביי לייפציג האט ער זיך שטארק אויסגעצייכענט. דער קעניג האט איהם אייגענהענדיג אנ־געטאן דעם "אייזענעם קרייץ" און בעשטימט פאר אן עלטסטען.

ער, זעליגמאן, איז צוליעב איהם אויך אריינגעטראטען אין דער ארמעע, ווייל ער האט איהם שטארק ליעב געהאט אין ער האט איהם אפגעהיט ווי די אויגען אין קאפ.

אלע האבען ביטער געוויינט וואס דער יונגער לעאפאלד, דער געטרייער איד, האט געטויט זיינס א ברודער, נפתלי קאכלעפל'ן און ער איז אומגעקומען פון זיין ברודער'ס שווערד.

נפתלי קאכלעפעל האט געהאט א גרוים לויה. אידען און קריסטען האבען איהם בעוויינט. צביה מיט שרה'ן האבען אזוי פיעל געוויינט אז מען האט זיי געמוזט פיהרען צו דער לויה, זיי האבען נישט געהאט קיין כח צו וויינען.

באלד נאך דער לויה האט מען געעפענט נפתלי קאכ־לעפעל'ס צוואה. זיין גאנץ פערמעגען האט ער איבערגע־

לאָזט צביה'ן מיט משה'ן, וואָס ער האָט זיי געהאַלטען ווי אייגענע קינדער. פינף טויזענט פראַנק האָט ער איבערגעלאָזט אויף צדקה און אכצעהן טויזענט פראַנק זיין אלמנה שרה.

---

א צרה קומט נישט אליין. זי שלעפּט מיט נאָך איינע. און נאָך אַן ערגערע. משה האָט זיך שטאַרק מצער געווען וואָס ער האָט פערלוירען אזא טייערן פריינד ווי נפתלי קאָכלעפעל. אָבער גאָט האָט איהם נאָך הארבער בעשטראָפט.

צומאָרגענס נאָך נפתלי קאָכלעפעל'ס לויה איז צביה פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און פּונקט צו די שבעה איז זי געשטאָרבען. זי האָט בעקומען א שרעקליכען נערוועז־פיבער. האָט געברענט ווי פייער און מורמלענדיג דעם נאָמען משה איז זי אויסגעגאנגען.

משה'ס צער האָט געשפּאָלטען די הימלען. אמאָל האָט ער געמיינט אז ער האָט ביידען פערלוירען אין איין טאָג. און ער האָט זיי שטאַרק בעוויינט. ווי גרויס איז געווען זיין פרייד אז גאָט האָט זיי אומגעקערט לעבעדיג צו איהם. איצט האָט ער זיי ביידע פערלוירען אין איין וואָך. און עס איז שוין נישט קיין טעות. פאר זיינע אויגען זענען זיי אויסגעגאנגען.

ער האָט געלייגט צביה'ן לעבען נפתלי'ן, וואָס איז איהר געווען געטריי ווי א פאָטער. און ער האָט ביידע קברים פון דאָס טייערסטע אין זיין לעבען בעקלאָגט און בעוויינט און געבעטען אויף זיך דעם טויט.

עלענט און פערלוירען איז געבליבען משה. אָהן א טרייסט אין זיין פינסטער לעבען. ער און שרה האָבען זיך יעדען טאָג געטראָפען אויף די צוויי קברים וואו זיי האָבען בעוויינט זייער גרויסען בראָך.

פּלוצלינג איז אָנגעקומען א רעגירונגס־בעפעהל אז משה און שרה זאָלען פערלאָזען זייערע הייזער. דאָס לאַנד ווערט אומגעקערט צו דעם פריץ. דעם פריהערדיגען בעל־הבית, וואָס די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט קאָנפיסקירט זיין ערד. זיי וועלען בעקומען א געוויסע סומע געלד פערגיטיגונג, קיין טייל אפילו נישט פון דעם וואָס זיי האָבען אריינגעלייגט בויענדיג הייזער און פלאַנצענדיג גערטנער.

איצט איז זיי טאַקי מעהר נישט געבליבען ווי די צוויי

קברים, און דאס וועלען זיי אויך פערלאזען. משה האט בע־שלאסען צו פערלאזען אייראפא מיט איהרע מלחמות און איבערקערענישען און אומגליקליכקייט און אוועקפאהרען נאך ארץ ישראל. ער וועט זיך בעזעצען אין ירושלים און אפגעבען די יאהרען וואס זענען איהם געבליבען צו לעבען צו דינען גאט און זיצען און לערנען.

אז פרה האט דאס דערהערט האט זי געבעטען משה'ן ער זאל זי מיטנעמען נאך ארץ ישראל. זי איז עלענט. האט נישט קיין קרוב און קיין גואל. זי וויל בעסער זיין א דינסט ביי איהם, האט זי געזאגט, איידער עלענט און אליין לעבען ברייט פון דער ירושה וואס איהר געטרייער מאן נפתלי האט איהר איבערגעלאזט.

משה האט איהר ניט געקענט אפזאגען. ער האט געוואוסט אז זי איז אן עהרליכע און א גוטע און ער האט זי מיטגענו־מען, זי זאל איהם זיין ווי א שוועסטער און זיי וועלען זיך דערמאנען אן די צוויי טייערע גוטע נשמות און די גוטע צייטען, וואס זיי האבען געהאט און וואס וועלען זיך מעהר נישט אומקערען. .

---

די דאזיגע מגלה האט אנגעשריבען משה אין יאהר ה' אלפים, תקע"ה און ער האט צוגעשריבען די פאלגענדע ווער־טער:

איך וועל שוין אוועק פון דער וועלט ווי א טרוקענע צווייג. קיין אנדער ווייב וועל איך שוין נישט נעמען. צביה'ס אנדענקען איז מיר צו טייער, איך זאל זי פערביימען אויף אן אנדערע.

איך וועל שוין נישט האבען קיין קינדער, וואס זאלען אויפשטעלען מיין נאמען אין מיין פאלק. דעריבער האב איך אנגעשריבען די מגלה כדי מיין נאמען זאל נישט ווערען אויס־געמעקט פון זכרון. איך לייג ביי צו דער מגלה די מגלת רות, דאס ספר פון מיין יחוס, איך שטאם דאך פון דוד המלך, דאס ספר רות איז געוועזן אזוי טייער מיין טייערע צביה'ן ווייל לערנענדיג רות זענען מיר געווארען חתן־כלה. היינט, ווען איך בין פינף און פופציג יאהר אלט, שרייב איך די מגלה.

איך שיק די מגלה און מגלת רות צו מיין פעטער ר' יהודה

אברבנאל, דער רב אין מאראָקאָ. גאָט האָט איהם געבענשט מיט וואוילע קינדער זאָלען זיי האָבען די מגלה צוזאַמען מיט די מגלות פון אונזערע עלטער זיידעס, וואס זיי האַלטען מיט זיך און זיי וועלען זיי האַלטען ביז גאָט וועט שיקען דעם ריכטיגען גואל פון אונזער משפחה, דאס אמת'ע איבער־בלייבונג פון אונזער פאטער דעם מלך דוד'ס הויז. און זיין הערשאפט וועט ווערען דערהויבען דורך דער ישועה פון אונ־זער פאָלק.

אָמן ואָמן.

**דאָס זענען די רייד**

**פון משה בן ר' מאיר ענסהיים,**
**פון דער משפחה אברבנאל,**
**פון די קינדער פון דוד בן ישי,**
**דער מלך פון ישראל.**

**ע נ ד ע**